STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06698

IDISHE DENKER UN POETEN IN MITEL-ALTER

I. Ginzburg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידישע דענקער
און פּאָעטען

אין מיטעל־אלטער

(צווייטער באנד)

פון

דר. א. גינזבורג

„פארווערטס־ אויסגאבע

1919

Copyright 1920
By Dr. I. Ginzburg
(All rights reserved)

אינהאַלט פאַרצייכנים :

די אידען אין צפון פראַנקרייך.

קאַפּיטעל איינס :

די אידען אין פראַנקרייך. ווען זיי האבען זיך דארטען בעזעצט און פון וואנען זיי זיינען אהין געקומען. זייער עקאנאמישע און פאליטישע לאגע. דער קולטורעלער מצב פון די מערב־אייראָ־פעאישע פעלקער און ווי אזוי דאס האט זיך אפגערופען אויף די אי־דען. מיט וואס די אידען זיינען געשטאנען העכער פאר זייערע קריסט־ליכע שכנים. דער אנפאנג פון דעם תלמוד־שטודיום אין פראנק־רייך. ר׳ ק ל ו נ י מ ו ס און זיין זוהן ר׳ מ ש ה פון ל ו ק א. נ ת ן ה ב ב ל י און זיין תלמיד ל ע א נ ט י ן, רבינו גרשום „דער ליכט פון גלות" און זיין ישיבה. דער גרויסער ערפאלג פון די פראנצויזיש־דייטשע אידען אויף דעם געביעט פון תלמוד. צווי־שען א רייהע פון גלענצענדע תלמודיסטען איז דער גלענצענדסטער — ר ש " י. 18—9

קאַפּיטעל צוויי :

רש"י אין דער לעגענדע. 30—19

קאַפּיטעל דריי :

רש"י'ס ערציהונג. דער אידישער חרד אין מיטעלאלטער. רש"י'ס רביים. רש"י בעזעצט זיך אין טרוא און עפענט דארטען א ישיבה. זיינע „תשובות" און זיין פאעזיע. 41—31

קאַפּיטעל פיער :

רש"י אלס קאמענטאטאָר. 53—42

קאפיטעל פינף :

דער איינפלוס פון רש״י. די „בעלי התוספות״. ווארום רש״י׳ס פירוש הייסט „קונטרס״. דער חלוק צווישען רש״י און די „בעלי התוספות״. ר׳ י ו ס ף ב״ר ש מ ע ו ן ק ר א און ר׳ י ו ס ף ב״ר י צ ח ק ב כ ו ר ־ ש ו ר און זייערע פירושים אויף דער בי״על. דער רשב״ם אלס קאמענטאטאר. רבינו תם און זיינע תקנות. די ערשטע „עלילת דם״ בעשולדיגונג. די רדיפות געגען די אידען און זייער ווירקונג אויף דער ווייטערער ענטוויקלונג פון די פראנצויזיש־דייטשע אידען. 64—54

די אידען אין דרום פראנקרייך.

קאפיטעל זעקס :

די אידען פון דרום פראנקרייך אלס די פערמיטלער צווישען דער אידיש־אראבישער קולטור און די אידישע קולטור פון די אנדערע אייראפעאישע לענדער. די פאמיליע ק מ ח י : ר׳ יוסף קמחי און זיין זוהן ר׳ דוד קמחי (דער רד״ק). די פאמיליע א ב ן־ת ב ו ן, „די פאטערס פון די איבערזעצער״. ר׳ יהודה אבן־תבון, ר׳ שמואל אבן־תבון, ר׳ משה אבן־תבון און די ספרים וואס זיי האבען איבערזעצט פון אראביש אין העברעאיש. די קולטורעלע בעדייטונג פון זייערע איבערזעצונגען. אנדערע מיטגליעדער פון דער אבן־תבון פאמיליע. 75—65

קאפיטעל זיעבען :

די אידישע פאעזיע אין דרום פראנקרייך. א ב ר ה ם ב ע ד א ר ע ש י (בדרשי) און זיין זוהן ר׳ י ד ע י ה ה פ נ י נ י. די נייע מחלוקה וועגען דעם רמב״ם, איהרע אורזאכען און איהרע פיהרער. די שטעלונג פון דעם „פניני״ צו דער מחלוקה און זיין „אגרת ההתנצלות״. זיין ספר „בחינת עולם״. 85—76

קאפיטעל אכט :

ק ל ו נ י מ ו ס ב ן ק ל ו נ י מ ו ס — א אידישער סאטיריקער פון פיערצעהנטען יאהרהונדערט. די אידישע לאגע אין פראנקרייך. די „גזרה פון די פאסטוכער״ און די „גזרה פון די קרעציגע״. זיין הויפט ווערק „אבן־בוחן״, וואו דער ערנסט און דער שפאס געהען האנד אין האנד. זיין בייסענדע סאטירע וועגען זיינע צייטגענאסען. 96—86

קאפיטעל ניין :

די אידישע פילאזאפען פון דרום־פראנקרייך. ר׳ י ו ס ף א ב ן־כ ס פ י. ר׳ מ ש ה נ ר ב ו נ י. דער „שווארצער טוים״ און

די לאגע פון די אידען אין דרום־פראנקרייך און שפאניען. דער פאבסט קלעמענס דער זעקסטער. די משומדים־עפידעמיע. דער משומד אבנער פון בורגאס. זיין „אגרת הגזרה“ און ר׳ משה נרבוני׳ס ענטפער „מאמר בבחירה“. 107—97

קאפיטעל צעהן :

רבי לוי בן גרשון (דער רלב״ג). זיינע וויסענשאפטליכע, מאטהעמאטישע און אסטראנאמישע ספרים. זיינע פירושים אויף דער ביבעל. זיין פילאזאפישער ספר „מלחמות ה׳“. זיין בעציהונג צו די פריהערדיגע פילאזאפען און זיין אונערשראקענהייט. זיין מיינונג וועגען אונשטערבליכקייט. זיין מיינונג וועגען גאט׳ס וויסען און דעם מענשליכען פרייען ווילען. וואס מיינט השגחה? איז די וועלט א בעשאפענע אדער אן אייביגע? איז זי בעשאפען פון גאר נישט אדער פון א עטוואס? 143—108

די אידען אין איטאליען.

קאפיטעל עלף :

די אידען פון איטאליען. ר׳ שבתי דאנאלא און זיין צייט. דער „קליינער יוסיפון“ און זיין מחבר. דער תנא רבי עליהו״. ר׳ נתן בר׳ יחיאל פון רוים און דער „ערוך“. ר׳ הלל בן שמואל פון ווערא ר׳ זרחיה אבן־חן. 153—144

קאפיטעל צוועלף :

ר׳ עמנואל הרומי און זיין צייט. די בעציהונגען צווישען די אידישע און די קריסטליכע געלעהרטע. יהודה ראמאנא און ר׳ בנימין ב״ר משה. דער איינפלוס פון די אידיש שפאנישע און פון די איטאליענישע פאעטען אויף עמנועל׳ן. עמנואל׳ס פארנאגראפישע ליעדער. זיינע ליעבע־ליעדער. זיינע תפילות. זיין „עדן ותופת“ (גן־עדן און גיהנום) אין פערגלייך מיט דאנטע׳ס „געטליכע קאמעדיע“. 177—154

די אידען אין דייטשלאנד.

קאפיטעל דרייצעהן :

די קולטור פון די אידען אין דייטשלאנד און די אידישע קולטור פון צפון פראנקרייך. דער פראטעסט געגען די טרוקענע הלכות פון דעם תלמוד. דער ראציאנאליזם און דער מיסטיציזם. דער דייטשער מיסטיציזם און זיין איינפלוס אויף די אידען. די קרייציגע און זייער איינפלוס אויף דעם גייסטיגען צושטאנד פון דער אייראפעאישער בעפעלקערונג. די גייסטיגע עפידעמיען. אידישע און

קריסטליכע אבערגלויבענס. ר׳ יהודה האלט מעהר פון „עבודה" ווי פון תורה. ר׳ יהודה החסיד אלס פאעט. ר׳ יהודה החסיד און זיינע תלמידים. דער „ספר חסידים" און זיין קולטור־היסטארישע בעדייטונג. 197—178

קאפיטעל פיערצעהן:

ר׳ אלעזר פון ווארמס — דער וויכטיגסטער תלמיד פון ר׳ יהודה החסיד. די מארטירער פסיכאלאגיע פון דעם אידישען פאלק און די פילאזאפיע פון ענטזאגונג. די דייטשע און די שפאנישע קבלה. דער „רוקח" און זיין מאראל. 205—198

קאפיטעל פופצעהן:

ר׳ מאיר פון ראטהענבערג אלס ראציאנאליסט. זיינע תלמודישע קענטניסע און זיין שטעלונג צו דער מיסטישער ריכטונג פון ר׳ יהודה החסיד. זיין ארעסט, און זיין טויט אין געפענגניס. ר׳ מאיר ראטהענבערג אלס פאעט. 214—206

די אידען אין ענגלאנד.

קאפיטעל זעכצעהן:

די אידען אין ענגלאנד. זייער עקאנאמישע און פאליטישע לאגע. די פאגראמען און די שחיטות, וועלכע האבען זיך געענדיגט מיט דעם ארויסטרייבען פון די אידען פון ענגלאנד. ווארום די ענגלישע אידען אין מיטעל־אלטער זיינען געשטאנען קולטורעל נידריגער ווי די אידען פון די אנדערע לענדער. ר׳ ב ר כ י ה ב״ר נ ט ר ו נ א י ה נ ק ד ו ן. זיין „משלי שועלים" און זיינע אנדערע ספרים. 224—215

די פאלעמישע ליטעראטור.

קאפיטעל זיעבצעהן:

שפורען פון פאלעמישער ליטעראטור אין דער ביבעל. פאלעמישע ליטעראטור אין דער גריכישער עפאכע. א ר י ס ט א ב ו ל ו ס, פ י ל א ן ד ע ר א י ד און י א ז ע פ ו ס פ ל א ו ו י א ו ס. דאס געבורט פון קריסטענטהום און די נייע ווענדונג פון דער פאלעמישער ליטעראטור. די ויכוחים מיט די „מינים" אין תלמוד און אין די מדרשים. די פאלעמיק מיט די משומדים. „ספר מלחמות לה׳, פון יעקב בן ראובן. וכוח פון ר מ ב " ן. 239—225

קאפיטעל אכטצעהן:

די אידען פערפאלגונגען אין שפאניען אין פיערצעהנטען יאהרהונדערט. די „אנוסים". די משומדים להכעים. פ א ו ל ד ע ס א נ־

ט א ־ מ א ר י א און זיין שנאה צו אידען און יודענטהום. ר׳ יהושע בן יוסף א ל ־לו ר ק י און זיין בריעף צו פאולען. פ ר א פ י א ט ד ו ר א ן און זיין בעריהמטער „אל תהי כאבותיך“ זיין „כלמת הגויים“ און אנדערע ספרים. 249—240

קאפיטעל נײנצעהן:

ר׳ ח ס ד א י ק ר ש ק ש. זיין קאמפף געגען דעם אריסטאטעליא־ניזם, הויפטזעכליך געגען די אידישע אריסטאטעליאנער ווי דער רמב״ם און דער רלב״ג. זיין קאמפף געגען די דאגמען פון קריס־טענטהום און זיין „בטול עקרי הנוצרים“. זיין איינפלוס אויף שפינאזא׳ן. 256—250

קאפיטעל צוואנציג:

די פאלעמישע ליטעראטור אין די דייטשע און סלאווישע לענדער. ל י פ מ א ן מ י ל ה ו י ז ע ן און זיין „ספר הנצחון“. דער קאראאים י צ ח ק ב ן א ב ר ה ם ט ר א ק י און זיין קלא־סישע ווערק „חזוק אמונה“. זיין קריטיק אויף דעם „ברית חדשה“ און זיין איינפלוס אויף די קריסטליכע פריידענקער ווי ו ו א ל־ט ע ר און ד א ו ו י ד פ ר י ע ד ר י ך ש ט ר ו י ס. 264—257

די אידען אין צפון פראנקרייך.

I.

די אידען אין פראנקרייך. ווען זיי האבען זיך דארטען בעזעצט און פון וואנען זיי זיינען אהין געקומען. זייער עקאנאמישע און פאליטישע לאגע. דער קולטורעלער מצב פון די מערב־אייראפעאישע פעלקער און ווי דאס האט זיך אפגערופען אויף די אידען. מיט וואס די אידען זיינען געשטאנען העכער פאר זייערע קריסטליכע שכנים. דער אנפאנג פון דעם תלמוד־שטודיום אין פראנקרייך. ר' קלונימוס און זיין זוהן, ר' משה פון לוקקא. נתן הבבלי און זיין תלמיד לעאנטין. רבינו גרשום „דער ליכט פון גלות" און זיין ישיבה. דער גרויסער ערפאלג פון די פראנצויזיש־דייטשע אידען אויף דעם געביעט פון תלמוד. צוויי־שען א רייהע פון גלענצענדע תלמודיסטען איז דער גלענצענדסטער—רש"י.

די גענויע צייט, ווען אידען האבען זיך צום ערשטען אנגעפאנגען צו בעזעצען אין פראנקרייך אדער, ווי מען האט איהר דאמאלס גערופען, גאליען, קען מען אויף זיכער ניט בעשטימען. עס איז כמעט אהן שום ספק, אז א קלענערע אדער גרעסערע אידישע בעפעלקערונג האט זיך שוין דארטען געפונען נאך אין דער צייט, ווען גאליען איז בלויז געווען א טהייל אדער א קאלאניע פון דער גרויסער רוימישער אימפעריע, נאך איידער די פראנקען זיי־נען דארטען געווארען די בעלי בתים. „אויב מיר גלויבען אין דעם רעכט פון דעם ערשטען איינזיעדלער", בעמערקט מא־ריס ליבער, א אידיש־פראנצויזישער שריפטשטעלער:

„דאן זיינען דיא פראנצויזישע אידען מעהר פראנצויזיש ווי פיעלע פון דיא פראנצויזען גופא“.

מען דארף ניט פערגעסען, אז דער אידישער גלות האָט זיך אָנגעפאנגען נאָך איידער די צושטערונג פון דעם טעמפעל און איידער די פאָלשטענדיגע פערניכטונג פון דער אידישער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיגקייט. נאָך איידער די אידען זיינען מיט געוואלט ארויסגעריסען געוואָרען פון זייער היים און פערטריעבען געוואָרען פון זייער לאנד דורך די רוימער צוליעב פּאָליטישע אורזאכען, זיינען שוין פיעלע פון די אידען געצוואונגען געוואָרען צו פערלאָזען זייער פאטער־לאנד און זוכען זייער גליק אין פרעמדע לענדער צוליעב עקאָנאָמישע אורזאכען. נאָך איידער עס איז געקומען דער פּאָליטישער גלות איז שוין געווען, אויב מען קען עס אזוי אָנרופען, אן עקאָנאָמישער גלות. דאָס לאנד, ארץ ישראל, פארנעהמט, פערהעלטניס־מעסיג, א גאנץ קליינעם שטח. און ווען די בעפעלקערונג איז פערגרעסערט געוואָרען דורך דער נאַטירליכער פערמעהרונג, איז דאָס לאנד פשוט געוואָרען צו קליין. עס האָט ניט גע־קענט אויסהאלטען און שפייזען די צוגעקומענע בעפעלקערונג, בפרט דאמאלסט, ווען די אינדוסטריע איז בכלל געשטאנען אויף א ניעדעריגע מדרגה. אנדערע פעלקער אונטער אזעלכע אומשטענדען פלעגען זיך ארייננרייסען ווי רויבער אין די בע־נאכבארטע לענדער, אויס׳הרג׳ענען אָדער פערקויפען אלס שקלאַפען די ארטיגע בעפעלקערונג, און פערנעהמען זייערע לענדער. אויף אזא ארט זיינען אויסגעבויט געוואָרען די גרויסע מלוכות און אימפעריען. אין א געוויסער צייט פון זייער היס־טאָריע האָבען דאָס אויך געטהאָן די אידען. אָבער אין דער צייט פון וועלכער דאָ ווערט גערעדט, האָבען שוין די אידען לאנג אויפגעהערט צו זיין א מיליטעריש פאָלק. זייער מילי־טאַריסטישע קאריערע האָט זיך שוין לאנג צוריק געענדיגט. צו קליין און צו שוואַך, און אפשר אויך צו ווייניג ברוטאל, האָט דאָס אידישע פאָלק שוין אָנגעפאנגען צו פרידיגען רעכט אנשטאָדט מאַכט, מענשען־ליעבע

אנשטאדט ב ר ו ד ע ר־מ א ר ד. ווענן פערכאפען פרעמדע לענדער האט גאר קיין רייד ניט געקענט זיין, ווייל זיין אייגען לאנד איז שוין מעהר ניט געווען זיינס, זיין איי־גען־לאנד איז געלעגען אונטער די אייזערנע נעגעל פון רוי־מישען אדלער. און דער רוימישער ערטבערער האט ניט גע־שאנעוועט זיינע קרבנות: ער האט פון דעם ארעמען לאנד א ר ץ י ש ר א ל די לעצטע ביסעל זאפט אויסגעזויגט דורך די שווערע שטייערען, אזוי אז די לאגע פון דער בע־פעלקערונג איז דורך דעם געווארען נאך ערגער. די אידען זיי־נען אלזא געצוואונגען געווארען צוליעב דעם עקאנאמישען דרוק צו פערלאזען זייער לאנד, און שוין אין דעם ערשטען יאהר־הונדערט פון דער קריסטליכער צייט־רעכנונג געפינען מיר אידישע קהלות אין פיעלע טהיילען פון דער רוימישער אימפעריע, ג א ל י ע ן ניט אויסגעשלאסען.

די געשיכטע פון די אידען אין ג א ל י ע ן אין די ערשט יאהרהונדערטע איז אונז ווענינ בעקאנט. עס איז אבער אנצונעהמען, אז זייער עקאנאמישע און פאליטישע לא־גע איז ניט געווען שלעכט. די ערשטע פיער יאהרהונדערטע האט דאס קריסטענטהום נאך אליין געדארפט קעמפפען פאר זיין עקזיסטענץ, איז נאך ניט געווען אנערקענט אלס די הער־שענדע רעליגיאן, און האט נאך ניט געהאט קיין צייט, קיין געלעגענהייט און קיין מעגליכקייט צו פערפאלגען אנדערע אמונות. דיא אידען זיינען דאמאלסט געווען פערעכענט פאר גלייך־בערעכטיגטע מענשען, און האבען זיך פונקט ווי די איבעריגע בעפעלקערונג געקענט אפגעבען מיט אירגענד וועלכער בעשעפטיגונג זיי האבען געוואלט. זייערע בעציהונ־גען מיט זייערע שכנים זיינען געווען גאנץ פריינדליכע. די דאזיגע פריינדליכע בעציהונגען זיינען ניט איבערגעריסען געווארען אפילו שפעטער, אין די ערשטע יאהרהונדערטע פון דער קריסטליכער הערשאפט. נאך אין אכטען, נייננטען און צעהנטען יאהרהונדערט האבען די אידען אין פראנקרייך גע־לעבט א מעהר אדער ווניגער רוהיגען לעבען. עס איז זיי נאך דאמאלסט געווען ערלויבט זיך צו בעשעפטיגען א הויץ מיט

האנדעל און וואוכער אויף מיט ערד־ארבייט און אלערליי מלאכות. די אידישע בעלי מלאכות זיינען נאָך ניט אויסגע־שלאָסען געוואָרען פון די גילדען. נאָך אפילו אין ר ש י׳ס צייטען, אין עלפטען יאהרהונדערט, האָבען זיך געפונען אידען אין פראנקרייך וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט ערד אר־בייט. ר ש י אליין האָט געצויגען זיין חיונה פון וויין־פלאנצונג. אין איינעם פון זיינע תשובות ענטשולדיגט ער זיך, ווארום ער שרייבט אזוי קורץ, ווייל ער און די פאמיליע איז בעשעפטיגט ביין וויין־גארטען („ר ש י", מ אָ ר ר י ס ל י ב ע ר).

וועגען דעם קולטורעלען לעבען און דעם גייסטיגען צו־שטאַנד פון די ג א ל י ש ע אידען אין די ערשטע יאָהר־הונדערטע וויסען מיר גאָר ניט. מעגליך, אז זיי האָבען גע־האָט צווישען זיך געלעהרטע, מעגליך אז זיי האָבען פער־מאָגט א ליטעראטור, אָבער קיין שפור דערפון איז ניט גע־בליעבען. מעהר אָדער ווייניגער זיכער איז, אז די ג א ל י־ש ע אידען זיינען אהין געקומען פון א י ט א ל י ע ן, און אז די לעצטע, די איטאליענישע אידען, זיינען געקומען פון ארץ ישראל. דערפון האָט זיך עס גענומען, וואָס די איטאליע־נישע אידען, און צוליעב זיי אויך די פראנצויזישע אידען, האָבען זיך אין די ערשטע יאָהרהונדערטע פון זייער היסטאָ־ריע געהאלטען אן די מנהגים און אן די זיטען פון די ארץ־ישראלדיגע אידען. אונטער דעם איינפלוס פון די „גאונים" פון ב ב ל און די באבילאָנישע מנהגים און לעהרען זיינען זיי געקומען ערשט שפּעטער (זעה דור, דור ודורשיו חלק ד׳).

די צייט צווישען דעם פיערטען און אכטען יאָהרהונ־דערט איז אין קולטורעלען זינן געווען די ערגסטע פאר די פעלקער פון מעריב איירָאפּא. דאָס קריסטענטהום האָט זיך ווי א געדיכטע כמארע פערשפּרייט איבער די שעהנע הימלען פון איטאליען, פראנקרייך און אויך דייטשלאנד. די פעלקער זיינען ווי פערזונקען געוואָרען אין פינסטערניס, אין טיעפען אבערגלויבען און אונוויסענהייט. די קירכע האָט אונערבאַ־רעמליך פערניכטעט און צושטערט אלץ וואָס איז איהר גע־

שטאַנגען אין וועג. די פילאָזאָפיע, וויסענשאַפט און קונסט פון דער אלטער וועלט זיינען ערקלערט געוואָרען פאר טריפה און שעדליך. די רעליגיעזע פאַרשטעהער האָבען לאנגזאם אָבער זיכער געשמידט די שווערע קייטען פאר דעם מענשליכען שכל און זיין פרייען פארשען. די מענשען זיינען מיט געוואלט אריינגעטריעבען געוואָרען אין די דערשטיקענדע ענגשאַפט פון די גלחישע צערעמאָניען און זייערע מיסטעריען. אונוויסענהייט איז דערהויבען געוואָרען צו דער מדרגה פון א טוגענד, און מענשען האָבען דערמיט שטאָלצירט. עס איז געווען זעלטען צו געפינען איינעם, וואָס זאָל קענען אונטערשרייבען זיין נאָמען ניט בלויז צווישען דעם פּראָסטען עולם און די אריסטאָקראַטיע, נאָר אפילו אויך צווישען די העכסטע גייסטליכע, ווי די בישאָפען. וועגען שוהלען און שטודירען, וועגען אפגעבען זיך מיט פילאָזאָפישע און וויסענשאַפטליכע פראגען האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין.

די גאַנצע ערציהונג און „בילדונג" פון יענער צייט איז געווען א רעליגיעזע אָבער אפילו אויך די דאָזיגע בילדונג איז געווען בלויז פאר די גייסטליכע. דער גרויסער המון איז דערפון אין גאַנצען געוועזי אויסגעשלאָסען. דער המון האָט אפילו די ביבעל ניט געטאָרט לייענען: די קירכע האָט אין דעם געזעהן א געפאהר פאר איהר עקזיסטענץ. עס איז אָבער כדאי צו בעמערקען, אז אפילו צווישען די גייסטליכע האָבען זיך געפונען גאַנץ ווייניגע, וואָס האָבען געקענט לייענען און פערשטעהן זייערע אייגענע „הייליגע שריפטען".

עס פערשטעהט זיך, אז דער אלגעמיינער ניעדריגער צושטאַנד פון דער קולטור האָט זיך אויך געמוזט אָפּרופען ניט צום גוטען אויף דעם קולטורעלען צושטאַנד פון די דאָרטיגע אידען. עס איז אן אלטער כלל, אז „ווי עס קריסטעלט זיך אזוי אידעלט זיך". די גאַנצע ארומיגע אטמאָספערע איז געווען אזא, אז עס איז געווען אונמעגליך, דאָס ביי די אידען זאָל זיך ענטוויקלען א פילאָזאָפיע און א וויסענשאַפט. אין דעם מ ה א מ ע ד א נ י ש ע ן שפּאַניען און אין מאַנכע אנדערע מאהאמעדאנישע לענדער, וואו די פילאָזאָפיע, די

וויסעגשאַפטען און די פּאָעזיע האָבען פערנומען דעם „מזרח"־
וואנט, האָבען אויך די אידען ארויסגעצייגט געוואלדיגע פע־
היגקייטען אויף די דאָזיגע געביטען. זיי האָבען נאָך אריבער־
געשטייגט זייערע שכנים און האָבען אין א פערהעלטניס־מע־
סיג קורצער צייט פון זיך ארויסגעגעבען א רייהע פון גלענ־
צענדע דיינקער, וויסענשאַפטס־לייטע און פּאָעטען. אין דער
קריסטליכער מערב־אייראָפּא, וואו די דאָזיגע זאכען זיינען
געווען אסור, זיינען אויך די אידען געבליעבען וויט דערפון.
די איינציגע אויסנאַהמע זיינען געווען די אידען פון דרום־
פראנקרייך, וועלכע זיינען געקומען אין נאָהענטער בעריה־
רונג מיט זייערע ברידער פון שפּאניען און זיינען פון די לעצ־
טע בעאיינפלוסט געוואָרען, אָבער דאָס איז פארגעקומען אין
א שפּעטערע צייט ווי די פון וועלכע דאָ ווערט גערעדט.

אָבער כאָטש דער קולטורעלער מצב פון די אידען איז
בשום אופן ניט געווען קיין גלענצענדער, זיינען די אידען
דאָך געשטאַנען אונפערגלייכבאר העכער אין קולטורעלען זינן,
ווי זייערע קריסטליכע שכנים. עס איז אמת, אויך ביי די אי־
דען פון יענע לענדער איז דאמאָלסט די איינציגע בילדונג
געווען א רעליגיעזע, דער איינציגער שטודיום געווען די
תורה, און בנוגע אלגעמיינע, וועלטליכע, בילדונג האָבען די
אידען פונקט אזוי ווייניג געוואוסט ווי די קריסטען. אָבער
צווישען די אידען און די קריסטען איז געווען איין גרויסער,
וויכטיגער חלוק. ווערהרענד ביי די קריסטען איז געווען זעלטען
צו טרעפען אפילו צווישען די גייסטליכע איינעם, וואָס זאָל
קענען לייענען און פערשטעהן זייערע הייליגע שריפטען, איז
ביי די אידען געווען זעלטען צו געפינען איינעם, אפילו צווי־
שען דעם פּראָסטען המון, וואָס זאָל ניט קענען לייענען די
תורה. ווערהרענד די קריסטליכע בעפעלקערונג האָט נאָך ניט
געהאַט קיין אהנונג פון פאָלקס־שולען און פון אלגעמיינע, גע־
צוואונגענע, בילדונג, האָט שוין ביי די אידען פון לאנג צוריק
עקזיסטירט אזא מין אינסטיטוציע, — דער אידישער חדר.
דער אידישער פאָטער האָט געהאַט אויף זיך א פליכט, א
חיוב, אָדער אליין צו לערנען זיין קינד די תורה אָדער צו דינ־

געז פאר איהם א רבין. דאס איז געווען איינע פון די וויכטיג־סטע, אויב ניט די וויכטיגסטע פערפליכטונג פון דעם אידי־שען פאטער צו זיין קינד. דאס איז ניט געווען בלויז א מנהג, נאר טאקע א דין, א וויכטיגער רעליגיעזער חיוב. די קהלה האט געמענט דעם פאטער צווינגען. און מען האט טאקע גאנץ אפט איהם געצוואונגען, אז ער זאל זיין קינד לערנען. דאס לערנען פון די קינדער איז בעטראכט געווארען אלס אזוי וויכטיג, אז „די גאנצע וועלט שטעהט אויף דעם זכות פון די „תנוקות של בית רבן", אויף דעם זכות פון די קליינע קינדער וואס לערנען. מיט דער צייט איז דער וואונש צו זעהן זיין קינד „געלערענט" געווארען ביין אידישען פאטער א מין צווייטע נאטור. און ווען מיר זעהען נאך היינטיגען טאג, ווי ארעמע אידישע עלטערען זיינען זיך פשוט מוסר נפש אום צו געבען זייערע קינדער אן אנשטענדיגע בילדונג און זיי לאזען געהן אין די אוניווערזיטעטען איז עס פיעלייכט דער רעזול־טעט פון יענע דורות־לאנגע אנשטריינגונג, וואס דער אידי־שער פאטער האט געמאכט צו זעהן זיין קינד „געלערענט".

די דאזיגע אלגעמיינע, געצוואונגענע בילדונג האט גע־האט צוויי וויכטיגע פאלגען. פון איין זייט האט עס געפיהרט דערצו, וואס ביי אידען זיינען כמעט ניט געווען קיינע אנא־פאלבעטען. יעדער איד האט וועניגסטענס געקענט „אריינ־קוקען" אין א ספר. דער פראסטער מענש אין סידור און אין תהילים, דער למדן אין דער גמרא. פון דער צווייטער זייט האט עס ניט דערלאזען, אז ביי אידען זאל זיך בילדען א פריסטער־קלאססע. די תורה איז געווען אפען פאר אלעמען און יעדער איינער האט ניט בלויז געמענט און געדארפט, נאר טאקע איהר געמוזט לערנען. דער לערנען פון דער תורה איז געווען א חיוב פאר אלעמען. דער אידישער רב איז ניט קיין פריעסטער, ער איז ניט קיין פערמיטלער צווישען דעם אידען און זיין גאט. דער איד דארף ניט קיין פערמיטלער, ער דארף ניט קיין פריעסטער: ער איז אליין זיין אייגענער פריעסטער. דער רב איז ניט קיין גרעסערער יחסן פאר דעם נימדרב: דער לעצטער קען פונקט ווי דער ערשטער געפי־

נען דעם דין אין דער תורה, אויב ער איז געגוג למדן. ער איז ניט מחויב צו פרעגען שאלות ביין רב, ווען ער וויים אליין דעם דין. דער אידישער רב איז בלויז א פאך־מענש, ער איז א ספּעציאליסט אויף פסקענען שאלות. מען געהט צום רב פרע־גען א שאלה פּונקט וויא מען געהט צום אדוואָקאט פרעגען דעם געזעטץ, פּונקט וויא מען געהט צום דאָקטאָר זיך האל־טען אן עצה וועגען דעם געזונד.

אין דעם אכטען יאָהרהונדערט האָט זיך דער קולטורע־לער מצב פון די מעריב־אייראָפּעאישע פעלקער עטוואָס דער־הויבען צו פאַרדאַנקען קאַרל דעם גרויסען, דער בויער פון דער „הייליגער רוימישער" אימפּעריע. ער האָט געזוכט, אויף ווי ווייט דאָס איז דאַן געווען מעגליך און אויף ווי ווייט ער האָט אליין פערשטאַנען, צו פערשפּרייטען צווישען זיינע אונ־טערטהאַנען מעהר וויסען. ווי עס ווייזט אוים האָט ער אויך ניט פערגעסען אן די אידען, וואָס האָבען זיך אויפגעהאלטען אין זיינע לענדער. לויט ווי עס ווערט בעריכטעט אין אידישע קוועלען האט ער אין יאהר 787 אריבערגעבראכט פון איטאליען צוויי אידישע געלעהרטע: ר' קלונימוס און זיין זוהן ר' משה פון לוקקא. די דאָזיגע צוויי גע־לעהרטע זאָלען זיך האָבען בעזעצט אין מאַינץ, וואו זיי האָבען געעפענט העכערע אידישע שוהלען, ישיבות, פאר דעם שטודיום פון דעם תלמוד. די תלמידים פון די דאָזיגע ישיבות זאלען זיך שפּעטער האבען פערשפּרייט אין די דייט־שע רהיינישע פּראָווינצען, אין „לותיר" (לאָטהערינ־גען) און אין די פערשיעדענע שטעדט פון פראַנקרייך גופא. זיי, די דאָזיגע צוויי געלעהרטע, זאָלען עס האָבען געלייגט דעם פונדאַמענט פאר דעם שטודיום פון תלמוד אין פראַנק־רייך און אין דייטשלאַנד, וואָס איז שפּעטער אויסגעוואקסען אין א געוואַלדיגען בנין.

עס איז שווער צו זאגען וויפיעל היסטאָרישען אמת דער דאָזיגער בעריכט ענטהאלט אין זיך. איין זאך איז אבער זי־כער, און דאָס איז, אז אין יענער צייט זיינען שוין די אידען פון מעריב־אייראָפּא געווען בעקאַנט מיט דעם באַבילאָנישען

תלמוד און מיט דיא לעהרען פון די גאונים. עס איז פאראנגען א טראדיציע, אז אין א קנאפען יאהרהונדערט שפעטער, אין 865, האט נ ט ר ו נ א י ג א ו ן בעזוכט פראנקרייך.

א נייען און מעכטיגען שטויס פארווערטס האט דער שטודיום פון תלמוד געקראגען אין פראנקרייך, ווען עס איז אהין אנגעקומען ר׳ נ ת ן ה ב ב ל י. ער איז געווען איינער פון די פיער יונגע געלעהרטע, וואס די ישיבה פון ס ו ר א האט אין לעצטען העלפט פון צעהנטען יאהר־הונ־דערט, ארויסגעשיקט אלס משולחים צו קלייבען שטיצע און וועלכע זיינען געפאנגען געווארען פון א מאהאמעדאנישען אדמיראל און פערקויפט געווארען אלס שקלאפין אין פערשי־דענע געגענדען. ר׳ נ ת ן בר יצחק הבבלי איז אנגעקומען קיין נ א ר ב א נ א, וואו ער איז געווארען ראש־ישיבה.

זיין וויכטיגסטער תלמיד איז געווען ר׳ י ה ו ד ה בר מאיר, וועלכער איז מעהר בעקאנט אונטער דעם נאמען ל י־א י ט י ן. ער איז געווען בעריהמט אלס גרויסער תלמודיסט און צו זיין ישיבה זיינען געקומען תלמידים פון נאהענטען און וויטען. לויט ווי מאנכע היסטאריקער בעהויפטען איז דער בעריהמטער ר ב י נ ו ג ר ש ו ם ״דער ליכט פון גלות״ געווען זיינער א תלמיד.

צוליעב אורזאכען, וואס זיינען ניט בעקאנט האט ר ב י נ ו ג ר ש ו ם, וועלכער איז געבארען געווארען אין פראנקרייך אויסגעוואנדערט קיין מ א י נ ץ, וואו ער האט געעפענט א גרויסע ישיבה, וועלכע האט זיך געקענט פערגליי־כען אין איהר בעדייטונג און וויכטיגקייט מיט די גרויסע ישיבות פון בבל. פון דיזער ישיבה זיינען אין פערלויף פון א פאר צעהנדליג יאהר ארויסגעקומען א רייהע פון גלענצענדע תלמודיסטען, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען ר׳ י ה ו ד ה ה כ ה ן, ר׳ א ל י ע ז ר ה ג ד ו ל, און פיעלע אנדערע.

אין דעם שטודיום פון דעם תלמוד האבען זיך די אידען פון דייטשלאנד און פראנקרייך בכלל פיעל מעהר אויסגעציי־כענט וויא זייערע בריעדער פון שפאניען. די אידען פון פראנק־

רייך און דייטשלאנד האָבען זייער גאנצע גייסטיגע ענערגיע און זייערע אלע פעהיגקייטען אָנגעווענדעט אויף דעם תלמוד, וועהרענד די אידען פון שפּאניען, וואָס האָבען געלעבט אין א סביבה פון וועלטליכער בילדונג, האָבען געקענט אָפּגעבען בלויז א טהייל פון זייער צייט אויף דעם. די קולטור, וואָס די שפּאנישע אידען האָבען געשאפען איז געווען אידיש, אָבער אויך וועלטליך; די קולטור פון די פראנצויזישע און די דייטשע אידען איז געווען א ריין תלמודישע. די אידען פון שפּאַניען האָבען זיך געהאַט צו רעכענען מיט דעם מאָהאמעדאניזם און די פילאָזאָפישע אונרוהיגקייט וואָס ער האָט ארויסגערופען צווישען זיינע אָנהייגגער פון איין זייט, און מיט דער בייזער קריטיק פון די קאראאימען פון דער אנדערער זייט. דאָס האָט געפיהרט דערצו, וואָס זיי זיינען פון איין זייט בעצוואונגען געוואָרען זיך אָפּצוגעבען מיט דער פילאָזאָפיע און זיינען פון דער אנדערער זייט געצוואונגען געווארען זיך אָפּצוגעבען מיט דעם שטודיום פון דער העברעאישער גראמאַטיק און דער העברעאישער שפּראך, כדי זיך צו קענען בעשיצען פאַר געגען די פילאָזאָפישע און פאַר געגען די קאראאימישע טענות. די פראנצויזיש-דייטשע אידען זיינען אין יענער צייט געווען פריי דערפון; דאָס קריסטענטהום איז דאַמאָלסט געווען טוידט-פערגליווערט, און פון דער געפאהר פון די קאראאימען האָבען זיי אויך ניט געוואוסט. זיי האָבען זיך דארום אונגעשטערט געקענט אָפּגעבען מיט דעם שטודיום פון דעם תלמוד און דער ביבעל אָהנע זיך צו דארפען רעכענען מיט די טענות פון מעגליכע געגנער. דאָס איז טאקע די אורזאכע, וואָס זיי האָבען געמאַכט אזעלכע ריעזען פאָרטשריטע אויף דעם דאָזיגען געביט אין א פערהעלטניסמעסיג קורצער צייט. אין פערלויף פון איין קורצען יאָהרהונדערט, פון ענדע צעהנטען ביז ענדע עלפטען, האָבען זיי ארויסגעגעבען פון זיך א גרויסען צאָהל פון גרויסע תלמודיסטען, וועלכע זיינען נאָך עד היום דיא לייכטענדע שטערען אויפ'ן תלמודישען הימעל.

צווישען די דאָזיגע אלע גרויסע שטערען פערנעהמט ר' שלמה יצחקי, אדער ר ש"י, דעם מיטעל-פונקט.

II.

רש"י אין דער לעגענדע.

צו זאגען, אז ר ש " י איז ביי דעם אידישען פאלק דער בעליעבטעסטער און געפייערטעסטער פון אלע אידישע גדולים אין מיטעלאלטער איז נאך וועניג. דאס וואלט ניט אויסדריקען אפילו א הונדערטען טהייל פון דעם כבוד און ליעבע, מען קען זאגען פון פערהייליגונג, וואס דאס גאנצע פאלק, פון זיינע קליינע ביז זיינע גרויסע, פון דעם פראסטעסטען וואסער־טרעגער ביז'ן גרעסטען גאון, פון דעם גאנץ פרומען ביז אפילו דעם פרייגעזאנענעם, האבען געפיהלט צו רש"י.

רש"י איז מעהר ווי בעליעבט און געפייערט. ער איז געווארען א לעגענדע, כמעט אזא לעגענדע ווי אליהו הנביא. רש"י, ווי אן אמת'ער גאון, האט אין זיך פערקערפערט דעם גאנצען געניוס פון דער אידישער פאלקס־נשמה. ער איז פאלקסטהימליך אין שעהנסטען און אין העכסטען זין פון ווארט. און דאס אידישע פאלק האט זיך אין איהם דערקענט; עס האט אין איהם זיך אליין דערזעהן אין אן אויסגעלייטערטען און אין אן אויסגעעדעלטען געשטאלט. רש"י איז דורך און דורך אידיש, דער איד שבאיד, וואס ציהט זיין יניקה פון זיין אייגענעם שורש און דארף ניט שעפען פון פרעמדע קוואלען. ער איז אבער ניט דער וואכעדיגער איד; ער איז דער איד וואס ווארפט אראפ פון זיך זיינע

בגדי חול און פוצט זיך אוים אין דער זיידענער שבת'דיגער זופיצע, דער איד מיט די נשמה יתירה.

פיעלע לאנגע יאהרהונדערטע האט רש"י בעגלייט דעם אידישען פאלק אין אלע זיינע גלות־לענדער. וואו דאס פאלק האט געוואנדערט איז איהם רש"י נאכגעגאנגען. ער האט בעגלייט יעדען אידען בעזונדער כמעט פון זיין וויעגעלע ביז'ן קבר. דאס אידישע קינד קוים האט ער זיך נאר אויס־געלערענט „פרעפלען" איז ער שוין בעקאנט געווארען מיט רש"י'ן. „חומש מיט רשי", דאס איז געווען זיין ערסטע גייסטיגע שפייז; איז ער געווארען עלטער, האט ער געלערענט „שווארבע" (עשרים וארבע) מיט רש"י, און איז ער געווארען נאך עלטער און רייפער, איז געווען גמרא מיט רש"י. אהן רש"י איז עס ניט געגאנגען; אהן רש"י האט עס ניט געקענט זיין. עפעס דאכט זיך, אז חומש אהן רש"י וואלט גאר ניט געווען דער זעלבער חומש: זיי מוזען געהן צוזאמען.

עס זיינען געווען ביי אידען פיעלע אנדערע גאונים. אין מאנכע הינזיכטען גרעסער ווי רש"י, אבער קיינער פון זיי האט ניט אויסגעאיבט אזא טיעפען און דויערנדען איינ־פלוס, קיינער פון זיי האט ניט געהאט אזא געוואלדיגע ווירקונג, וויא ער, ווייל קיינער פון זיי איז ניט געשטאנען אזוי נאהענט צום פאלק און צו זיין נשמה ווי ער. דער רמב"ם איז אהן צווייפעל געווען א גרויסער גאון, שוין ניט רעדענדיג אלס פילאזאף, אבער דעם פאלק, דעם גרויסען עולם, איז ער כמעט אין גאנצען געבליבען פרעמד. פון מיליאנען אידען געפינען זיך בלויז טויזענדע, וואס האבען געהערט פון רמב"ם און וואס ווייסען פון זיינע לעהרען. זיין איינפלוס איז נאר געווען אויף די לומדים און די משכילים. צווישען די זעלבע מיליאנען אידען געפינט זיך כמעט קיין איינציגער ניט, וואס האט ניט געהערט פון רש"י'ן. מען קען זיין א גוטער איד, ווען מען האט ניט געלערענט די „משנה תורה" און דעם „מורה נבוכים". עס דוכט זיך אבער אז מען קען גאר ניט זיין קיין רעכטער איד,

אפילו אין נאציאנאלען זין. ווען מען ווייס ניט פון רש"י, ווען מען האט לכל הפחות ניט געלערענט „חומש מיט רשי". א איד וואס האט זיך אויפגעהאדעוועט אויף חומש מיט רש"י, אויף „שווארבע" מיט רש"י, אויף גמרא מיט רש"י מוז זיין א איד אפילו ווען ער וויל עס ניט; ער בלייבט א איד אפילו ווען ער פערלייקענט עס.

און דאס אידישע פאלק האט פערשטאנען ווי אזוי צו בעצאהלען זיין ליעבלינג. ער האט ארום רשי"ס נאמען און ארום זיין לעבען אויסגעשפונען די שעהנסטע און וואונ-

רש"יים בית-המדרש.

דערבארסטע פאלקס-מעשה'לעך און לעגענדען. רש"י איז דער אידישער פאלקס-העלד, זיין לעגענדארער העלד.

און די לעגענדען פאנגען זיך אן נאך איידער רש"י איז געבארען געווארען.

זיין פאטער, ר' יצחק, דערצעהלט די לעגענדע, איז געווען א גרויסער צדיק, א גרויסער למדן, אבער אויך א גרויסער ארעמאן. ער האט געלעבט פרום און צופריעדען אין זיין דחקות. ער האט נור געהאט איין איינציגע זארג, וואס עס איז שוין באלד צעהן יאהר זינט ער איז פערהייראט און זיין פרוי האט נאך ניט געבוירען קיין קינד. ויהי היום, דערצעהלט ווייטער די לעגענדע, ווען דער דלות האט דער-

גרייכט די העכסטע שטופע און איהם מיט זיין ווייב איז אויסגעקומען צו הונגערען האט ר' יצחק געפונען א גרויסען דימענט, אזוי גרויס ווי א נוס. ר' יצחק האט אוועקגעטראָ־ דעם דימענט צום גאָלדשמיעד, וועלכער האט איהם ערקלערט, אז ער איז ווערטה אן אוצר מיט גאָלד. וועגען א קונה איז זיך אויך ניטא וואס צו זאָרגען. ער, דער גאָלדשמיעד, האט א גוטען קונה. דער בישאָף זוכט שוין לאנג אזא דימענט. איין דימענט אזא האט ער שוין, דער בישאָף, נאר ער מוז האבען נאך איינעם, כדי ער זאָל קענען מאכען פון זיי א פּאָר אויגען פאר א הייליגען בילד. ווי ר' יצחק האָט דערהערט, אז פון זיין דימענט קען געמאכט ווערען אן אויג פאר א „געטץ", איז ער ארויס פון גאָלדשמיעד און האט אריינגעוואָרפען דעם דימענט אין ים. איז ארויס א „בת־קול" און האט אויסגערופען: „דערפאר וואס דו האסט געהייליגט גאָט'ס נאמען, וועט ביי דיר געבוירען ווערען א זוהן, וואס וועט שיינען מעהר ווי אלע דימענטען, און וועט בעלייכטען די אויגען פון דעם אידישען פאָלק פון איין ברעג וועלט ביז דעם אנדערען". אין דעם זעלבען יאָהר איז געבוירען געוואָרען רש"י.

ווען זיין מוטער האט מיט איהם געשוואַנגערט דער־ צעהלט אן אנדער לעגענדע, האבען רש"י'ס עלטערן געוואוינט אין וואָרמס. איינמאָל, ווען זי איז געגאנגען אויפ'ן מארק איינצוקויפען, וואס זי האט געדאַרפט פאר'ן הויז, איז איהר אויסגעקומען דורכצוגעהן איינע פון די שמאָלע געסלעך אין וואָרמס. גראדע דאמאלס זיינען דארטען צוויי פוהרען דורכגעפאהרען אין געגענגעזעצטע ריכטונגען. פאר דער שוואַנגערער פרוי איז ניט געבליבען קיין פּלאַץ. זי האט זיך אנגעשפּארט אן א וואנט, כדי די פוהרען זאָלען קענען דורכפאָהרען. האט גאָט געטהאָן א נס און די וואנט האט זיך אויסגעבויגען פונקט אויף דעם פּלאַץ, וואו זיא איז געשטאנען. זי איז אויף אזא אופן געראַטעוועט געוואָרען פון א זיכערען טויט. קריסטען ווי אידען זיינען זיך צוזאמענ־ געלאָפען זעהען דעם וואונדער. אבער ר' יצחק האט

בעשלאָסען צו פערלאָזען וואָרמס, ווייל ער האָט מורא געהאַט אַז מען זאָל זיין פרוי ניט בעשולדיגען אין כשוף־מאַכעריי. ער האָט זיך דאָן בעזעצט אין טרוא (טרויש), פראַנקרייך, וואו רש"י איז געבאָרען געוואָרען. די אידען פון וואָרמס האָבען נאָך ביז מיט אַ קורצע צייט צוריק ליעב געהאַט אַנצוצייגען די אוסגעבויגענע וואַנט אויף וועלכער רש"י'ס מוטער זאָל זיך האָבען אַנגעשפּאַרט, ווען זי האָט מיט איהם געשוואַנגערט.

רש"י'ס אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען האָבען זיך אַרויסגעצייגט, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד. פון אַלע אַרומיגע געגענדען זיינען מענשען געקומען אַנקוקען דעם וואונדער־קינד, וועלכער „האָט די גאַנצע וועלט איבערראַשט מיט זיין וואונדערבאַרען זכרון און מיט זיין טיעפען, שאַרפען שכל". די לעגענדע האָט איהם געמאַכט פאַר אַ גרויסען שפּראַך־קענער און פאַר אַ וויסענשאַפטס־מאַן. ער זאָל האָבען געקענט אַ חוץ העברעאיש, פראַנצויזיש און דייטש אויך לאַטייניש, גריעכיש, אַראַביש און פּערזיש. ער זאָל אויך האָבען געקענט מאַטהעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, מעדיצין, קבלה און ער האָט אפילו געוואוסט ווי אויסצורעדען דעם „שם המפורש".

די לעגענדע האָט רש"י'ן אויף אַ מינוט ניט אַבגעלאָזען. זיין געבורט, זיין קינדהייט, זיין יוגענד, זיין פערהייראַטער לעבען, זיין עלטער און זיין טויט זיינען איינגעוויקעלט אין לעגענדען. מעהר ווי איין שטאָדט האָט זיך געגרויסט מיט דעם יחוס צו זיין רש"י'ס געבורט־שטאָדט, צו זיין די שטאָדט וואו ער האָט חתונה געהאַט, וואו ער איז געווען רב און וואו ער איז געשטאָרבען. „עס האָט מיט איהם פּאַסירט, וואָס מיט דעם גרויסען גריעכישען פּאָעט האָמער, צוליעב וועמען זיעבען שטעדט האָבען זיך אַרומגעקריגט פאַר דעם כבוד, אַז ער איז דאָרטען געבוירען געוואָרען". וואָרמס, טרוא און לונעל זיינען אָנגעגעבען געוואָרען אַלס רש"י'ס געבורטס־שטאָדט. אפילו זיין נאָמען איז פערביטען געוואָרען און אַנשטאָט ר' שלמה יצחקי האָבען איהם

אַנדערע גערופען ר׳ שלמה ירחי. ערשט אין לעצטען יאהרהונדערט איז געלונגען דעם געלעהרטען צונץ צו געבען אַ קלאָרע ביאָגראַפיע פון רש״י.

רש״י האָט ניט געהאַט קיין זיהן. ער האָט בלויז געהאַט דריי טעכטער. אבער די לעגענדע האָט ניט גערוהט און האָט געטהאָן איהר בעסטעס זיי צו בעשרייבען אלס גרויסע געלעהרטע און תלמודיסטען.



רש״ים שטוהל.

די לעגענדע האָט געמאַכש רש״י׳ן פאַר אַ גלות־אַפריכ־טער. ניט פאַר זיינע איינענע זינד האָט ער אויף זיך גענומען די דאָזיגע תשובה,—רש״י קען ניט זיין זינדיג. רש״י האָט געוואוסט, אַז זיין פאָטער האָט צוליעב איהם פערלאָרען אַ גרויסען דימענט און ער האָט מורא געהאַט, אַז ער האָט דערפון געהאַט עגמת נפש. רש״י האָט ניט געקענט פער־טראָגען דעם געדאַנק, אַז זיין פאָטער האָט זיך צוליעב איהם מצער געווען. צוליעב דעם מעגליכען צער, וואָס ער האָט

גיט־ווילענדיג פערארורזאכט זיין פאטער האט רש"י אויף זיך גענומען , עס צער פון גלות.

לאנגע, שווערע יאהרען האט רש"י אזוי ארומגעוואנ־דערט איבער דער וועלט, דערצעהלט די לעגענדע. ער איז געוועזען אין אטאליען, אין גריעכענלאנד, אין עגיפטען, אין ארץ ישראל און אין פערזיען. אויפ'ן וועג צוריק איז ער אויך דורכגעגאנגען גאנץ דייטשלאנד. זיין נאמען האט ער אין ערגעץ נ ט אנגעגעבען. וואו ער איז געקומען איז ער ארומגעגאנגען אין די בתי מדרשים און די ישיבות, און האט איבעראל און פון אלעמען געלערענט תורה. די לעגענדע האט אפילו צונויפגעבראכט רשי'ן מיט'ן רמב"ם, זיי האבען ביידע גערעדט פון תורה און חכמה, כאטש דער לעצטער איז געבארען געווארען דרייסיג יאהר נאך רשי'ס טויט. די לעגענדע קימערט זיך ניט וועגען היסטארישע דאטען. פאר איהר איז ניטא קיין צייט און קיין פלאץ.

זייענדיג אין אריענט, וועהרענד ער האט אבגעריכט גלות, דערצעהלט ווייטער די לעגענדע, האט רש"י זיך בעקענט מיט א קריסטליכען מאנאך. זיי פלעגען אפט ביידע דיסקוטירען און ארומרייסען זיך וועגען רעליגיעזע פראגען. דער מאנאך איז פלוצלינג קראנק געווארען אויף א געפעהר־ליכע קראנקהייט. רש"י איז פון מאנאך'ס בעט ניט אפגעטרא־טען די גאנצע צייט פון זיין קראנקהייט ביז ער איז פאלשטענ־דיג געזונד געווארען. רש"י האט איהם די גאנצע צייט בעהאנ־דעלט ווי א געטרייער, ליעבער ברודער. ביים געזעגענען זיך, האט דער מאנאך, וועלכער איז געוועזען א רייכער מאן, געוואלט שענקען רשי'ן א מתנה פאר זיין פריינדשאפט און גוטסקייט. רש"י האט זיך ענטזאגט: „דו קומסט מיר גארנשט", האט איהם רש"י געזאגט. „ס'איז אמת, אונזערע רעליגיאנען זיינען פערשיעדען, אבער מיר זיינען אלע גלייכע מענשען, און מיין רעליגיאן לערנט מיר צו העלפען יעדען מענשען, וואס איז אין נויט. איך בעט דיר נאר איין זאך. אויב דו וועסט אמאל אנטרעפען א אידען אין אן אונגליק, העלף איהם אזוי ווי איך האב דיר געהאלפען."

אויף זיין צוריקוועגס, דערצעהלט די זעלבע לעגענדע איז רש"י דורכגעפּאָהרען פּ ר אַ ג. די אידישע בעפעלקע־רונג האָט זיך דערוואוסט פון זיין אַנקומען און די גאַנצע שטאָדט, גרייז און קינד, איז איהם ארויסגעגאַנגען אַנט־קעגען מקבל פּנים זיין. מען האָט איהם אריינגעפיהרט אין שטאָדט מיט'ן גרעסטען פּאראַד. דאָס האָט פּערדראָסען דעם „דוכוס" (פּרינץ) וו ר אַ ט י ס ל אַ ו, וועלכער איז געווען אַ שרעקליכער צורר היהודים, און ער האָט געהייסען רשי'ן ארעסטירען און איהם ברענגען צו זיך. צוזאַמען מיט'ן פּרינץ האָט זיך דאָרטען אויך געפונען דער בישאָף פון אַ ל מ י ט ץ, וועלכער איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי אונזער בעקאַנטער מאַנאַד. דער בישאָף האָט רש"י'ן דערקענט, האָט דערצעהלט דעם פּרינץ די גאַנצע מעשה און רש"י איז באַלד בעפרייט געוואָרען. די קריסטליכע בעפעל־קערונג, זעהענדיג אַז מען האָט ארעסטירט דעם גרויסען אידישען רבי, האָט זיך דערווייל, ווי דער שטייגער איז, גענומען צו „אַגראַמעווען די אידען. צו פערדאַנקען רשי'ן, וועלכער האָט זיך געווענדעט צום פּרינץ נאָך הילף פּאַר זיינע ברידער, איז דער פּאַגראַם איינגעשטעלט געוואָרען. פון יעמאָלט אָן איז דער פּרינץ געוואָרען אַן אוהב־ישראל און האָט בעהאַנדעלט די אידען זעהר גוט.

דערמיט ענדיגט זיך ניט די לעגענדע. זי האָט דערצו צוגעשפּונען אַ גאַנצע ליעבעס־געשיכטע. די טאָכטער פון ראש־הקהל, וואו רש"י איז איינגעשטאַנען, רבקה, האָט זיך פערליעבט אין רשי'ן. זי איז „אָטירליך געווען אַ גרויסע פּאַרשוין און נאָך אַ גרעסערע צדקניות. רש"י האָט איהר אויך ליעב בעקומען און זיי האָבען מיט דער צושטימונג פון איהרע עלטערן חתונה געהאַט.

די מעשה פון רשי'ס צוזאַמענטרעפען זיך מיט'ן מאַנאַד מעג זיך זיין אין גאַנצען אַן אויסגעטראַכטע, אָבער די ווערטער, וואָס די לעגענדע האָט אריינגעטהאָן אין זיין מויל:

אונזערע רעליגיאָנען זיינען פערשיעדען, אָבער מיר זיינען אַלע גלייכע מענשען, און מיין רעליגיאָן לערענט מיר צו

העלפען יעדען מענשען", די דאָזיגע ווערטער זיינען כאראַק־טעריסטיש פאַר רשי'ן. רש"י איז געווען איינער פון די עדעלסטע, גוטמוטהיגסטע און צאַרטעסטע מענשען ביים אידישען פאָלק, א צווייטער הלל הזקן. זיין הארץ איז געווען גרויס און ברייט צו ליעבען אַלע מענשען, אָהן אונטערשיעד פון גלויבען אָדער ראַסע. ער האָט ניט געוואוסט פון רעליגיעזען האַס און פאַנאַטיזם. שנאה, קנאה און גאוה זיינען בכלל געווען אין גאַנצען פרעמד זיין נאַטור.

רש"י'ן איז אבער אויסגעקומען אויף זיינע עלטערע יאהרען זיך צו איבערצייגען, אז די מניעה איז ניט פון דער אידישער זייט, אז דער אנדערער צד, די „אנדערש־גלויביגע", די קריסטען, זיינען געווען הימעל־ווייט פון רשי'ס לעהרען, פון רשי'ס טאָלעראַנץ; אז זיי זיינען געווען זעהר ווייט פון מענשען־ליעבע און מענשען־פריינדשאַפט. איהם איז אויס־געקומען דורכצולעבען, די ערשטע „קרייץ־ציגע" (מסע הצלב), ווען אידיש בלוט האָט זיך געגאָסען ווי וואַסער, ווען טויזענדע און צעהנדליגע טויזענדע אידישע „קדושים" זיינען געפאַלען אלס קרבנות צו דעם וואוטה און צווישעטען פאַנאַטיזם פון דער ווילדער באַנדע, וואָס איז כלומרשט געגאַנגען בעפרייען דעם קבר פון דעם „ערלייזער"...

„מאַנכע ליגענס שטאַרבען שווער. איינער פון די דאָזיגע איז די לעגענדע, אז די קרייץ־פאָהרער זיינען געווען אין גאַנצען אינספּירירט פון רעליגיעזער בעגייסטערונג.... א גרויסע כוואַליע פון גלויבען, דערצעהלט מען אונז, האָט איינגעשלונגען די מאַסען און האָט זיי מיט געוואַלד געטראָגען צו בעפרייען דעם הייליגען קבר. דער מעדאַל האָט אַן אנדער זייט—פּאָליטישע ציעלען און גראָבער עגאָאיזם אויפ־געפלאַמט פון גלויבען און פערוואַנדעלט אין באַנדיטעריי. אָהן צווייפעל, צווישען די קרייץ־פאָהרער האָבען זיך געפונען קריסטען וואָס זיינען בעוועגט געוואָרען פון רעליגיעזער בעגייסטערונג. אבער וויפיעל זיינען אַזעלכע געווען? שוין ניט רעדענדיג וועגען יענע, וואָס האָבען זיך אנגעשלאָסען

צו די קרייץ־פאַהרער, כדי זייערע פערברעכענס און זינד זאָל זיי פערגעבען ווערען; שוין ניט רעדענדיג וועגען די ריטער און די אוואַנטוריסטען, וועמען עס האָט צוגעצויגען דאָס אונבעוואוסטע און דאָס וואונדערליכע, — שוין ניט רעדענדיג וועגען זיי, איז די גרויסע מאַסע געטריבען געוואָרען פון דעם לוסט נאָך רויב.

גוטמוטהיגע היסטאָריקער דריקען אויס זייער בעוואונדערונג „אויף די הונדערטע טויזענדער מענשען, וואָס האָבען, מיט זייערע אויגען געריכטעט צום הייליגען קבר, מפקיר געווען זייער לעבען כדי איהם צו בעפרייען". זיי דריקען אויס זייער רחמנות "אויף די דאָזיגע נאַאיווע, גלויביגע נשמות, וואָס זיינען געשטאָרבען אין מאַסען אויפ'ן וועג קיין ירושלים, זיך וואַרפענדיג אויף דעם אונבעוואוסטען „איסלאַם". וואָלט ניט געווען אַ יושר, אז זיי זאָלען לאָזען אַ ביסעל פון זייער בעוואונדערונג און רחמנות פאַר די אונגליקליכע קרבנות פון די דאָזיגע „נאַאיווע" מאַססען? וואָלט ניט געווען אַ יושר, אז זיי זאָלען דערצעהלען, אז די דאָזיגע „רעליגיעזע בעגייסטערונג" איז געווען אַ געמישעכץ פון בלינדען האַס און בלוטיגען פאַנאַטיזם? נאָך יעדען זיעג פון די קרייץ־פאַהרער פלעגען זיי אויסשלאַכטען און מאַסאַקרירען ניט בלויז די מאַהאַמעדאַנער, נאָר אויך זייערע אייגענע גלויבענס־גענאָסען, די קריסטען פון „אָריענט!" (רש"י, מאַררים ליבער).

די „קרייצציגע" זיינען פערשריעבען מיט בלוט און טרערען אויף די בלעטער פון דער אידישער געשיכטע. צוליעב פּאָליטישע צוועקען און אינטריגעס, צוליעב דער לוסט נאָך מאַכט און עראָבערונגען, צוליעב דעם פערלאַנג צו בעהערשען דעם אָריענט, איז די גאַנצע „בעוועגונג" אויפגעשפּיעלט געוואָרען פון עטליכע פּאָליטיקאַנטען, וואָס האָבען געדורשט נאָך אַ טהראָן און נאָך הערשאַפט. דאָס איז אבער איינגעוויקעלט געוואָרען אין אַ רעליגיעזען מאַנטעל, פערזיסט געוואָרען מיט אלערליי שעהנע פראַזען און אידעאַלען, כדי אויפצוהעצען דעם עולם און מאַכען דערפון אַ

„הייליגען" קאמפף... דער שווינדעל איז געלונגען; דער עולם איז אויפגעהעצט געווארען, און ער האט אפשר עהרליך געמיינט, אז ער קעמפפט פאר אידעאלען. און קעמפפענדיג פאר „אידעאלען", איז ער באלד פערוואנדעלט געווארען אין א ווילד־געווארענע, צווישעטע באנדע פון רויבער, פרויען־שענדער און מערדער. די אידען, ווי עס איז געוועהנליך, האבען דערפון אם מעהרסטען געליטען.

די לעגענדע האט פעראייניגט רשי'ס נאמען מיט איינעם פון די וויכטיגסטע פיהרער פון די קרייץ־פאהרער, מיט ג א ט פ ר י ע ד פון ב ו ל א ן.

גאטפריעד פון בולאן האט געהערט פון רש"י און פון זיין גרויסע חכמה. ער האט זיך געוואלט מישב זיין מיט רשי'ן איידער ער האט אונטערגענומען זיין צוג. ער האט געשיקט נאך רשי'ן, וועלכער האט זיך אבער ענטזאגט צו קומען. אין דער בעגלייטונג פון זיינע ריטער איז ג א ט־פ ר י ע ד צוגעקומען צו רשי'ס בית המדרש. די טהירען זיינען געווען אפען, אבער אינוועניג איז קיינער ניט געווען. רש"י האט זיך געמאכט פאר א „רואה ואינו נראה".

„וואו ביזטו, שלמה", האט גאטפריעד געפרעגט. „דא בין איך, וואס פערלאנגסטו מיין הערר" האט זיך געהערט רשי'ס שטימע. עטליכע מאל האט גאטפריעד געפרעגט די זעלבע פראגע און יעדעס מאל געקראגען דעם זעלבען ענטפער. ער האט שוין בעשלאסען אוועקצוגעהן, אבער דא האט ער דערזעהן רשי'ס א תלמיד. „זאג דיין רבי'ן אז ער האט זיך ניט וואס צו שרעקען, איך שווער, אז עס וועט איהם ניט פעהלען א האאר אויפ'ן קאפף, זאל ער זיך בעוויזען."

רש"י האט זיך דאן בעוויזען. „איך זעה, אז דו ביזט א הייליגער מענש", האט גאטפריעד געזאגט, „זאג מיר, וועל איך זיין זיעגרייך אדער ניט? זאג דעם אמת, און האב קיין מורא."

רש"י האט געענטפערט: „דו וועסט איינעהמען די הייליגע שטאדט און וועסט רעגיערען דריי יאהר.

אויפ'ן פערטען יאהר וועלען דיר די מאַהאמעדאנער ארויס־טרייבען פון דארטען, און דו וועסט זיך צוריקקעהרען אַהיים מיט בלויז דריי ריטער.

„עס קען זיין, אז דו זאָגסט אמת," האט געזאגט גאָט־פריעד, וועמען די נבואה איז ניט געפעלען געוואָרען, „אבער אויב איך וועל זיך אומקעהרען צוריק אפילו מיט איין פערד מעהר ווי דריי, וועל איך דיין קערפּער ארויסוואַרפען פאר די הינד און אויסטויטען אלע אידען פון פראנקרייך."

אין עטליכע יאהר ארום איז גאָטפריעד, דער געוועזענער קעניג פון ירושלים, געפאָהרען צוריק אין פראנקרייך, בעגלייט פון דריי רייטער. צוזאמען מיט איהם, אלזאָ, פיער, מיט איינעם מעהר ווי רש"י האט געזאָגט. ער האט זיך דערמאָהנט אן רשי'ס נבואה, און האט בעשלאָסען צו האָבען זיין ראכע. ווען ער איז אָבער אָנגעקומען אין ט ר ו א און האט געדארפט דורכגעהן דעם טויער, האט זיך פון טויער אבגעריסען א גרויסער שטיין און האט געטויטעט איינעם פון די רייטער מיט זיין פערד. זיינען אלזאָ געבליבען בלויז דריי, ווי רש"י האט פאָראויסגעזאָגט. גאָטפריעד האט זיך איבערצייגט, אז רש"י איז געווען גערעכט און ער האט איהם געוואָלט אָבגעבען כבוד, אָבער ער האט זיך דערוואוסט־אז רש"י איז שוין טוידט.

אין דער לעגענדע זעהט זיך א געפיהל פון צופריעדענ־הייט, וואס די ערשטע קרייץ־פאהרער האבען געכאפּט אזא ביטערע מפלה. פאר די אלע צרות און יסורים, פאר די גאנצע ימים פון אידיש בלוט און אידישע טרערען, וואס די קרייץ־פאהרער האבען פערגאסען, האט דאס אידישע פאָלק געהאַט זיין ראכע אין די מעשה'לע מיט די איבערגעבליבענע דריי ריטער...

אידישע נקמה!

III.

ר"שי'ס ערציהונג. דער אידישער חדר אין מיטעל-אלטער. רש"י'ס רביים. רש"י בעזעצט זיך אין טרוא און עפענט דארטען א ישיבה. זיינע „תשובות" און זיין פאעזיע.

רש"י איז געבארען געווארען אין טרוא, צפון פראנקרייך, אין דעם יאהר 1040. וועגען זיינע עלטערען און זיין יחוס ווייסען מיר גאנץ ווייניג, כאטש די לעגענדע האט פאר איהם אויסגעפונען א יחוס-קייט, וואס דערגרייכט ביז דעם תנא ר' יוחנן הסנדלר. אלץ וואס מיר ווייסען בעשטימט איז, אז זיינער אן אנקעל, פון דער מוטער'ס צד איז געווען ר' שמעון הזקן א תלמיד פון רבינו גרשום און אליין א בעריהמטער תלמודיסט.

ווער עס זיינען געווען זיינע ערשטע רביים אין זיינע קינדערשע יאהרען איז ניט בעקאנט. עס איז וואהרשיינליך אז ער האט געקראגען די זעלבע ערציהונג, וואס די מעהרסטע אידישע קינדער פון פראנקרייך און דייטשלאנד פלעגען אין יענער צייט קריגען, — דיא ערציהונג פון א אידישען חדר.

דער אידישער חדר איז אן אלטע איינריכטונג ביים אידישען פאלק. ער האט זיך אנגעפאנגען נאך אין דער צייט ווען אידען זיינען געזעסען אויף זייער אייגען לאנד. זיין ערשטער גרינדער זאל געווען זיין, לויט ווי דער תלמוד דערצעהלט, יהושע בן גמלא, איינער פון די לעצטע כוהנים גדולים. „צום גוטען זאל דערמאנט ווערען דער נאמען פון יהושע בן גמלא, וועלכער האט אין יעדער

שטאָדט און שטעדטעל געעפענט שוהלען פאר קינדערלעך פון פינף און זעקס יאָהר. ווען ניט ער וואָלט די תורה פערגעסען געוואָרען ביי אידען" (בבא בתרא, כ"א).

עס פערשטעהט זיך, אז דער אידישער חדר האָט ניט אלע מאָל געהאַט דעם זעלבען פּנים און איז ניט איבעראל און אין אלע צייטען געווען גלייך אין אלע פּרטים. אָבער דער אידישער חדר פון פ ר א נ ק ר י י ך און ד י י ט ש ל א נ ד אין מיטעל־אלטער האָט זיך גאַנץ וועניג אונטערשיידעט פון דעם אידישען חדר אין רוסלאנד פון לעצטען יאָהרהונדערט. ד ר. ג י ד ע מ א ן און זיין ווערק: „די געשיכטע פון דער ערציהונג און קולטור פון די מערב־אייראָפּעאישע אידען אין מיטעל־אלטער" גיט א ליינגערע בעשרייבונג פון דעם דאָמאָלסדיגען חדר. דאָ וועט איבערגעגעבען ווערען קורצע אויסצינגע דערפון:

ווען דאָס קינד פלעגט אלט ווערען בערך פינף יאָהר, פלעגט מען איהם פיהרען אין חדר. ש ב ו ע ו ת פלעגט געוועהנליך אויסגעקליעבען ווערען אלס דער ערשטער חדר־טאָג, ווייל דאָס איז דער יום־טוב ווען די תורה איז געגעבען געוואָרען. איינגעוויקעלט אין א טלית פלעגט מען דעם קינד בריינגען אין בית המדרש און איהם אוועקשטעלען אויף דער בימה, ווען מ'האט געלייענט די „עשרת הדברות". דאן האט מען איהם איבערגעגעבען דעם מלמד. צוריק פון בית המדרש פלעגט איהם דער רבי טראָגען אויף די הענד צו זיך אין הויז. דאָרטען האָט זיך געפינען א קליין ברעטעל אויף וועלכע עס זיינען געווען אויפגעשריעבען די ערשטע און די לעצטע פיער בוכשטאַבען פון דעם „אלף־בית", דער פסוק: „די תורה וואָס משה האָט אונז פערזאָגט, א ירושה פאר די געמיינדע פון יעקב" (תורה צוה לנו משה, מרשה קהלת יעקב) און דער ערשטער פסוק פון „ויקרא", דער טהייל פון חומש וואו עס ווערט גערעדט פון קרבנות, ווייל „די קינדערלעך זיינען רייניקע און די קרבנות זיינען ריינע; זאָלען קומען די ריינע און זיך בעשעפטיגען מיט ריינע". אויף דעם ברעטעל האט זיך אויך געפונען האניג, און נאָכדעם ווי דער רבי פלעגט פאר דעם קינד דורכלייענען די

בוכשטאבען און די פסוקים, פלעגט ער איהם געבען די האָ־
ניג, „כדי דאָס קינד זאָל פערזוכען די זיסקייט פון דער תורה".
א חוץ דעם פלעגט דאָס קינד קריגען א לעקאך מיט א געקאָכ־
טע איי. א יונגע מיידעל פלעגט באקען דעם לעקאך און ער
פלעגט געמאכט ווערען פון זעמיל־מעהל, האָניג, מילך און
בוימאויל. אויפ'ן לעקאך פלעגט אויסגעקנאָטען ווערען פער־
שיעדענע פסוקים, ווי צום ביישפיעל: „און דו האָסט איהם
געגעבען צו זויגען האָניג פון שטיין און בוימאויל פון פעלז"
(ויניקהו דבש מסלע ושמן מחלמיש צור). און „האָניג און מילך
זיינען אונטער דיין צונג" (דבש וחלב תחת לשונך). אויך אויף
דער איי זיינען געווען אויפגעשריעבען פאסענדע פסוקים,
וואס האָבען געהאט א שייכות מיט'ן יום טוב. נאָכ'ן עסען
פלעגט מען דעם קינד נעהמען שפּאַציערען ביים טייך „ווייל
די תורה איז געגליכען צו א פליסענדען וואסער".

אין פעדאגאָגישען זינן איז דער אידישער חדר געשטאַ־
נען פיעל העכער ווי די דאמאָלסדיגע קריסטליכע שוהלען. א
מלמד האָט ניט געטאָרט האָבען מעהר ווי פיערציג תלמידים,
און ניט מעהר ווי צעהן אין א „כתה". דאָס קינד האָט ניט גע־
טאָרט שווער בעשטראָפט ווערען: קיין אַנדער זאך ווי א
קליינעם רימען האָט מען ניט געטאָרט געברויכען. דאָס לערנען
איז פאָרגעקומען סיסטעמאטיש. דאָס קינד האָט פריהער גע־
לערענט „עברי", דאן „חומש", שפּעטער תנ"ך, דאן די לייכ־
טערע שטעלען פון דער גמרא און ערשט שפּעטער די גמרא.
דער גאנצער קורס איז איינגעטהיילט געוואָרען אין פיער־
צעהן יאָהר: צוויי יאָהר עברי און חומש, צוויי יאָהר תנ"ך,
דריי יאָהר די לייכטערע מסכתות פון דעם תלמוד, און זיעבען
יאָהר אויף דעם שטודיום פון דעם תלמוד אין א העכערע שוהל,
א ישיבה, ערגעץ אין א פרעמדער שטאָדט.

ווי לאנג רש"י האָט זיך אויפגעהאַלטען אין אזא מין
חדר איז ניט בעוואוסט, אָבער אויף זיין פופצעהנטען יאָהר
טרעפען מיר איהם אַלס „ישיבה־בחור" אין וואָרמס,
וואו דער ראש ישיבה איז געווען ר' יעקב בר יקר.
רש"י דערמאָנט איהם אָפט און רופט איהם „רבי הזקן". ער

רעדט וועגן איהם מיט דעם גרעסטען דרך־ארץ ניט בלויז פאר זיינע גרויסע לומדות, נאָר אויך פאר זיין פרומקייט, גוטע מדות און בעשיידענהייט. גרויס וויא דער דאָזיגער ר' יעקב איז געווען אלס למדן איז ער נאָך געווען גרעסער אין זיין בעשיידענהייט. ער האָט ניט ליעב געהאַט צו שטעלען אויף זיך און זיינע מיינונגען. מיט זיינע תלמידים פלעגט ער ארומגעהן ווי א גלייכער מיט א גלייכען. אויף איהם ווערט דערצעהלט, אז ער פלעגט מיט זיין באָרד אויסקעהרען דעם בית־המדרש. רש"י זאָגט וועגען איהם: „ער האָט זיך בעטראכט ווי א ווארים, וואָס לאָזט זיך טרעטען מיט די פיס און האָט זיך קיינמאָל ניט גענומען דעם כבוד איינצופיהרען א נייען מנהג אָדער תקנה, כאָטש ער איז געווען גרויס גענוג אויף דעם". דער ביישפּיעל פון זיין רבי'ן האָט אָהן שום ספק געהאַט א ווירקונג אויף דער אויסבילדונג פון רשי'ס כאַראקטער.

נאָך ר' יעקב'ס טוידט איז געוואָרען דער ראש־ישיבה אין וואָרמס ר' יצחק הלוי. אויך ביי איהם האָט רש"י געלערענט, אָבער ער איז שוין דאמאָלסט געווען אליין א גרויסער למדן און איז געווען מעהר חבר ווי תלמיד פון ר' יצחק הלוי. פון וואָרמס איז רש"י אריבערגעגאנגען אין מאַינץ, וואו דער ראש ישיבה איז געווען ר' יצחק בר יהודה.ביידע האָבען פון רשי'ן געהאַט די העכסטע מיינונג און האָבען איהם בעטראכט אלס חבר און ניט אלס תלמיד. דער ערשטער שרייבט וועגען רש"י: „געבענשט זאָל זיין גאָט'ס נאָמען, וואָס ער האָט ניט פער'יתום'ט אונזער דור און האט אונז געגעבען אזעלכע גרויסע חכמים, ווי מיין טהייערער און געעהרטער פריינד, מיין קרוב ר' שלמה. זאָלען זיך פיעלע ווי ער מעהרען צווישען די אידען". דער צווייטער בעגריסט איהם אין א בריעף מיט די פאָלגענדע ווערטער: „צו איהם, וואָס איז בעליעבט אין הימעל און געעהרט אויף דער ערד, וואָס בעזיצט די אוצרות פון דער תורה" און אזוי ווייטער. רש"י דערמאָנט אויך א פיערטען רבי זיינעם, ר' אליקים פון שפּייער.

דאס רוב פון די גרויסע תלמודישע ישיבות פון יענער צייט האבען זיך געפונען אין *לאטערינגען* אדער „*לותיר*“, ווי דער פראווינץ ווערט אנגערופען אין די אלטע רבנישע ספרים. די אורזאכע דערפון איז געוועזן א ריין עקאנאמישע. *לאטהערינגען* איז געוועזן די הויפטוועג דורך וועלכער דער האנדעל איז פארגעקומען צווישען *איטאליען* און *דייטשלאנד*, און צווישען *פראנקרייך* און *דייטשלאנד*. די אידען האבען דארטען געקענט לייכטער קריגען זייער פרנסה, און זיי האבען זיך דארום דארטען בעזעצט אין מאססען, בילדענדיג גרויסע אידישע קהלות און דיא גרויסע ישיבות. די אידען פון *איטאליען*, *פראנקרייך* און *דייטשלאנד* זיינען צוליעב דעם געשטאנען איינע מיט די אנדערע אין נאהענטע בעציהונגען. אזוי איז עס געקומען, וואס *רש״י*, א געבארענער אין פראנקרייך, האט געקראגען זיינע תלמודישע קענטניסע הויפטזעכליך אין דייטשלאנד. דערפאר האט זיך וועגען רשי׳ן אויסגעבילדעט דער ווערטיל: „פראנקרייך האט איהם געשוויינגערט און געבוירען; דייטשלאנד האט ערצויגען איהר ליעב־קינד“ (ארץ צרפת הרה וילדה, וארץ אשכנז גדלה שעשועיה).

חתונה געהאט האט רש״י, ווען ער איז נאך געווען יונג, אבער א קורצע צייט נאך דער חתונה איז ער מיט זיין ווייב׳ס צושטימונג געווארען א „פרוש“. ער איז ארומגעגאנגען פון ישיבה צו ישיבה, אלץ זוכענדיג, און פארשענדיג, און לערענדיג. ער האט געלערענט תורה אין דחקות און אין צער. אין א פלאטץ דערמאנט ער פערבייגעהענדיג, אז ער האט דאמאלסט געליטען הונגער, געגאנגען „קרוע־בלוע“ און געהאט א ווייב אויפ׳ן האלז.

בערך צעהן יאהר האט ער אזוי ארומגעוואנדערט פון ישיבה צו ישיבה, וואו ער האט זיך ערווארבען דעם גרויסען וויסען, וואס איז איהם שפעטער צוניטץ געקומען פאר זיין לעבענס־ארבייט. איינע פון די וויכטיגסטע ארבייטען, וואס ער האט אין יענער צייט אנגעפאנגען איז בעשטאנען אין נאכ־

זוכען און צו פערגלייכען די אלע פערשיעדענע „נוסחאות" פון דעם תלמודישען טעקסט. דאמאָלסט האָט מען נאָך פון קיין דרוק ניט געוואוסט, און די אלע ספרים פלעגען קאָפּירט ווערען פון פערשיעדענע איבערשרייבער.ביי דעם איבער־שרייבען פלעגען גאַנץ אָפט אריינפאלען טעות'ן. ניט שטענ־דיג האָבען דיא איבערשרייבער פערשטאַנען דעם טעקסט און פלעגען אָפט פערבייטען אָדער איבערשטעלען ווערטער; מאַנ־כעס מאָל פלעגען זיי זאָגאר צושטעלען עטוואָס פון זיך, מיי־נענדיג דערמיט קלהערער צו מאַכען דעם ענין. דאָס אלץ האָט געדארפט אויסגעבעסערט ווערען, און די ארבייט איז געווען א שווערע ,א לאנגזאמע און ניט קיין אינטערעסאנטע, אָבער פון גרויס וויסענשאַפטליכען ווערטה און בעדייטונג. דער ריכטי־גער „נוסח" האָט דאָך איינמאָל פאַר אלע מאָל געמוזט ווע־רען פעסטגעשטעלט. דאָס האָט געהאַט ניט בלויז א וויסענ־שאַפטליכע בעדייטונג, נאָר אויך א פּראקטישען ווערטה, וואַ־רום אויב דער „נוסח" ווערט געענדערט, קען דאָך אמאָל אויך דער דין ווערען אנדערש. עס איז אמת, אז ר ב י נ ו ג ר ש ו ם „דער ליכט פון גלות" האָט שוין געטהאָן די דאָזיגע ארבייט איידער רש"י. ער האָט אליין, מיט זיין אייגענער האנדשריפט, אָנגעשריבען א קאָרעגירטען תלמוד. ר ב י נ ו ג ר ש ו ם האָט אפילו ארויסגעלאָזען א מין חרם, אז קיינער זאָל זיך מעהר ניט ערלויבען צו קאָרעגירען דעם תלמוד, אָבער ר ש " י האָט זיך צוליעב דעם ניט צוריקגעהאלטען פון זיין ניצליכער און וויכטיגער ארבייט. דער ת ל מ ו ד ווי מיר האָבען איהם איצטער איז לויט די „גרסא" אָדער „נוסח" פון רשי'ן, לויט וויא ער האָט איהם געקארעגירט (זעה דור, דור ודורשיו, חלק ד' פּרק כ"ה). א מענש מיט א גלייכען און טיע־פען שכל, פּינקטליך און פּארזיכטיג, מיט א טעמפּעראמענט פון א וויסענשאפטס־מאַן, איז ר ש " י געווען די פּאסענד־סטע פּערזאָן פאר אזא מין ארבייט, וואו עס פּאָדערט זיך א חוץ א גרויסען וויסען אין דעם פאך אויך געדולד און אויס־דויער.

אויף זיין דרייסיגסטען יאָהר איז ער אָנגעקומען צוריק

אין זיין געבורטס־שטאָדט, אין ט ר ו א, וואו ער האָט געעפענט זיין ישיבה, וועלכע איז אין א קורצער צייט שפּעטער, נאָך דעם טוידט פון ר' יצחק הלוי, געוואָרען די גרעסטע און אנערקענטעסטע פון יענער צייט. ט ר ו א איז געוואָרען דער צענטער פון דעם תלמודישען שטודיום, און צו רשי'ן זיינען געקומען תלמידים ניט בלויז פון פראנקרייך נור אויך פון לאטהארינגען און אנדערע דייטשע פּראווינצען. דאָרטען האָט רש"י אָנגעפאנגען און דאָרטען האָט ער אויך געענדיגט זיין גרויסע לעבענס־ארבייט.

ווי עס איז שוין בעמערקט געוואָרען, האָט די לעגענדע געמאַכט פון רשי'ן אויף אַ גרויסען געלעהרטען און שפּראַך־קענער. ער זאָל האָבען געקענט אלע „זיעבען חכמות" און שיעור ניט אלע „זיעבעציג לשונות". עס איז אָבער ניטאָ קיין גרונד אָנצונעהמען, אז ער זאָל זיך האָבען אויסגעצייכענט אויף דיא דאָזיגע געביטען. ער איז געווען אַ קינד פון זיין צייט און זיין לאנד, און זיין וועלטליכער וויססען איז וואהרשיינליך ניט געווען פיעל גרעסער ווי פון די אנדערע אידישע געלעהרטע אין פראנקרייך און אין דייטשלאנד אין יענער צייט. א חוץ העברעאיש האָט ער אויך געקענט גוט דיא דאָמאָלסטדיגע פראנצויזישע שפּראך, וויא מען זעהט עס ארויס פון זיינע ב ל ע ז'ע ן. א אידיש־פראנצויזישער געלעהרטער, ד א ר מ ש ט ע ד ט ע ר, האָט אָנגעפאנגען שרייבען אַ ווערק, אין וועלכע ער האָט געהאַט בדעה פון די דאָזיגע „ל ע ז ' ן" צוריקשטעלען די אַלטע פראנצויזישע שפּראך אָבער ער האָט איהר ניט דערענדיגט. רש"י האָט אויך געקענט דייטש און האָט, וויא עס ווייזט אויס, אויך געהאַט אַ ידיעה וועגען אראביש. ער האָט אָבער א פּנים ניט געקענט גענוג די אראבישע שפּראך, אז ער זאָל קענען לייענען די גרויסע אידישע ליטעראטור, וואָס איז אין איהר געשאַפען געוואָרען. פון די אידיש־אראבישע שרייבער איז ער געווען גוט בעקאַנט מיט די גראַמאַטישע ספרים פון מ נ ח ם ב ן ס ר ו ק און ד ו נ ש ב ן ל א ב ר א ט, וועמען ער ציטירט גאַנץ אָפט.

רשי'ס מאַטעהמאַטישע און אסטראָנאָמישע קענטניסע זיינען געווען זעהר בעגרענצט. ער האט ניט געהאט קיין רביים פון וועמען דאס צו לערנען. אין איראָפּא. א חוץ שפּאַניען, האָט מען נאָך דאמאָלסט איבערהויפּט וועניג געוואוסט פון די וויסענשאפטען. דיא איינציגע קוועלען פון וואנען ער האָט געקענט שעפּען אזעלכע ידיעות זיינען געווען די העברעאישע ספרים פון מאַנכע אידיש־איטאַליענישע געלעהרטע, און אזעלכע ספרים זיינען אויך געווען וועניג און פון־גאנץ צוויי־פעלהאפטען ווערטה. ער האָט אָבער געוואוסט גענוג פון די דאָזיגע וויסענשאַפטען, אום צו קענען ערקלעהרען געוויסע שטעלען אין תלמוד, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט אזעלכע פראַ־גען. אויך זיינע ידיעות וועגען דער היסטאָריע זיינען ניט גע־ווען פאָלקאָמען. ער מאַכט צייטענווייז א טעות אין דער כראָנאָלאָגיע, אָבער דערפאר ווייס ער צו דערצעהלען פון גע־וויסע פּאסירונגען און טראדיציאָנען, וועלכע וואָלטען אונז אהן איהם אין גאנצען געבליבען פרעמד.

אויב זיין וועלטליכע בילדונג איז ניט געווען קיין גלענ־צענדע, האָט ער אָבער צו זיך כמעט קיין גלייכען ניט אין זיין וויסען פון דער ביבלישער און תלמודישער ליטעראַטור. דאָר־מען איז ער דער אונבעשטרייטבארער מייסטער, און אלע פערבאָרגענעסען זיינען אָפען פאר איהם. א חוץ דעם תנ"ך, וועלכען ער האָט געוואוסט ווי זעהר ווענינע פאר און נאָך איהם, איז כמעט ניטאָ קיין זאך פון דער גרויסער תלמודישער ליטעראַטור, וואָס ער האָט ניט געוואוסט. אָנפאַנגענדיג פון דעם „תלמוד בבלי" און „ירושלמי", האָט ער אויך געוואוסט דעם „מכלתא", ספרא", „ספרי", די אלערליי מדרשים, ווי די „מדרש רבות", דער „מדרש שיר השירים", „מדרש תהלים", „מדרש איכה", פּסקתא, „תנחומא", און „פרקי דברי אליעזר". ער איז אויך געווען בעקאַנט מיט די שריפטען פון די גאונים און זייערע „הלכות", מיט די ווערק און פּירושים פון ר ב י נ ו ג ר ש ו ם, מיט די ווערק פון ר' משה הדרשן פון נ א ר ב א נ א און פון פיעלע אנדערע פּראָנצויזישע און דייטשע געלעהרטע. דיא דאָזיגע אלע

ספרים און מחברים ווערען דערמאָנט אין זיינע פירושים אויף דעם תנ"ך און אויף דעם תלמוד.

זיינע בעציהונגען צו זיינע פיעלע תלמידים זיינען געווען דיא פריינדליכסטע, וויא פון א פאָטער צו א קינד. זיינע תלמידים האָבען אויף איהם געקוקט וויא אויף א הייליגען, און האָבען פערצייכענט און פערשריעבען יעדען וואָרט וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט. זאמלונגען פון זיינע „תשובות" צו פערשיעדענע רבנים אויף רעליגיעזע פראגען, ווי אויך זיינע דינים און מנהגים, זיינען צוזאמענגעשטעלט געוואָרען פון זיינע תלמידים. ניט לאַנג צוריק איז אָפגעדרוקט געוואָרען א גרויסע זאמלונג אונטער דעם נאָמען „מחזור וויטרי" און א צווייטע זאמלונג אונטער דעם נאָמען „סידור של רש"י", וואו די מעהרסטע פון זיינע דינים און תשובות זיינען אריינגע־קומען.

זיינע „תשובות" זיינען געשריעבען אין א בעשיידענעם און מילדען טאָן: רש"י האָט אליין ניט געוואוסט ווי גרויס ער איז. ער האלט זעהר שטארק פון אן אנגענומענעם מנהג. „א מנהג פון די אידען איז ווי די תורה; אויב זיי זיינען ניט קיין נביאים, זיינען זיי די קינדער פון נביאים", זיינען זיינע געוועהנליכע ווערטלעך. ער טרעט כמעט קיינמאָל ניט ארויס געגען א מנהג, סיידען ווען ער איז אויסדריקליך געגען א דין. רש"י איז ניט קיין „מקיל"; ער פיהלט זיך ניט גרויס גענוג און אויטאָריטעט גענוג צו פסק'ענען עטוואָס, וואָס זאָל זיין אין ווידערשפרוך מיט דעם דין, אָבער מען זעהט אין איהם א מענשען מיט א געזונדען פערשטאַנד, וואָס נעהמט אין אנבעטראַכט דיא אומשטענדען. אזוי צום ביי־שפיעל פסק'ענט ער: „אז אידישע ווין וואָס א גוי האָט אָנ־געגאָסען, כאָטש דיא חכמים האָבען גע'אסרט דערפון הנאה צו האָבען, זיינען מיר זיך נוהג עם צו פערקויפען צו א ניט אידען, ווייל היינטיגע צייטען איז ניט שייך קיין יין־נסך.*) אזוי

*) „יין של ישראל שנסכו גוי אעפ"י שהחכמים אסרוהו בהנאה אנו נהגנין לזביני לנויים משום דבזמן הזה אין מנסכין.

ווערט אויך פון איהם דערצעהלט, אז זיינע תלמידים האָבען איהם אמאָל געפרעגט: א איד האָט געטראָגען א קרוג מיט וויין. האָט איהם א גוי א שטויס געטהאָן און א טהייל פון די וויין האָט זיך אויסגעגאָסען. מעג מען די וויין טרינקען אָדער ניט? רש"י האָט געענטפערט מיט א וויטץ: „די אויסגע־גאָסענע וויין טאָר מען ניט טרינקען; די וואָס איז געבליעבען מעג מען".

זיין האלטונג צו דיא אידען, וועלכע האָבען זיך געטויפט צוליעב די גזרות פון דיא קרייץ־פאהרער און האָבען זיך שפּע־טער צוריקגעקעהרט צום יודענטהום, איז געווען זעהר א מיל־דע און א מענשען־פריינדליכע. עס האָבען זיך געפונען אידען, און צווישען זיי אויך רבנים, וואָס האָבען די דאָזיגע אונגליק־ליכע ניט געוואָלט אריינעהמען צוריק צו זיך. רש"י האָט זיך פאר זיי אנגענומען: „צוליעב די מורא פון דעם טוידט האָ־בען זיי דאָך עס געטהאָן. זאָלען מיר חס ושלום, זיין אזוי שלעכט און זיי צוריקשטויסען פון זיך?" רש"י האָט אויך געשריעבען פּאָעזיע; עס געפינען זיך פון איהם איינינע תפלות וואָס זיינען אריינגענומען אין די סליחות און אין מחזור. איז דעם שטעהט ער פיעל נידעריגער ווי אפילו די מיטעלמעסיגע שפּאנישע אידישע פּאָעטען. די שפּראך איז ארעם און אָהן בילדער, כאָטש די פארמע וועלכע ער געברויכט איז פשוט'ער און איינפאכער:

„אונזער אונגליק האָסטו לאנג צוריק פאראויסגעזע־
הען, — איז נאָך דיין פייערדיגער גרימצאָרן אלץ ניט בערו־
היגט? מיר האָבען געזינדיגט אין די פערגאנגענע טעג,
מיר ליידען איצטער. אונזערע וואונדען בלוטיגען, מקוים
געוואָרען איז דיין שבועה, ערפילט געוואָרען דיין קללה.
לאנג האָבען מיר געבלאָנדזשעט, פול מיט פחד און מיט
ציטערניס קומען מיר איצטער צו דיר, מיר אָרעמע אין
גוטע טהאטען. איידער מיר געהען אונטער בעוויזז זיך נאָך
א מאָל צו דיינע קינדער".

דער זעלבער טרויער און דערזעלבער בעקלאָגען זיך גע־פינט זיך אין די איבעריגע סליחות פון רש"י א חוץ אין איינע.

וואָס איז א מין הימנע וועגען דער איינהייט פון גאָט. „דאָס כאראקטעריסטישע פון רש״י׳ס תפילות זאָגט צונץ, „איז דער טיעפער טרויער; זיי זיינען אלע פול מיט ביטערע טענות״.

אָבער רשי׳ס גרויסקייט ליגט ניט אין זיין פּאָעזיע, אפילו ניט אין זיינע „תשובות״ און דינים. זיין גרויסע בעדייטונג ליגט אין זיינע פּירושים אויף דעם תנ״ך און אויף דעם תלמוד.

IV.

רש"י אלס קאָמענטאַטאָר.

„ווען ר ש " י האָט פערענדיגט זיין פירוש אויף דער תורה איז משה רבינו צו איהם געקומען, האָט איהם א קוש געטהאָן אויפ'ן קאָפּ און האָט געזאָגט: שלמה, דו ביזט דער ערשטער וואָס האָט ריכטיג פערשטאַנען מיין כונה", אזוי דערצעהלט די לעגענדע אויף איהר נאַיווען שטייגער.

אין דער דאָזיגער שעהנער לעגענדע ליגט אין דער אמת'ען א טיעפע קריטישע אבשאַצונג פון רש"י'ן אלס קאָמענטאַטאָר, אן אבשאַטצונג וועלכע איז ניט זעהר ווייט פון דעם אמת. דער ערשטער וואס האָט ריכטיג פערשטאַנען די כונה", איז דער גרעסטער קאָמפּלימענט וואָס קען געגעבען ווערען א קאָמענטאטאר, ווענעם אויפגאַבע עס דארף זיין ניט ארויסצוזאָגען זיינע א י י ג ע נ ע מיינונגען און געדאנקען, נאָר ארויסצוברייננען די כונה פון דעם שרייבער, וועמעס ווערק עס ווערט קאָמענטירט.

אויב רש"י איז ניט געווען דער ערשטער, איז ער ווענינ־סטענס געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבען געזוכט צו געבען דעם פּשוט'ען זינן פון דער ביבעל, איהר פּראָסטען פשט. רש"י זוכט ניט „אריינצוטייטשען" און אריינצו'פשט'־לען אין די ביבלישע ווערטער זיינע אייגענע געדאנקען און פי־לאָזאָפעריען, ווי עס האָבען געטהאָן אנדערע מפורשים סאַי פאַר איהם, סאַי נאָך איהם. ער זוכט ארויסצוברייננען און

קלאָר צו מאַכען דעם מיין פון דער ביבעל גופא, אזוי ווי זי איז. דערפאר איז מ ע נ ד ע ל ס ז אָ ה ן גערעכט, ווען ער בעמערקט: „ווען רש"י האַלט זיך אָן פשט קען איהם קיינער ניט איבערשטייגען."

צו טהאָן אזא ארבייט געוויסענהאפט און מיט ערפאָלג, ווען עס האנדעלט זיך וועגען קאָמענטארען אויף דער ביבעל, מוז מען זיין איינס פון די צוויי: ענטוועדער א פרייער וויסענשאַפטליכער פאָרשער אָדער א נאַאיווער גלויביגער. דער פרייער וויסענשאַפטליכער פאָרשער בעטראַכט די ביבעל ווי א פראָדוקט פון מענשליכען דענקען און שאַפען, ווי א וויכטיגער טהייל פון דער מענשליכער ליטעראַטור און קולטור. ער ווערט ניט נתפעל, אויב ער געפינט דאָרטען געדאַנקען און מעשיות וואָס לייגען זיך ניט אויף זיין שכל, וואָס זיינען ניט אין איינקלאַנג מיט זיינע אייגענע מיינונגען און איבערצייגונגען. ער ווייס גאַנץ גוט, אז מענשען מיט צוויי צו מיט דריי טויזענד יאָהר צוריק האָבען אנדערש געטראַכט און אנדערש געפיהלט ווי מיר טהוען עס איצטער. זאַכען, וואָס צייגען אונז אויס היינטיגען טאָג צו זיין נאַריש און אונוויסענד, זיינען דאן געווען די העכסטע חכמה און דער אמת'ער וויסען; זאַכען, וואָס זיינען ביי אונז איצטער מיאוס, זיינען דאן געווען שעהן. ער, דער דאָזיגער פרייער פאָרשער, בעשולדיגט ניט און פערענטפערט ניט. ער פערשטעהט, אז עס איז א פשוט'ער אונזין צו בעשולדיגען יענע מענשען פאר וואָס זיי האָבען, למשל, געגלויבט, אז די זון און ניט די ערד דרעהט זיך. דאמאלס האָבען אלע אזוי געמיינט און זיי האָבען בעסער ניט געוואוסט, — דאָס איז דער תירוץ אויף אלע קשיות. ער נעהמט די ביבעל ווי זי איז, ער זוכט צו פערשטעהן, וואָס זי האָט געמיינט. איהם וועט בשום אופן ניט איינפאלען אויסצוטייטשען די פסוקים אזוי, אז זיי זאָלען זיך פאַסען מיט זיינע פערזענליכע איבערצייגונגען. פאר איהם זיינען דאָרטען ניטאָ קיין סודות און קיינע רמזים, כאָטש עס קען טרעפען גאַנץ אָפט, אז געוויסע שטעלען פערשטעהט ער ניט. דאָס נעהמט זיך דערפון, וואָס געוויסע אויסדריקע און געוויסע אָנ־

דייטונגען, וועלכע זיינען געווען קלאָר און פערשטענדליך פאר די מענשען פון יענער צייט, זיינען פאר אונז איצטער אין גאַנ־צען פרעמד.

פּונקט אין אזא גינסטיגע לאגע געפינט זיך דער נאאיווער גלויביגער. אויך ער דאַרף ניט „אריינטייטשען“ און אויס־טייטשען. פאר איהם איז אלץ קלאָר און פּשוט, נאטירליך און פערשטענדליך. ער דארף זיך פאר קיינעם ניט ענטשול־דיגען און ער האָט זיך ניט וואָס און פאר וועמען צו פערענט־פערען. זיינע אייגענע מיינונגען און אנזיכטען קומען ניט אין צוזאמענשטויס מיט די מיינונגען און אנזיכטען פון דער בי־בעל: זיי זיינען די זעלבינע. ער קען אויך, ווי דער ערשטער, און אפשר נאָך מעהר, זיך פערגינען צו האלטען אָן פּראָסטען פּשט.

ר ש״י בעלאנגט צום צווייטען קלאַס. ער איז צום גליק ניט געווען בעקאַנט מיט דער גריכישער און דער אראבישער פילאָזאָפיע, און ער האָט דארום ניט געדארפט זוכען קיין תירוצים, ניט געדארפט זיך פערענטפערען. ער איז געווען ווייט פון די ספיקות און די קשיות, וועלכע האָבען ניט געלאָזט רוהען די א ב ן ־ ע ז ר א׳ ן און די ר מ ב ״ם׳ס. די לעצטע, גלוי־בענדיג אין דער געטליכקייט פון דער ביבעל פון איין זייט, און אין דער אונפעהלבארקייט פון זייערע אייגענע פילאָזאָפע־רייען פון דעם אנדערען זייט, האָבען זיך ווי געפונען צווישען פייער און וואסער. ווען זייערע פילאָזאָפישע איבערצייגונ־גען האָבען ניט איינגעשטימט מיט דעם פּראָסטען פּשט פון דער ביבעל, האָבען זיי זיך געפונען אין א פערלעגענהייט. זיי האבען דאמאלס געזוכט צו מאַכען פּשרות, געזוכט צו פער־איינינגען דאָס אונפעראייניבארע. איבער געוואלט, מיט אלער־ליי קונצען און דורך אלעגאָריען, האָבען זיי געזוכט צו מאַכען שלום, וואו קיין שלום האָט ניט געקענט זיין. מען קען בע־וואונדערען זייער חריפות, זייערע שארפע המצאות, אָבער נאָך אלעם זיינען עס געווען ניט מעהר ווי ה מ צ א ו ת: דער פּסוק האָט ניט געמיינט דאָס, וואָס זיי האָבען אין איהם אריינגע־ליינט. פאר דער וויסענשאַפט פון ביבעל־פאָרשונג און ביבעל־

פערשטענדנים האָבען זיי ניט בלויז גאָרנישט אויפגעטהאָן, נאָר זיי זיינען זאָגאָר געווען שעדליך. גאַנץ אנדערש איז עס אָבער געווען מיט רשי"ן: קלאָר און ליכטיג זיינען איהם גע־ווען זיינע אויגען; גלייך און ברייט איז איהם געלעגען זיין וועג. קיינע הינדערניסע, קיינע שטערונגען אין זוכען דעם פּראָסטען פּשט. מאַנכע ביבלישע אויסדריקע, וואו עס ווערט גערעדט פון גאָט אַלס קערפּער, זיינען שוין לאַנג צוריק אויס־געטייטשט געוואָרען פון אונקולס און פון די תלמודיסטען. „די תורה רעדט מיט דער שפּראַך פון דעם מענשען, כדי צו מאַכען עס פערשטענדליך פאר דעם מענשליכען אויער", דאָס איז שוין געווען אַן אַלטער כלל, וועלכען רש"י האָט גאַנץ אָפט בענוצט. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז רשי"ס פּירושים שטעהען אין וויסענשאַפטליכען זינן אונפערגלייכבאַר העכער ווי די אלע פּירושים פון די פערשיעדענע אלעגאָריסטען און „בעלי הסוד" צוזאַמענגענומען. דארום האָט רש"י מיט רעכט פערדיענט דעם נאָמען „פרשן־דתא", דער ערקלערער פון דער תורה, וואָס ער האָט געקראָגען. רש"י מיט זיינע קאמענטא־רען אויף דער ביבעל האָט ניט בלויז אויסגעאיבט א גרויסען איינפלוס אויף די שפּעטערע אידישע מפורשים, נאָר אויך אויף די קריסטליכע. דער בעריהמטער קריסטליכער ביבעל־קאָ־מענטאַטאָר ניקאָלאַי דע־לירא איז געווען א שטאַרקער נאכאהמער פון רשי"ן. פון דעם דאָזיגען דע־לירא, ווידער, איז שטאַרק בעאיינפלוסט געוואָרען לוטהער (צונץ).

ניט אלע מאָל האלט זיך רש"י אַן פּראסטען פּשט. ער ברענגט גאַנץ אָפט אריין דרשות. ניט זעלטען מערקט ער דער־ביי אָן: „זאָל זיך די דרשה דרש'ענען, דער פּסוק אבער געהט ניט ארויס פון זיין פּשט". ביי רש"י'ן איז דער דרש ניט אַנ־שטאָט דעם פּשט, נאָר א מין בעפּוצונג צום פּשט.

אויף דער עלטער, ווערט דערצעהלט, זאָל רש"י האָבען חרטה געהאַט אויף די דרשות וואָס ער האָט אריינגענומען אין זיינע קאמענטארען. ער זאָל האָבען געזאָגט זיין אייניקעל און תלמיד, דעם רשב"ם, אַז ווען עס וואָלט געווען מעגליך,

וואָלט ער אָנגעשריעבען א נייען פּירוש אָהן די אלע דרשות. דאָס האָט שפּעטער געטהאָן דער ר ש ב"ם, כאָטש ווייט ניט מיט אזא טאלאנט ווי רש"י.

עס איז גוט, וואָס רש"י האָט די דרשות ניט ארויסגעלאָזען. צו געברויכען מ ע נ ד ע ל ס ז אָ ה נ'ס אויסדרוק, קען מען זאָגען: „ווען רש"י געברויכט דרש, קען איהם קיינער ניט איבערשטייגען." רש"י'ס דרשות זיינען ניט „גראָב ווי זעק, זיי זיינען עדעל ווי זייד". רש"י'ס דרשות פּאַסען זיך כמעט שטענדיג אריין אין פּסוק, אזוי ווי זיי וואָלטען געווען דער פּראָסטער פּשט. רש"י בעזיצט א וואונדערבארען חוש אין אויסקלייבען פון דער גרויסער מדרשים-ליטעראטור דוקא די שעהנסטע, די עדעלסטע און די פּאַכענדסטע מדרשים. רש"י צייגט ארויס ניט בלויז א גוואלדיגע בקיאות, נאָר א זעלטענע צאַרטקייט, אַן אמת'ען פּאָעטישען טאַלאַנט, אין דעם אויסוואהל פון זיינע דרשות. עס פּאַסירט אָפט, אז ער שטעלט צוזאמען עטליכע מדרשים און מאַכט פון זיי איינס, און עס קומט דערפון ארויס אזוי ווי א נייע שאַפונג, עטוואָס שעהנעס און אנציהענדעס. דער פּראָסטער פּשט בעפּוצט מיט רש"י'ס דרשות, ווערט דער חומש אַן א נ ג ע נ ע ה מ ע ר לעזעבוך אפילו פאר קינדער.

רש"י'ס דרשות זיינען אייגענטליך ניט זיינע: ער האָט זיי בלויז צוזאמענגעקליבען פון תלמוד און פון די פערשיעדענע מדרשים און ער צייגט יעדעס מאָל אָן די קוועלע פון וואנען ער האָט זיי גענומען. און פּונקט ווי די תלמודישע דרשות דארפען אויך זיי איינגעטהיילט ווערען אין „מדרש-הלכה" און „מדרש אגדה".

דער „מדרש הלכה" בעשעפטיגט זיך מיט דעם ארויסדרינגען דעם דין פון דעם פּסוק. אַן איבריגער וואָרט אין טעקסט אָדער א ניט-געוועהנליכער אויסדרוק איז גענוג אום דערפון ארויסצוקריגען די נויטיגע הלכה. ר ש"י, וועלכער איז געוועזן איבערציינגט, אַז די אלע שפּעטערע תלמודישע דינים געפינען זיך שוין אין דעם פּשוט'ען זינן פון דעם פּסוק, בעווייזט זעהר אָפט אין זיינע פּרושים ווי אזוי דער דין ווערט

פון דעם בעשטימטען פסוק ארויסגעדרונגען אין תלמוד. דער־
ביי דארף מען ניט פערגעסען, אז דער „מדרש־הלכה“ איז על
פי רוב געוויסער־מאסען א מין ביבעל־פארשונג; ער זוכט צו
בעגרינדען דעם דין אויף די גראמאטישע כללים און די אײ־
גענטהימליכקייטען פון דער שפראך פון דער ביבעל.

דער „מדרש־אגדה“ האט ניט דירעקט צו טהאן מיט דעם
דין. די אויפגאבע פון דעם „מדרש־אגדה“ איז אן ערציהערישע
אין מאראלען זינן. אלערליי היסטארישע אדער לעגענדארע
טראדיציאנען, פאלקס־מעשה'לעך, פאלקס־ווערטלעך, שפריך־
ווערטלעך און פראקטישע לעבענס־וויזהייטען, וואס האבען
געוואוינליך א מוסר השכל און א געוויסע עטהישע אויפ־
גאבע, בעלאנגען צום „מדרש־אגדה“. רש"י בענוצט זיך מיט
ביידע מינים דרוש, און אין זיין געברויכען זיי זעהט מען
ארויס ניט בלויז דעם גרויסען וויסען זיינעם, נאר אויך א
קינסטלערישען טאלאנט און אן אויסגעעדעלטען געשמאק.

רש"י בעזיצט נאך א מעלה, אפשר זיין גרעסטע מעלה,
וואס קיינער פון די מפורשים פאר איהם און קיינער פון זיי
נאך איהם האט ניט בעזעסען אין אזא הויכע מדרגה. דאס איז
די קורצקייט און די קלארקייט פון זיין שפראך, זיין פשוט'ער
און איינפאכער סטיל. רש"י זוכט ניט קיינע שפראך־עפפעק־
טען, ער שפיעלט זיך ניט מיט ווערטער. ער פערשווענדעט
ניט אומזיסט קיין ווערטער, א ווארט איז ביי איהם א רענדיל.
ביי איהם איז קיינמאל ניטא קיין איבריגער ווארט פונקט ווי
עס פעהלט קיינמאל ביי איהם קיין ווארט ניט. יעדער ווארט
געפינט זיך אויף זיין פלאץ, ער געפינט זיך דארטען, וואו ער
האט געמוזט זיין. אלץ איז ווי געוואויגען און געמאסטען, אז
עהרליכע וואג און אן עהרליכע מאס: ניט צו ווייניג, אבער
אויך ניט צו פיעל. רש"י געפינט אלע מאל דעם פאסענד־
סטען ווארט אויסצודריקען דעם געדאנק וואס ער וויל. דאר־
מען, וואו אנדערע דארפען האבען גאנצע שורות צו אפילו
עמודים, איז פאר רש"י'ן גענוג א ווארט צו צוויי. דער ריכטי־
גער ווארט אויפ'ן ריכטיגען פלאטץ, און אלץ ווערט פאר אייך
קלאר און פערשטענדליך.

דאס איז א טאלאנט וועלכען נור „יחידי סגולה“ בעזיצען. דאס איז א חוש פאר דער שפּראך, מיט וועלכע איינער ווערט געבוירען. דערצו איז אבער אויך נויטיג א קלאָרער מוח און א גרינדליכער וויסען פון דעם ענין, וועלכער ווערט בעשפּראָכען. ווען איינער וויים אליין ניט וואָס ער וויל אָדער ער רעדט וועגען אַן ענין, וואָס איז איהם אונבעקאַנט, וואָס עס פּאַסירט זעהר אָפט, וועט ער ממילא מוזען שטאַמלען מיט זיין פעדער. וועט ער ממילא מוזען פּלוידערען און קריכען אויף די גלייכע ווענט. א קלאָרע שפּראך געהט מיט א קלאָרען קאָפּ. די שפּראך איז דאָך, נאָך אלעמען, בלויז אן אינסטרומענט פאר די געדאנקען און די געפיהלען, און זיינען זיי ניטאָ, איז די בעסטע שפּראך ניט בעסער ווי די בעסטע פּיעדעל אין די הענד פון א שוסטער. די שפּראך אליין קען אזוי ווענינ אויפטהאָן ווי די פּיעדעל אליין: אין די הענד פון דעם פּארטאטש וועלען זיי ביידע גלייך בלויז גרילצען אין אויער.

רש"י האָט בעזעסען ביידע מעלות: א פּאַלשטענדיג ענטוויקעלטען חוש פאר דער שפּראך און דעם גרינדליכסטען וויסען פון דעם ענין, וועלכען ער האָט בעהאַנדעלט. און האָט ווען־ניט־ווען פּאַסירט, אז ער האָט א געוויסע זאך ניט געוואוסט, האָט ער ניט געפּרובירט פערדעקען זיין ניט־וויסען מיט ווערטער און פראזען. ער פלעגט פּשוט זאָגען: „לא ידעתי פירושו“; „לא שמעתי“ — איך וויים ניט וואָס דאָס מיינט; איך פערשטעה ניט.

רש"י איז דער פּאָפּולערסטער און דער קלעהרסטער פון אלע מפורשים, איבערהויפּט אין זיינע פירושים אויף דעם תלמוד. רש"י שעהמט זיך ניט צו זיין פּאָפּולער, ער פּלפּול'ט זיך ניט און חקירה'ט זיך ניט, ווי ער וואָלט נאָר געדעדט פאר לומדים און קענער. ער רעדט צום גרויסען עולם, צו דעם יונגען תלמיד וואָס האָט נאָך אקאָרסט געעפענט זיינע אויגען, פּונקט ווי צו דעם אלטען למדן, און ער לאָזט קיין זאך ניט דורך, וואָס נויטהיגט זיך אין אן ערקלעהרונג.

רש"י האָט אבער זיין איינענע וועג, ווי פּאָפּולער צו מאַ־

כען א פערוויקעלטען עניז. עס זיינען דאַ פּאָפּולאַריזאַ־טאָרס, וואָס מיינען, אַז דערמיט וואָס זיי ריידען א סך, מאַכען זיי קלעהרער דעם עניז. רש״י האַלט ניט פון צוקייען און אי־בערקייען א געדאַנק אָבער און ווידער אמאָל, פון ברענגען משלים און משלים צו די משלים, פון ברענגען ראיות און ראיות צו די ראיות, ביז וואַנען דער לעזער ווערט צוטומעלט און ווייס אין גאַנצען ניט וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך. רש״י העלפט דעם לעזער, ער ציינט איהם די וועג, ער פיהרט איהם אפילו פאַר דער האַנד, אָבער ער לאָזט איהם אליין געהן, ער לאָזט איהם געברויכען זיין אייגענעם שכל, ער ערלויבט איהם זיך אליין אָנצושטויסען.

רש״י גיט ניט דעם לעזער צו פיעל אויף א מאָל, ווי דאָס האָבען געטהאָן אנדערע מפורשים פון דעם תלמוד. ער זוכט ניט צו דערקלעהרען די גאַנצע „סוגיא״ מיט א מאָל איידער דער לעזער האָט נאָך אפילו א בעגריעף וועגען דעם. ער פאַנגט ניט אָן פון ענדע, ער כאַפּט ניט די פיש פאַר דער נעטץ. לאַנג־זאַם און בהדרגה, טריט ביי טריט, געהט ער מיט דעם לעזער. דאָ פערטייטשט ער א וואָרט און דאָרטען ערקלערט ער א צו־פּלאָנטערטען זאַטץ, און ווען עס קומט צום ענדע ווייס דער לעזער די גאַנצע „סוגיא״, כאָטש רש״י האָט עס איהם ניט גע־זאָגט. איהר קומט אריין אין א גרויסע, פרעמדע שטאָדט און איהר דאַרפט אויסגעפינען א בעשטימטען פּלאַטץ. איהר פאַנגט זיך אָן נאָכצופרעגען. יעדער איינער וויל אייך זאָגען וואו דער פּלאַטץ איז, אָבער זיי מאָלען עס אזוי אָפּ, אַז איהר ווייסט אלץ ניט וואוהין צו געהן: „געהט צוויי גאַסען רעכטס, דאַן פערדרעהט זיך לינקס און געהט נאָך דריי גאַסען, דאַן פערקירעוועט זיך ווידער רעכטס, דאַן ווידער לינקס און דאָרטען וועט איהר מוחל זיין פרעגען.״ נאָך אזא מין ער־קלערונג בלייבט איהר אין גאַנצען א צוטומעלטער און איהר ווייסט ערשט רעכט ניט, וואוהין און ווי צו געהן. שטעהט דערביי א גוטער אלטיטשקער, וועלכער נעהמט אייך ביי דער האַנד און מיט א שמייכעל אויפ׳ן פנים פיהרט ער אייך צו דעם פּלאַטץ, וואָס איהר דאַרפט. ער ערקלעהרט אייך גאַרניט, ער

פיהרט אייך פשוט צו. אַט דער דאָזיגער גוטער אַלטיטשקער איז פאר אונז רש״י, ווען מען פערגלייכט איהם מיט די אַנ־דערע מפורשים פון תלמוד. רש״י פיהרט אייך צו, וואו איהר בעדאַרפט, כמעט אָהן ווערטער. עס ווערט דערצעהלט, אז ווען רש״י איז איינמאָל קראַנק געווען, האָט ער געבעטען זיין אייניקעל און תלמיד, דעם ר ש ב״ם, אז ער זאָל פאר איהם ענ־דיגען שרייבען דעם פירוש אויף א געוויסען „פרק״. ווען רש״י איז געזונד געוואָרען, האָט איהם דער אייניקעל גע־בראַכט דעם מאַנוסקריפּט. עס איז געווען א גאַנצער פּאַק מיט אָנגעשריבענע פּאַפּיער. „אויב דו וועסט אויף אזא אַרט שריי־בען א פירוש אויפ׳ן גאַנצען תלמוד״, האָט רש״י בעמערקט גוטמוטהיג, „וועט ער זיין אזוי שווער, אז מען וועט איהם דאַר־פען פיהרען אויף א רייט־וואַגען״. רש״י שרייבט קורץ, און דערפאַר זאָגט אַ פאָלקס־ווערטיל: „אין רש״י׳ס צייטען איז טינט געווען טייערער ווי גאָלד.״

דער תּלמוד איז אַן אונגעהויערער גרויסער בוך, ריכטיגער, אַ גאַנצע ענציקלאָפּעדיע, וועלכער בעהאַנדעלט אַלע מעגליכע און אונמעגליכע פראַגען וועגען געזעץ, וועגען וויסענשאַפט, וועגען היסטאָריע וכדומה. געשריעבען איז ער אין א שפּראַך, וועלכע איז אייך כמעט אין גאַנצען פרעמד און אונפער־שטענדליך. קיין פּונקטאַציע איז אויך ניטאָ, און איהר ווייסט אפילו ניט, וואו עס פאַנגט זיך אָן און וואו עס ענדיגט זיך דער זאַטץ. און אַט דעם דאָזיגען שווערען, אונפערשטענדליכען בוך מאַכט רש״י אזוי קלאָר, אז אפילו אַכט, ניין יעהריגע קינדער קענען עס „לייענען״. מען דאַרף דערצו ניט זיין קיין „עלוי״: א געוועהנליכער איינגעל פון דעם דערמאָנטען על־טער קען מיט רש״י׳ס הילף „לייענען א בלאַט גמרא״. רש״י טהוט א דאָפּעלטע ארבייט: ער איז אי אַן איבערזעצער און אי א קאָמענטאַטאָר, און ער טהוט ביידע זאַכען צוזאַמען אויפ׳ן קירצעסטען און קלאָהרסטען אופן.

דאָס וואָרט „לייענען״, וועלכען דאָס פּאָלק געברויכט, דריקט אַם בעסטען אויס דעם דאָזיגען געדאַנק. אָהן רש״י איז דער תלמוד א פער׳חתם׳טער בוך; מיט רש״י איז עס א

„לייענעס", קען מען „לייענען". אָהן רש"י'ן וואָלט דער תלמוד געווען א פער'חתמ'טער בוך", זאָגט דער ר י ב"ש. „אָהן רש"י", זאָגט אן אנדער בעריהמטער תלמודיסט (דער „צדה לדרך") „וואָלט דער תלמוד בבלי פערגעסען געוואָרען ביי אידען."

די שפּראַך, מיט וועלכע רש"י בענוצט זיך, איז ניט די ריינע ביבעלשע העברעאיש, וועלכע די „משכילים" האָבען פון דאָס נייע איינגעפיהרט אין אָנפאַנג פון לעצטען יאהר־הונ־דערט. די דאָזיגע משכילים האָבען געמאַכט א מין געטץ פון דער „ריינקייט" פון דער שפּראַך (טהרת לשון הקדש), גאָר פערגעסענדיג, אַז ריין ביבעלשע ווערטער זיינען פערהעלטניס־מעסיג פאַראנען ווייניג און זיי זיינען ניט שטענדיג גענוג אויסצודריקען איינעמס געדאַנקען. דער רעזולטאַט איז גע־ווען, אַז אָנשטאָט מיט געדאַנקען פלעגען זיך די דאָזיגע משכילים בענוגנען מיט מליצות... רש"י'ס שפּראַך איז וואָס מען רופט „די רבנישע", וועלכע די משכילים פלעגען מיט שפּאָט בעצייכענען אלס א „שפת־עלגים", א זשאַרגאָן. די דאָ־זיגע שפּראַך איז צוזאַמענגעשטעלט פון דעם ביבעלשען העב־רעאיש, פון דעם „נייען העברעאיש" פון דער משנה און דעם מדרש מיט א געמישעכץ פון מאַנכע פרעמדע ווערטער, וואָס זיינען אריין אין דער גמרא. צוזאַמען שטעלט עס מיט זיך פאָר א ציעמליך רייכע און בויגיגע שפּראַך מיט גענוג ווער־טער אויסצודריקען אירגענד וועלכען געדאַנקען. דאָס איז די־זעלבע שפּראַך, וואָס די בעסערע העברעאישע שרייבער פון די לעצטע פּאָאָר צעהנדליג יאָהר האָבען אָנגעפאַנגען צו געברוי־כען. און ווען רש"י געפינט ניט דעם פּאַסענדען העברעאישען וואָרט, שעהמט ער זיך ניט אריינצונעהמען א פרעמדען וואָרט. אין זיינע ביבעלשע און תלמודישע פירושים געפינען זיך קנאַ־פּע דריי טויזענד „בלע"ז'ן", דאָס רוב פראַנצויזישע ווער־טער. רש"י'ס שפּראַך איז ניט אזוי ריין, ווי די „משכילים'־שע", דערפאַר איז זי אָבער זאַפטיגער און לעבעדיגער, רייך אין ווערטער און אין אויסדריקע.

רש"י'ס שפּראַך איז ניט אין גאַנצען אָריגינעל זיינע,

פונקט ווי זיין מעטהאָדע אין זיינע פּירושים איז ניט דורכ־אויס זיינע. רש"י איז אין ביידען בעאיינפלוסט געוואָרען פון זיינע פאָרגיינגער אין איטאַליען, פראַנקרייך און דייטשלאַנד. די אידען פון די דאָזיגע לענדער זיי־נען א לאַנגע צייט געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון די ארץ־ישראל'דיגע אידען און זיינען דארום געקומען אין ענגערע און נעהענטערע בעריהרונגען מיט דער נייער לעבעדיגער העברעאישער שפּראַך, מיט דער שפראַך פון דער משנה און די מדרשים. די אידען פון שפּאַניען, דאַגעגען, וואָס זיינען מעהר געווען אונטער דעם איינפלוס פון די גאונים אין בבל, וואו די פאָלקס־שפּראַך איז געווען אַן אראַמיש־פּערזיש־כאַל־דייאישער דיאַלעקט, זיינען געווען ווייטער פון דעם ניי־העב־רעאיש. די אידיש־שפאַנישע פּאָעטען, וואָס האָבען געשרי־בען העברעאיש, האָבען זיך דארום בענוצט כמעט אויסשלים־ליך מיט דער ביבלישער שפּראַך. זייערע געלעהרטע און פי־לאָזאָפען האָבען זיך בענוצט מיט דער אראבישער שפּראַך, ווייל אין איהר האָבען זיי בעסער און פרייער געקענט אויס־דריקען זייערע געדאַנקען. די איינציגע אויסנאַהמע צווישען די גרויסע שפּאַנישע דענקער איז דער רמב"ם, וועלכער האָט זיך בענוצט מיט דער רייכער ניי־העברעאישער שפּראַך און האָט בעזעסען א וואונדערבאַרען סטיל. אָבער אפילו ער האָט געשריעבען דעם „מורה נבוכים" אין אראַביש.

צווישען די פאָרגיינגער פון רשי"'ן אויף דעם תלמודי־שען געביעט דאַרף א חוץ רש"י'ס דירעקטע רביים אויך צוגע־רעכענט ווערען „רבינו גרשום מאור הגולה". צווישען זיינע פאָרגיינגער אויף דעם ביבלישען געביעט זיינען געווען ר' משה הדרשן פון נאַרבאָנא; ר' שמעון הדרשן, דער צוזאַמענשטעלער פון „ילקוט שמעוני"; ר' יוסף טוב עלם און אנדערע. זיי זיינען געווען די גרינדער פון דער פראַנצויזיש־דייטשער שוהלע פון ביבעל און תלמוד פאָרשונג; רש"י איז געווען דער גלענצענדסטער תלמיד פון דער שוהלע. רש"י איז ניט געווען דער ערשטער גרינדער פון דער דאָזיגער שוהלע, אָבער דערפאַר האָט ער איהר אויסגעבעסערט און

ענטוויקעלט צו דער העכסטער מדרגה. זיין ארבייט איז ווייטער פארטגעזעצט געווארען פון זיינע תלמידים, די „בעלי התוספות“.

V.

דער איינפלוס פון רש"י. די „בעלי התוספות". ווארום רש"י'ס פירוש הייסט „קונטרס". דער חלוק צווישען רש"י און די „בעלי התוספות". ר' יוסף בר' שמעון קרא און ר' יוסף בר יצחק בכור שור און זייערע פירושים און דער ביבעל. דער רשב"ם אלס קאמענטאר. רבינו תם און זיינע קתנות. די ערשטע „עלילת דם" בעשול־דיגונג. די רידפות געגען די אידען און זייער ווירקונג אויף דער ווייטערער ענטוויקלונג פון די פראנצויזיש־דייטשע אידען.

רש"י איז געווען גליקליך מיט זיינע תלמידים: דער רבי און די תלמידים זיינען זיך איינע די אנדערע ווערטה געווען. רש"י האט פערדיענט אזעלכע תלמידים און די תלמידים האבען פערדיענט אזא רבי'ן. זיינע תלמידים זיינען געווען פאר רש"י'ן מעהר ווי תלמידים: זיי זיינען געווען זיינע מיטארבייטער און זיינע חברים. זיי האבען איהם געהאלפען אין זיין ארבייט ביי זיין לעבען און האבען דיא דאזיגע ארבייט פארטגעזעצט און ווייטער ענטוויקעלט נאך זיין טויט. מיט רש"י'ס טויט, אין יאהר 1105, איז די ארבייט וואס ער האט אנגעפאנגען ניט אפגעשטעלט געווארען. זיינע פיעלע תלמידים און די תלמידים פון די תלמידים, וועלכע האבען זיך פערשפרייט און בעזעצט אין די פערשיעדענע קהלות פון צפון פראנקרייך און דייטשלאנד, וואו זיי האבען געעפענט זייערע אייגענע ישיבות, האבען זיך געהאלטען אן די וועגען און אן דיא מעטהאדען פון רש"י'ן.

דער איינפלוס פון רש"י'ס גרויסער פערזענליכקייט האט זיך געצויגען אויף עטליכע דורות נאך איהם. ביז וואנען עס

האבען זיך אנגעהויבען די שווערע פערפאלגונגען און רדיפות געגען די אידען אין פראנקרייך. וואס האבען זיך געענדיגט מיט דעם גירוש פון 1306. אויף אזא ארט איז די גרויסע קולטורעלע בעוועגונג פון די דארטיגע אידען איבערגעריסען געווארען מיט געוואלד.. עס זיינען חרוב געווארען דיא אידישע קהלות און צוזאמען מיט זיי זיינען אונטערגעגאנגען די גרויסע ישיבות, וואו די ביבעל און תלמוד פארשונג איז געבראכט געווארען צו דער העכסטער מדרגה. אויף וויפיעל דיא אידישע ביבעל־פארשונג פון עלפטען און צוועלפטען יאהרהונדערט האט געווירקט אויף דיא קריסטען איז ניט זיכער, אבער עטוואס שפעטער האט זיך אויך ביי דיא קריסטען אין פראנקרייך בעוויעזען א נייגונג צו א נאטירליכער ביבעל־פארשונג און צום פראסטען פשט. דאס האט געפיהרט צו אלערליי „אפיקורסישע" בעוועגונגען און סעקטעס ביי דיא קריסטען, וועלכע זיינען מעהר אדער ווענינער „יודאאיזירט" געווארען. עס פערשטעהט זיך, אז אזא מין בעוועגונג האט ניט געקענט געפינען קיין גרויסען חן אין די אויגען פון דעם פאבסט און די העכערע גייסטליכע, וועלכע האבען אין איהר געמוזט זעהן א געפאהר פאר זייער גדולה און זייער ממשלה. זיי האבען זיך דארום גענומען צום אלטען מיטעל: צו פרעדיגען און העצען געגען די אידען. דאס איז אהן צווייפעל געווען איינע פון די אורזאכען, וואס האבען ארויסגערופען די אידען־פערפאלגונגען און שפעטער דעם גירוש.

רש"י'ס תלמידים און נאכפאלגער זיינען בעקאנט אונטער דעם נאמען די „בעלי התוספות", די צוגעבער, די הוספות־שרייבער. די היסטאריקער זיינען ניט אייניג צווישען זיך, ווארום רש"י'ס נאכפאלגער האבען זייערע פירושים און קאמענטארען צום תלמוד אנגערופען „תוספות". ווייס, גיעדעמאן און אנדערע פארשער זיינען מיט דער מיינונג, אז דער נאמען איז געגעבען געווארען דערפאר, ווייל זיי האבען עס בעטראכט אלס הוספות צום תלמוד גופא. פונקט ווי די גמרא איז א פירוש און א הוספה צו דער משנה, אזוי זיינען זייערע פירושים געווען הוספות צו דער גמרא; אזוי

ווי די גמרא מאכט קלעהרער די משנה, אזוי האבען זייערע פירושים געמאכט קלעהרער די גמרא. די מעהרסטע היסטא־ריקער, צווישען זיי אויך ג ר ע ט ץ, דענקען, אז דער נאמען שטאמט דערפון, וואס זיי האבען בעטראכט זייערע פירושים בלויז אלס הוספות, צולייגונגען. צו דעם פירוש פון רש״י, װעלכער איז פון זיי אלעמען אנערקענט געווארען אלס ד ע ר פירוש. צוליעב דעם גרויסען כבוד, וואס זיי האבען געפיהלט צו רש״י׳ן האבען זיי זייערע אייגענע פירושים בעצייכענט בלויז אלס „תוספות״, אלס הוספות.

די וויכטיגסטע פון רש״י׳ס תלמידים און נאכפאלגער זיינען געוועזען זיינע איידעמס און אייניקלאך, וועלכע האבען מ יט זיך געבילדעט א מין רש״י־דינאסטיע. רש״י האט ניט געהאט קיין זיהן, אבער זיינע טעכטער זיינען אלע געוועזען פערהייראטה צו גרויסע תלמודיסטען. איינער פון זיי איז געוועזען ר׳ יהודה בר נתן, דער ריב״ן, איינער פון די ערשטע בעלי התוספות. א צווייטער איז געוועזען ר׳ מאיר בר׳ שמואל פון ר א מ ע ר א, א קליין שטעדטעל ניט ווייט פון ט ר ו א, וועלכע איז שפעטער אליין געווארען א צענטער פאר דעם שטודיום פון דעם תלמוד. דער לעצטער האט געהאט פיער זיהן, דריי פון וועלכע עס זיינען געוועזען פון די בעריהמטעסטע בעלי תוספות: דער ר ש ב ״ ם, דער ר י ב ״ ם און ר ב י נ ו ת ם. א חוץ זיי האט רש״י געהאט אויך אנדערע וויכטיגע תלמידים, וואס רעכענען זיך צווישען די בעלי־התוספות.

די „בעלי התוספות״ האבען זיך געצויגען א גאנץ לאנגע צייט נאך רש״י׳ס טויט. צווישען זיי געפינען זיך אזעלכע, וואס האבען געלעבט אין ערשטען, אין צווייטען און זאגאר אין דריטען דור נאך רשי״ן. דאס רוב פון זיי זיינען געוועזען פון פ ר א נ ק ר י י ך, אבער אויך דייטשלאנד האט ארויס־געגעבען א היבשע צאהל בעלי התוספות.

רש״י׳ס פירוש אויף דער גמרא ווערט פון די תוספות־שרייבער בעצייכענט מיט דעם נאמען „ק ו נ ט ר ס״. דער ווארט „קונטרס״, לויט ווי צ ו נ ץ ערקלעהרט, נעהמט

זיך פון ווארט „קומנטרס" (קאמענטארס). וועלכער בעדיי־טעט ערקלעהרונגען. אין תלמוד געפינט זיך דער דאזיגער ווארט אין זיין מעהר־צאהל „קומנטרסים", קאמענטארען. דער „מ" איז ארויסגעפאלען און עס איז געבליבען „קונטרס". קונטרס מיינט, אלזא, קאמענטארען, און איז געלייגט געווא־רען אויף די נאטיץ ביכלאך, וואו די תלמידים פלעגען פער־שרייבען די ערקלעהרונגען פון דעם רבי, פונקט ווי די סטו־דענטען איצטער נעהמען נאטיצען פון דעם פראפעסאר'ס לעקציעס. אזוי ווי קיין דרוק איז נאך דאמאלס ניט געווען, האבען דיעזע קונטרסים געשפיעלט א וויכטיגע ראָלע אין די ישיבות. אזעלכע „קונטרסים" זיינען וואהרשיינליך געווען אויך פון די אנדערע גרוסע ראשי ישיבות, אבער אזוי וויא רש"י'ס קאמענטארען האבען ארויסגעשטופט די אלע איב־ריגע, איז דער נאמען „קונטרס" געלייגט געווארען בלויז אויף זיינע פירושים.

ניט קוקענדיג אויף די גרויסע ליעבע און דעם גרויסען כבוד, וואס רש"י'ס נאכפאלגער און זיינע תלמידים האבען געפיהלט צו רש"י'ן, זיינען זיי פון דעסטוועגען ניט געווען זיינע בלינדע חסידים. זיי האבען ליעב געהאט רש"י'ן, אבער דעם אמת האבען זיי מעהר ליעב געהאט. און עס טרעפט צייטענווייז, אז זיי טרעטען ארויס געגען איהם, אמת, זעהר ערעל, אבער דערפאר ניט ווענינער ענטשיעדען.

די דאזיגע ארויסטרעטונגען געגען רש"י'ן זיינען אבער פערהעלטניסמעסיג ווענינ אין צאהל, טהיילווייז איז עס דערפאר, וואס זיי האבען ניט געהאט וואס אויסצוזעצען גע־נען איהם און טהיילווייז דערפאר, וואס זיי האבען זיך בע־שעפטיגט מיט אן אנדער צווייג פון דער תלמוד־פארשונג. רש"י איז פריהער פאר אלץ א קאמענטאטאר; ער זוכט צו ער־קלעהרען און פערשטענדליך צו מאכען דעם טעקסט ווי ער איז. די „בעלי התוספות" זיינען קריטיקער. זיי אנאליזירען דעם טעקסט, צוגליעדערען איהם און שטרעבען זיך אז צו בעווייזען, ווען דאס איז נויטיג, אז ער איז ניט אין ווידער־שפרוך מיט א צווייטען טעקסט, וועלכער ווייזט אויגענשיינ־

ליך אויס ווי א סתירה צום ערשטען. רש"י'ס פירושים זיי־נען גוט פאר דעם אנפאנגער ווי פאר דעם למדן; צו פער־שטעהן דעם „תוספות" מוז מען שוין זיין א למדן. רש"י גיט דעם פשט פון דעם טעקסט; די „בעלי התוספות" זיינען זיך שוין מפלפל, אבער דאס איז ניט דער פלפול, וואס פיהרט צונויף א וואנד מיט א בוידעם, ווי ער האט זיך שפעטער ענט־וויקעלט, נאר על פי רוב א טיעפער אנאליז פון דעם ענין, וואס ווערט בעהאנדעלט.

אויך אויף דעם געביעט פון דער ביבעל־ערקלעהרונג און ביבעל־פארשונג זיינען רש"י'ס תלמידים געגאנגען ווייטער פון איהם, כאטש קיינער פון זיי האט ניט בעזעסען זיין קורצ־קייט, קלאהרקייט און געשמאק. דאס רוב פון די דאזיגע ביבעל־ערקלעהרער זיינען אויך געווען פון די בעלי התוספות.

ר' יוסף בר' שמעון קרא איז געווען א אינגערער צייט־גענאסע און וואהרשיינליך א תלמיד פון רש"י'ן. ער איז געבארען געווארען צווישען 1060 און 1070, און האט געוואהנט אין טרויא. אין זיינע פירושים אויף דער ביבעל האלט ער זיך שטרענג אן פשט. ער קומט ארויס מיט דער בעהויפטונג, אז „שמואל" איז ניט געשריבען גע־ווארען פון דעם נביא שמואל, נאר פון אן אנדערען.

ר' יוסף בן יצחק בכור שור איז געווען א צווייטער ביבעל־קאמענטאטאר, וואס האט זיך געהאלטען שטרענג אן פשט. ער איז געווען א תלמיד פון רשב"ם, רבינו תם און דעם אויבענדערמאנטען ר' יוסף קרא. ער איז דער ערשטער, וואס מאכט אויפמערקזאם, אז אין „בראשית" געפינען זיך צווייערליי ערצעהלונגען וועגען דער שעפפונג, א זאך וואס די מאדערנע ביבעל־קריטיקער האָ־בען גאר פון דאס ניי „ענטדעקט". די ניסים זוכט ער צו ער־קלעהרען אויף א נאטירליכען וועג. דער „עץ החיים", מיינט ער, איז געווען א בוים פון רפואות. ער זוכט אויך צו ערקלעה־רען די מעשה מיט לוט'ס ווייב, וואס איז געווארען א שטיק זאלץ, אויף א נאטירליכען וועג. ער איז אויך איינער פון די בעלי התוספות.

רבי שמואל בר' מאיר, דער ר ש ב " ם, איז געבארען געווארען אין ראמערא אין יאהר 1085 און איז געשטארבען אין 1174. ער איז געוועזן דער עלטסטער און אין פיעלע הינזיכטען דער בעדייטענדסטער פון ר' מ א י ר'ס פיער זיהן. כאטש ער איז ווייט ניט געוועזן אזוי בעריהמט ווי זיין אינגערער ברודער, רב י נ ו ת ם.

פון ר ש ב"ם'ס לעבען איז אונז וועניג בעקאנט. ער איז געוועזן א שטילער, צוריקגעהאלטענער מענש און שטענדיג פערטיעפט אין זיינע מחשבות. עס ווערט פון איהם דערצעהלט אז אנעקדאט, אז ער האט זיך איינמאל פערטראכטערהייט אוועקגעזעצט אפרוהען אויף א וואגען, אויף וועלכען מען האט געפיהרט בהמות, און האט גאר ניט בעמערקט ווי דער וואגען איז אפגעפאהרען און האט איהם פערפיהרט א גרויסע שטרעקע פון שטאדט.

ער האט געשריעבען קאמענטארען אי אויף דער ביבעל און אי אויף דעם תלמוד. א טהייל פון זיי זיינען אפגעדרוקט געווארען אין דער גמרא אנשטאט רש"י, ווי צום ביישפיעל, פון עמוד כ"ט „בבא בתרא" ביז'ן ענדע. ער צייגט זיך ארויס צו זיין א גוטער קאמענטאטאר, אבער ווייט ניט אזוי קלאהר און קורץ ווי זיין זיידע רש"י.

דער רשב"ם איז געוועזן פאר זיין צייט א העכסט געבילדעטער מענש. ער האט בעזעסען גרינדליך די העברעאישע שפראך און איז פערררעכענט אלס איינער פון דיא בעסטע העברעאישע גראמאטיקער אין פראנקרייך פון יענער צייט. דערצו האט ער אויך געקענט פראנצויזיש און זאגאר לאטייניש.

אין זיינע פירושים אויף דער ביבעל האלט ער זיך שטריינג אן פשט. אין מאנכע פלעצער ווייזט ער ארויס א גענינענדע בעקאנטשאפט מיט די וויסענשאפטען פון זיין צייט. ווי עס ווייזט אויס איז איהם אויסגעקומען צו האבען ויכוחים מיט קריסטליכע געלעהרטע וועגען דער ביבעל און ער האט זיי איבערצייגט אין זייער טעות. דער זוכען פון פראסטען פשט איז פאר פיעלע פון די אידישע ביבעל־

ערקלעהרער דאמאלס געווען א מין וואפע געגען די קריס־טען, וועלכע פלעגען צודרעהען די פסוקים און אריינ־מיטשען אין זיי אלערליי כונות, כדי זיי זאלען זיך צופּאסען צו די קריסטליכע לעהרען.

דער רשב״ם בעזיצט א שארפען קריטישען קוק, און ער ערלויבט זיך צו מאכען בעהויפּטונגען, וועלכע זיינען גאנץ מאדערנע. אזוי צום ביישפּיעל, זאגט ער, אז דער ספר „קהלת״ פאנגט זיך אן פון דריטען פסוק. די ערשטע צוויי פסוקים זיינען א מין הקדמה צוגעשטעלט פון דעם רע־דאקטאר. דעם „שיר השירים״ בעטראכט ער אלס א ליע־בעס־ליעד. פון דעם פסוק „ויהי ערב, ויהי בקר יום אחד״ (עס איז געווען אבענד און עס איז געווען מארגענס, איין טאג) וויל ער אויסדרינגען, אז דער טאג פאנגט זיך אן פון פריהמארגענס, ניט פון דעם פריהערדיגען אבענד. אויף אזא אופן וואלט דארפען אויסקומען, אז דער שבת דארף זיך אנפאנגען ניט פרייטאג צו־נאכטס, נאר שבת אין דער פריה, און שבת־נאכטס דארף ניט זיין קיין וואכעדיגער אבענד, נאר דער אבענד פון רוה. די דאזיגע אויסטיי־טשונג איז שוין געווען צופיעל אפילו פאר דעם אבן־עזרא, וועלכער האט דעם רשב״ם שטארק אטאקירט דערפאר אין זיין „אגרת השבת״.

זיין אינגערער ברודער, ר׳ יעקב ב״ר מאיר, אדער „רבינו תם״, איז געבארען געווארען אין ראמערא אין 1110 און איז געשטארבען אין טרוא אין יאהר 1171. אחוץ רש״י ווערט ער בעטראכט אלס דער גרעסטער תלמודיסט, וואס דאס פראנצויזישע יודענטהום האט פון זיך ארויסגעגעבען. ער ווערט גערעכענט אלס דער וויכטיגסטער פון אלע בעלי־התוספות״, און אלס דער גרינדער פון דער דאזיגער שוהלע. ער האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין שארפען קאפּ, און ער זאל זיך האבען בעריהמט, אז עס איז ניטא קיין סתירה אין תלמוד, וואס ער זאל ניט קענען פערענטפערען. דער־פאר איז ער געווען געגען דעם, אז מען זאל קארעגירען

די נוסחאות פון דעם תלמוד, ווייל מען קען זיי אלע פער־ענטפערען.

א חוץ אין תלמוד האט ער זיך אויך אויסגעצייכענט מיט זיינע גראמאטישע קענטניסע, און ער איז געווען דער ערשטער צווישען די פראנצויזישע אידען, וואס האט גע־שריבען ליעדער אויף דעם שטייגער פון די אידיש־שפא־נישע ־אעטען.

ביים פאלק האבען זיך אויסגעארבייט פערשיעדענע לעגענדען וועגען איהם. לויט איין לעגענדע האט ער אמאל געהאט א ויכוח מיט משה רבינו, ווען ער האט געזאגט אז ער האט א טעות.

אין זיינע דינים איז ער געווען א מקיל און האט געזוכט ווי־־וויט מעגליך צו פערלייכטערען די פערשיע־דענע חומרות.

נאך זיין פאטער'ס טויט איז „רבינו תם" געווארען דער ראש ־ ישיבה אין ראמערא און שפעטער איז ער געווארען דער הויפט פון דער ישיבה אין טרוא, וועלכע רש"י האט געגרינדעט. רבינו תם האט געהאט פיעל תלמידים, וועלכע האבען אויך בעלאנגט צו די „בעלי־התוספות".

אין רבינו תם'ס צייטען האט זיך די לאגע פון די אידען אין פראנקרייך אנגעפאנגען צו פערערגערען, איהם אליין איז אויסגעקומען צו ליידען דערפון. ווען ער איז נאך געווען א יונגער מאן זיינען איהם די קרייץ־פאהרער, פון דעם צוויי־טען קרייץ־צוג, בעפאלען, בערויבט פון אלס וואס ער האט פערמאגט און שיעור ניט ערמארדעט. זיי האבען איהם גע־מאכט פינף שווערע וואונדען פאר די פינף וואונדען, וועלכע י ע ז ו ס זאל לויט דער טראדיציע האבען געהאט. ער איז גערעטעט געווארען פון טויט דורך זיינעם א בעקאנטען ריטטער, וועלכער האט זיך, מעשה אמת'ער ריטטער, גע־לאזט דערפאר גאנץ פיין בעצאהלען.

די בעציהונגען צווישען די אידישע און די קריסטלי־כע בעפעלקערונג האבען אנגעפאנגען צו ווערען אלץ ער־גער און ערגער. די סאמע שוידערליכסטע פאגראמען האבען

גענומען ווערען טעגליכע פּאַסירונגען. אידישעס לעבען און אידישעס בלוט זיינען געוואָרען הפקר. די אויפגעהעצטע און צווישעטע באנדעס האבען גערויבט מיט דער צושטימונג פון די בעאַמטע און אונטער דער פיהרונג פון די גלחים.

די אידען זיינען געוועז מאכטלאָז און האבען זיך ניט געקענט העלפען. פלעגט זיך טרעפען א „גוטער" פירסט אדער א „גוטער" בישאָף, פלעגט ער גנעדיגסט צונעהמען זייערע פערמעגענס און זיי שענקען זייערע לעבענס. דאָס רוב אבער פלעגען זיי זיך מיט דאס געלד אליין ניט בעגנ־גענען, און פלעגען אויך וועלען די נפשות. אום אויסצומיי־דען אירגענד וועלכע צוזאמענשטויסען מיט דער קריסטלי־כער בעפעלקערונג, האבען זיך די אידען אלץ מעהר גענומען אפזונדערען פון דעם ארומיגען אלגעמיינעם לעבען און זיך פערבארגען אין די ענגע טויערען פון זייערע געהעטאָס. ר ב י נ ו ת ם מיט זיין עלטערען ברודער, דער רשב"ם, האבען פעררופען א גרויסע אסיפה פון די רבנים אין צפון פראנקרייך און אין די רהיינישע פראווינצען. די דאָזיגע אסיפה, אין וועלכער עס האבען זיך בעטהייליגט הונדערט און פופציג רבנים, האט געמאכט פערשיעדענע תקנות, וועמעס אויפגאבע ס'איז געוועז צו פערהיטען, אויף ווי ווייט עס איז מעגליך, די אויפרייצונג פון די קריסטען געגען די אידען. צווישען די איבעריגע תקנות זיינען אויך איינגע־פיהרט געוואָרען די פאלגענדע צוויי: 1) אידען טארען ניט נעהמען אלס משכנות אדער קויפען פון די גלחים אירגענד וועלכע „הייליגע" ציערונג אדער חפצים פון דער קירכע. 2) אידען טארען זיך ניט קלאגען איינע די אנדערע אין די קריסטליכע געריכט־הייזער. אלע סכסוכים וואס אידען האבען צווישען זיך, דארפען פארגעבראכט ווערען פאר א אידישען בית דין און דער פסק דין זאל דורכגעפיהרט ווערען פון די „טבעה־טובי־העיר", פון די זיעבען שעהנסטע בעלי־בתים פון שטאדט. א חרם איז ארויסגעלעגט געוואָרען אויף די יענינגע, וועלכע וועלען די דאָזיגע תקנות ניט אפּהיטען.

פראנקרייך איז דאס לאנד, וואס האט צום ערשטען

ארויסגעבראכט געגען די אידען די שמוציגע „עלילת דם“. די דאזיגע מיאוס'ע בעשולדיגונג, וועלכע די רוימער האבען בעשולדיגט די ערשטע קריסטען צוליעב זייערע מיסטע־ריען פון „גאט'ס בלוט און גאט'ס פלייש“, האבען די פראנ־צויזישע קריסטען צום ערשטען ארויפגעווארפען אויף די אידען. אין ב ל ו א האט מען געפונען דעם טוידטען קער־פער פון א קריסטליכען אינגעל אין וואסער. באלד האט זיך געפונען א קריסטליכער בעל עגלה, וואס האט געזאגט, אז ער האט אליין געזעהן, ווי א אידישער בעל־עגלר האט דעם קערפער אהין ארייגעווארפען. עס האט זיך פער־שפרייט דער קלאנג, אז די אידען האבען איהם פריהער געקרייציגט, דאן אויסגעצאפט דאס בלוט און דאס פער־ברויכט צום סדר.

עס האט זיך אנגעפאנגען א פראצעס. עס זיינען נא־טירליך ניט געווען קיינע בעווייזע א חוץ די עדות פון דעם קריסטליכען בעל עגלה, און עס האט געהאלטען דערביי, אז די אידען זאלען בעפרייט ווערען, בפרט אז די אידען זיינען געווען פארטיג צו אוועקגעבען זייער גאנצען פער־מעגען. דא האט זיך אבער ארייגעמישט א פרומער גלח און האט געגעבען די פאלגענדע קלוגע עצה: מען זאל דעם בעשולדיגער ארייגלייגען אין א שיפעל מיט הייליגע וואסער און ארייגווארפען אין טייך. אויב די שיפעל וועט זינקען איז א סימן, אז ער זאגט ליגען; אויב זי וועט שווימען איז א סימן, אז ער האט געזאגט דעם אמת. די שיפעל האט נאטיר־ליך ניט געזונקען, און פופציג אידען, מענער, פרויען און קינדער, זיינען היגעריכטעט געווארען, דאס רוב פון זיי דורך פערב'ענען.

ווען דער רבינו תם, וועלכער האט, ווי זיין זיידע רש״י, געפריידיגט ליעבע און טאלעראנץ צו אלע אנדערש־גלוי־ביגע, האט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער פון עגמת נפש און הארץ־וועהטאג שטארק קראנק געווארען. ער האט ארויסגעשיקט בריעף צו אלע רבנים פון פראנקרייך און די רהיי־ישע פראווינצען, אין וועלכע ער האט זיי אויפ־

געפּאַדערט, אז זיי זאָלען דעם טאָג, ווען די הינריכטונג פון די מארטירער איז פּאַרגעקומען, פּעראייביגען אלס תענית און טרויער־טאָג. דאס איז געווען אין כ׳ סיון.

רבינו תם האט דעם קלאַפּ ניט געקענט איבערטראַגען און אין צוויי וואָכען שפּעטער, אין דעם נײַנטען יוני, (דעם פיערטען תמוז) 1171 איז ער געשטאָרבען.

מיט דעם טויט פון רבינו תם איז נאָך דיא טהעטיגקייט פון רש״י׳ס שוהל ניט אין גאַנצען אָבגעשטאָרבען. אָבער זי האט שוין אָנגעפאַנגען צו פערליערען איהר גלאַנץ. די „רויסי׳ קולטורעלע בעוועגונג פון די פראַנצויזיש־דייטשע אידען איז איבערגעריסען געוואָרען מיט געוואַלט, איידער זי האט נאָך געהאט צייט אין גאַנצען זיך צו ענטוויקלען. דורך די רדיפות וואס די אידען האבען געהאט אויסצושטעהן. אנשטאַט די געזונדע, ראַציאָנאַלע און נאַטירליכע ביבעלא. תלמוד־פּאַרשונג, מיט וועלכע רש״י און זיינע תלמידים האבען זיך אויסגעצייכענט, האבען זיך גענומען בעווייזען אַלערליי מיסטישע שטרעמונגען און אויסטייטשונגען. דאס לעבען איז געוואָרען פאַר די אידען א שווערע, אונערטרעגליכע משא. און זיי האבען גענומען אַנטלויפען פון דער ווירקליכקייט אין די פאַנטאַסטישע וועלטען, וואס זיי האבען זיך אַליין געשאַפען.

די אידען אין דרום־פראנקרייך.

VI.

די אידען פון דרום־פראנקרייך אלס די פערמיטלער צווישען דער אידיש־אראבישער קולטור און די אידישע קולטור פון די אנדערע אייראפעאישע לענדער. די פאמיליע קמחי: ר' יוסף קמחי און זיין זוהן דוד קמחי (דער רד"ק). די פאמיליע אבן־תבון, די פאטער פון די איבערזעצער. ר' יהודה אבן־תבון, ר' משה אבן־תבון און די ספרים וואס זיי האבען איבער־זעצט פון אראביש און העברעאיש. די קולטורעלע בעדייטונג פון זייערע איבערזעצונגען. אנדערע מיטגליעדער פון דער אבן־תבון פאמיליע.

אין דעם קולטורעלען לעבען פון דעם אידישען פאלק אין עלפטען, צוועלפטען און דרייצעהנטען יאהרהונדערט זיינען צו בעמערקען צוויי שטרעמונגען, וועלכע זיינען זיך געגאנגען אין פערשיעדענע ריכטונגען, כאטש זיי זיינען ביידע ארויס פון דעם זעלבען קוואל. די אידען פון ש פ א נ י ע ן, ווערענדיג בעאיינפלוסט פון די א ר א ב ע ר, האבען נאך אריבערגעשטייגט זייערע רביים און האבען געשאפען די גרויסארטיגע אידיש־שפאנישע קולטור מיט איהר פילאזאפיע, וויסענשאפט און פאעזיע. אין די אנדערע אייראפעאישע לענדער ווי א י ט א ל י ע ן, פ ר א נ ק ר י י ך און ד י י ט ש־ל א נ ד, וואו די ארטיגע קריסטליכע בעפעלקערונג איז געווען פערזונקען אין פינסטערנים און אין אונוויסענהייט, זיינען די אידען געבליבען פרעמד צו דער פילאזאפיע און די וויסענשאפטען. די קולטור פן זייערע ברידער אין שפאניען איז זיי פאר א געוויסער צייט כמעט אין גאנצען געבליבען

אונבעקאנט, ווייל די מעהרסטע פון די אידיש־שפּאַנישע פילאָזאָפישע און וויסענשאַפטליכע ספרים זיינען געשריבען געוואָרען אין אַראַביש. די אידען פון די אויבענדערמאָהנטע לענדער האבען זיך אויסגעארבייט אַ אייגענע קולטור, וועלכע איז הויפּטזעכליך בעשטאַנען אין ביבעל און תלמוד פאָרשונג.

די דאָזיגעביידע שטרעמונגען זיינען אבער פעראייניגט געוואָרען דורך דער הילף פון די אידען אין ד ר ו ם ־ פ ר א נ ק ־ ר י י ך, וועלכע זיינען געווען נאָהענטע שכנים מיט זייערע שפּאַנישע ברידער און זיינען געקומען אונטער זייער איינפלוס. אין דרום־פראנקרייך האבען זיך בעגעגענט די ביידע קולטורען און זיינען איינע פון דער אַנדערער בעאיינפלוסט געוואָרען. די אידען פון דרום־פראנקרייך, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען מאַנכע פליכטלינגע פון שפּאַניען, האבען בעקאַנט געמאכט די אידען פון די אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער מיט דער אידיש־שפּאַנישער ליטעראַטור דורך דעם, וואָס זיי האבען די וויכטיגסטע ווערק פון די שפּאַניער איבערזעצט פון אַראַביש אין העברעאיש, און אַ שפּראַד וואָס איז געווען פערשטענדליך פאַר די מייסטע אידען פון אַלע לענדער. די אידען פון דרום־פראנקרייך, אַ חוץ וואָס זיי האבען שפּעטער אַרויסגעגעבען זייערע אייגנע פילאָזאָפען און געלעהרטע, האבען זיך פערדיענט געמאכט דערמיט, וואָס זיי זיינען געווען די פערמיטלער צווישען דער אידיש־שפּאַנישער קולטור און די אידישע קולטור אין די אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער.

די וויכטיגסטע צווישען די דאָזיגע פערמיטלער זיינען די א ב ן ־ ת ב ו ן'ס און די ק מ ח י'ס.

ר' י ו ס ף ק מ ח י איז געבאָרען געוואָרען אין שפּאַניען בערך אין יאָהר 1105. צוליעב דיא פערפאָלגונגען פון די א ל מ א ה א ד ע ן איז ער געצוואונגען געוואָרען צו פערלאָזען שפּאַניען און האט זיך בעזעצט אין נ א ר ב א ן, פּ ר א ו ו ע נ ס, פון דרום־פראנקרייך. דאָרטען האט ער געעפענט אַ שוהל, וואו ער האט זיינע תלמידים געלערענט

העברעאישע גראמאטיק. תנ"ך מיט'ן פראסטען פשט און וואהרשיינליך אויך פילאזאפיע.

ר' יוסף קמחי איז בעריהמט אלס קאמענטאטאר אויף דער ביבעל, כאטש די מעהרסטע פון זיינע קאמענטארען זיינען פערלארען געגאנגען.

צווישען די ספרים, וואס ער האט איבערזעצט פון אראביש געפינען זיך דער „חובות הלבבות" פון בחיי אבן־פאקודא און א ווערק איבער עטהיק פון ר' שלמה אבן־גבירול, וועלכען ער האט א נאמען געגעבען „שקל הקדש". אין זיינע איבערזעצונגען האלט ער זיך ניט אן דעם טעקסט פון דעם מחבר, ער גיט וואס מען רופט א פרייע איבערזעצונג. דאס איז געווען די אורזאכע, וואס זיין צייט־גענאסע ר' יהודה אבן־תבון האט געפונען פאר נויטיג צו געבען אן אנדערע איבערזעצונג פון די דערמאהנטע צוויי ביכער, וועלכע איז געווען מעהר טריי צום טעקסט.

עס געפינען זיך פראגמענטען פון זיינעם א בוך „ספר הברית", וועלכער שטעלט פאר א וכוח צווישען א אידען און א קריסט. דער מחבר זוכט צו בעווייזען, אז דיא אידישע אמונה איז שוין דערפאר אליין די בעסערע און די אמת'ע, ווייל די אידען זיינען בעסערע מענשען ווי די קריסטען. די אידען היטען אב די „עשרת הדברות", זיי בוקען זיך ניט צו איקאנען, זיי מארדען ניט, זיי שווערען ניט פאלש, זיי היטען זיך פון זנות. עס זיינען ביי אידען ניטא קיין רויבער. די אידען ערציהען זייערע קינדער אין גוטע מדות, אין דרך־ארץ פאר עלטערע; די אידישע טעכטער זיינען צנועות, פער־לאזען ניט זייערע היימען און פיהרען ניט קיין זייטיגע ליעבעס מיט „ריטטער". די אידען העלפען זיך איינע די אנדערע; זיי זעטיגען דעם הונגעריגען; בעקליידען דעם נאקעטען; לייזען אויס דעם געפאנגענעם; האדעווען יתומים און ער־ציהען זיי אין די וועגען פון דער תורה,—אלץ אזעלכע מדות, וואס מען געפינט ניט ביי די קריסטען. דער קריסט איז אין דעם וכוח מודה, אז די אידען זיינען העכער אין די דאזיגע מדות פאר די קריסטען, אבער ער בעשולדיגט די אידען אין

זייער ליעבע צו געלד, וואס זיי נעהמען אזעלכע שווערע פראָ־צענטען פון די קריסטען. דער איך פערענטפערט זיך, אז די קריסטען נעהמען אויך פראצענט און זיי רייסען די הויט גיט בלויז פון פרעמד־גלויביגע נאר אויך פון זייערע אייגענע ברידער, וועהרענד די אידען לייהען זייערע אייגענע ברידער געלד אהן פראצענט.

ר' יוסף קמחי האט געהאט צוויי זיהן: ר' משה און ר' דוד קמחי.ביידע זיינען געוועזן געלעהרטע גראַ־מאטיקער און קאמענטאטארס, נאר דער לעצטער איז דער וויכטיגסטער צווישען זיי.

ר' דוד קמחי („דער רד"ק") איז געבארען געווארען אין נארבאן אין יאהר 1160 און איז געשטארבען אין 1235.

איינער פון זיינע וויכטיגסטע ספרים איז דער „מכלול", וועלכער בעשטעהט פון צוויי טייל. דער ערשטער טייל איז אן אבהאנדלונג איבער דער העברעאישער גראמאטיק; דער צווייטער טייל איז א לעקסיקאן פון די ווארצלען פון די העב־רעאישע ווערטער און הייסט „אוצר השרשים".

ער האט געשריעבען פירושים אויפ'ן ספר „בראשית", אויף דיא נביאים, אויפ'ן תהלים און אויף דברי הימים. בכלל האלט ער זיך אין זיינע פירושים אן דעם פראסטען פשט פון דיא ווערטער, נאר מאנכע שטעלען זוכט ער אויסצוטייטשען אויף א פילאזאפישען וועג, זייענדיג בעאייפלוסט פון רמב"ם. אין זיין פירוש אויף תהלים געפינען זיך וכוחים געגען די קריסטען, וועלכע זוכען אויסצוטייטשען געוויסע פסוקים און גאנצע קאפיטלען אויף אזא אופן, אז זיי זאלען זיך פאסען מיט זייער אמונה. די דאזיגע שטעלען זיינען ארויסגעוואָר־פען געווארען פון די צענזארס, אבער זיי זיינען שפעטער אבגעדרוקט געווארען בעזונדער אונטער דעם טיטעל „תשובות לנוצרים".

דעם רד"ק פירושים זיינען אויך איבערגעזעצט געווארען אין לאטייניש, און ווי דער אידיש־ענגלישער

געלעהרטער אבראהאמס וויל האבען, איז די אפיציעלע ענגלישע איבערזעצונג פון דער ביבעל שטארק בעאיינפלוסט געווארען פון זיינע קאמענטארען.

אין דער ערסטער מהלוקה וואס האט אויסגעבראכען ווע־גען דעם רמב"ם'ס „מורה נבוכים" איז דער רד"ק געווען דער אנפיהרער פון דעם רמב"ם'ס פערטהיידיגער.

ר' יהודה אבן־תבון איז געבארען געווארען אין גראנאדא, שפאניען, אין יאהר 1120 און איז געשטארבען אין יאהר 1190. אין יאהר 1150 האט ער פערלאזען שפא־ניען צוליעב די פערפאלגונגען פון די אל מאהאדען און האט זיך בעזעצט אין לונעל, דרום פראנקרייך. דארטען האט ער אנגעפאנגען צו פראקטיצירען מעדיצין און האט זיך שנעל ערווארבען א גרויסען נאמען. ער איז באלד בעפריינ־דעט געווארען מיט ר' משולם ב"ר יעקב, וועלכער האט געשפיעלט אין דרום פראנקרייך די זעלבע ראלע פון מעצענאט און שטיצער פון געלעהרטע, וואס חסדאי אבן שאפרוט האט געשפיעלט אין זיין צייט אין שפאניען.

אויף דעם פערלאנג פון דעם דאזיגען ר' משולם האט זיך יהודה אבן־תבון גענומען צו איבערזעצען פון אראביש אין העברעאיש די ספרים פון די אידיש־אראבישע געלעהרטע און פילאזאפען.

צווישען די וויכטיגסטע ספרים, וואס ער האט איבער־זעצט געפינען זיך:

דער „האמונות והדעות" פון רב סעדיה גאון.
דער „חובות הלבבות" פון בחיי אבן־פאקודא.
די גראמאטישע ווערק פון ר' יונה אבן־גאנח.
דער „מבחר הפנינים" פון ר' שלמה אבן־גבירול.
דער „כוזרי" פון ר' יהודה הלוי.

ר' יהודה אבן־תבון האלט זיך אין זיינע איבערזעצונגען טריי אן דעם טעקסט, און דערפאר זיינען זיי גאנץ אפט שווער. ער פערענטפערט זיך, אז דאס איז די שולד פון דער

העברעאישער שפראך, וועלכע איז ארעם אין ווערטער און אויסדריקע.

ר' יהודה אבן־תבון איז געווען צופיעל פערנומען מיט זיין ארבייט אלס איבערזעצער און מיט זיין מעדיצינישער פראקטיק, אז ער זאל זיך אויך האבען געקענט אבגעבען מיט שרייבען איינענע ווערק. אין זיין „צואה“, וואס ער האט געלאזען פאר זיין זוהן, ר' שמואל אבן־תבון, דער־מאנט ער זיין ספר „סוד צחות הלשון“ איבער העברעאישער גראמאטיק, וועלכער איז אבער פערלארען געגאנגען.

אינטערעסאנט איז זיין צואה, וואו ער פערזאגט זיין זוהן, אז ער זאל היטען די ביבליאטעק, וואס ער האט פון זיינטוועגען אנגעזאמעלט. „איך האב אנגעזאמעלט א גרויסע ביבליאטעק, כדי דו זאלסט ניט דארפען ארומלויפען בארגען ביכער... קוק איבער דיינע העברעאישע ביכער איינמאל א מאנאט; דיינע אראבישע איינמאל אין צוויי מאנאטען... האלט דיין ביבליאטעק אין ארדנונג, כדי דו זאלסט צו יעדער צייט געפינען דעם בוך וואס דו דארפסט... האלט זיי אין שראנקען און מאך דיר ליסטען פון די ביכער פון יעדער פאליצע. היט זיי פון פייכטקייט, פון שטויב און פון מייז. פערדעק זיי מיט שעהנע גארדינען, ווייל ביכער זיינען דער בעסטער אוצר.“ אין דער זעלבער צואה גיט ער דעם זוהן עצות און כללים, ווי אזוי צו מאכען איבערזעצונגען, אין פאל איהם וועט זיך געלוסטען צו טהאן די דאזיגע ארבייט.

ר' שמואל אבן־תבון איז געבארען געווארען אין לונעל בערך אין יאהר 1150 און איז געשטארבען אין מארסעל אין יאהר 1230. זיין פאטער, ר' יהודה, האט איהם געגעבען א גוטע ערציהונג. א חוץ העברעאיש און אראביש, וואס ער האט גרינדליך געקענט איז ער אויך געווען בעקאנט מיט דער מעדיצינישער וויסענשאפט, וועלכע ער האט אבער, ווי עס ווייזט אויס, ניט פראקטיצירט.

ר' שמואל אבן־תבון איז געווען א שטארקער אנהענגער פון רמב"ם'ס פילאזאפיע. אין מאנכע הינזיכטען איז ער נאך געגאנגען ווייטער ווי דער רמב"ם. לויט איהם זיינען

די אלע ערצעהלונגען פון דער ביבעל ניט מעהר ווי משלים און אלעגאריען, וועלכע האבען א טיעפערען זין און א פער־בארגענע בעדייטונג.

ער אליין האט אויך געשריבען אריגינעלע ווערק, צווישען וועלכע עס געפינט זיך זיין „מאמר יקוו המים“, אן אב־האנדלונג איבער פילאזאפיע אין צוויי און צוואנציג קאפיט־לען; א פילאזאפישע אבהאנדלונג איבער „קהלת“ און מאנכע אנדערע. בעריהמט איז ער אבער געווארען הויפט־זעכליך צוליעב זיינע איבערזעצונגען, צווישען וועלכע דעם רמב"ם'ס „מורה נבוכים“ פערנעהמט דעם ערשטען פלאץ.

זיין איבערזעטצונג פון דעם „מורה נבוכים“ איז אין מאנכע שטעלען שווער און ניט אין גאנצען קלאר, אבער דאס נעהמט זיך דערפון, וואס ער, פונקט ווי זיין פאטער, האלט זיך שטרענג אן טעקסט און זוכט צו געבען א ווערטערליכע איבערזעצונג. בכלל איז אבער זיין איבערזעצונג זעהר א גוטע, בפרט ווען מען נהמט אין אנבעטראכט, אז זיין פאטער און ער זיינען געווען די ערשטע צו איבערזעצען פילא־זאפישע ווערק אין העברעאיש. זיי האבען ניט בלויז גע־דארפט איבערזעטצען, נאר זיי האבען אויך גערארפט שאפען א שפראך. איינע פון די גרויסע פערדיענסטען און אויפ־טהועכצען פון די א ב ן ־ ת ב ו ן'ס בעשטעהט אהן ספק אין דעם, וואס זיי האבען בעשאפען א פילאזאפישע שפראך, א פילאזאפישע טערמינאלאגיע, אין העברעאיש. ביז זיי איז די העברעאישע שפראך געווען רייך גענוג פאר פאעזיע, פאר פראגען פון געזעץ, אפשר אויך פאר'ן טעגליכען געברויך, אבער זי האט ניט בעזעסען קיינע פילאזאפישע אויסדריקע, קיינע ווערטער וואס זאלען אויסדריקען גענוי און פינקטליך יענע אבסטראקטע און הויכע ענינים. די א ב ן ־ ת ב ו ן'ס, פאטער און זוהן, הויפטזעכליך דער לעצטער, האבען געשאַ־פען די דאזיגע ווערטער און אויסדריקע, וועלכע האבען אפשר די ערשטע צייט געקלונגען פרעמד, אבער וועלכע האבען אין פערלויף פון דער צייט געקראגען בירגער־רעכטע און זיינען איצטער פונקט אזא טייל פון דער העברעאישער שפראך

ווי די אַלע אַנדערע ווערטער, ווי די ווערטער פון דער ביבעל גופא. ר' שמואל אבן־תבון האט גאנץ גוט געוואוסט, אז ער טהוט אויף א נייעס און ער האט דארום ביים ענדע פון דעם „מורה נבוכים" צוגעשריבען א „ביאור מהמלות הזרות" (אַן ערקלערונג איבער די פרעמדע ווערטער).

ניט קוקענדיג אויף די שוועריגקייטען וואס שמואל אבן־תבון האט געהאט צוליעב דער אַרעמקייט פון דער העברע־אישער שפּראַך אין פילאָזאָפישע אויסדריקע, איז איהם דאָך געלונגען איבערצוגעבען דעם רמב"ם'ס געדאַנקען מיט אַללע איינצעלהייטען און שאַטירונגען. ניט אומזיסט האט מען איהם און זיין פאטער בעטיטעלט מיט דעם נאָמען „אבות המעתיקים", די פאטערס פון די איבערזעצער. דער רמב"ם אליין איז געווען צופריעדען מיט אבן־תבון'ס איבערזעצונג. ער דריקט אויס זיין צופריעדענהייט אין א בריעף, וואס ער האט געשריעבען צו ר' שמואל אבן־תבון: „דו ביזט זיכער דער יעניגער, וועמען גאט האט געבענשט מיט דער פעהיג־קייט צו איבערזעצען פון איין שפּראַך אין דער אנדערער, ווייל ער האט דיר בעשאַנקען מיט א שכל צו פערשטעהן די משלים און די מליצות, די רייד פון חכמים און זייערע רעטע־ניסען. איך האב דערקענט אין דיינע ווערטער, אז דו ביזט אריינגעדרונגען אין די טיעפעניסען פון דעם ענין, און די פערבאָרגענע סודות (פון דעם מורה נבוכים) זיינען פאר דיר ענטדעקט געוואָרען."

א חוץ דעם „מורה נבוכים" האט ר' שמואל אבן־תבון איבערזעצט פיעלע אַנדערע פון דעם רמב"ם'ס שריפטען, ווי זיין „מאמר תחית המתים", „אגרת תימן", „שמונה פרקים" און א טייל פון זיין פירוש אויף דער משנה. ער האט אויך איבערזעצט אין העברעאיש מאנכע שריפטען פון אראבישע פילאָזאָפען און א ווערק פון אריסטאָטעלס (אותות השמים).

די קולטורעלע בעדייטונג פון די דאָזיגע איבערזעצונגען קען ניט איבערשאַצט ווערען. די איבערזעצונגען האבען געגעבען די מעגליכקייט פאר די אידען פון די אנדערע אייראָ־פּעאישע לענדער זיך צו בעקענען מיט די בעסטע און די

וויכטיגסטע ספרים פון דער אידיש־אראבישער פילאזאפיע, וועלכע האבען אויסגעאיבט אזא געוואלדיגען איינפלוס אויף דעם גייסטיגען לעבען פון דעם אידישען פאלק. ווער קען וויסען, אויב אזעלכע ספרים ווי דער „האמונות והדעות", דער „חובות הלבבות", דער „כוזרי" און דער „מורה נבוכים" וואלטען איז גאנצען ניט פערלארען געגאנגען, ווען זיי וואלטען ניט איבערזעצט געווארען אין העברעאיש? זיינען דאך פיעלע פון די אידיש־אראבישע שריפטען ווירקליך פערלארען געגאנגען, צווישען זיי אזעלכע גרויסע ווערק ווי אבן־גבירול'ס „מקור חיים". די דאזיגע איבערזעצונגען האבען געהאט א גרויסע בעדייטונג ניט בלויז פאר זייער צייט און פאר זייער ארט, נאר אויך פאר פיעלע דורות שפעטער און אין די אלע פערשיעדענע לענדער, וואו דאס אידישע פאלק איז געווען צר־זייעט און צושפרייט. די אידען אין די אלע גלות־לענדער האבען זיך אלס אומגאנגס־שפראך בענוצט מיט די שפראכען פון די פעלקער צווישען וועלכע זיי האבען זיך געפונען: דיא אידען פון שפאניען האבען געברויכט אראביש; דיא פראנצויזישע אידען—פראנצויזיש, די איטאליענישע—איטאליעניש, און די דייטשע אידען—דייטש. א ווערק געשריעבען אויף אראביש איז דארום געבליבען אונפערשטענד־ליך פאר די אידען פון פראנקרייך, למשל, פונקט ווי א ווערק געשריעבען אויף פראנצויזיש וואלט געבליבען פרעמד פאר די אידען אין שפאניען. אבער די אלע פערשיעדענע טיילען פון דעם אידישען פאלק, וואו זיי זאלען זיך ניט האבען געפונען, האבען בעזעסען איין אלגעמיינע שפראך, וואס האט זיי אלעמען צוזאמענגעבונדען אין איין גאנצעס—דאס איז געווען די העברעאישע שפראך. זי איז געווען די שפראך פון דעם אידישען גייסטיגען לעבען; דיא שפראך פון זייער תורה, פון זייערע תפילות און פון זייער ליטעראטור. די גרעסטע ווערק געשריעבען אין אראביש, אפילו דער „מורה נבוכים", האט ניט געקענט האבען מעהר ווי א לאקאלע און צייטליכע בעדייטונג. בלויז פאר די אידען וואס האבען פערשטאנען אראביש און נור אויף דער צייט ווען זיי האבען

איהר פערשטאַנען. דער רמב"ם אליין האָט עס איינגעזעהען און האָט חרטה געהאַט פאַרוואָס ער האָט געשריבען אראביש. דורך אבן־תבון'ס העברעאישער איבערזעצונג האָט ערשט דער „מורה נבוכים" געקראָגען זיין פערדיענטען ווערטה און איינפלוס פאַר אַללע אידען פון אַלע לענדער און אויף אַ גאַנץ לאַנגער צייט, ביז היינטיגען טאָג.

ר' משה אבן־תבון איז געווען א זוהן פון ר' שמואל אבן־תבון. ער איז גווען א געלעהרטער דאָקטאָר, מאַטהעמאַטיקער און פילאָזאָף. ער איז דער פערפאַסער פון אייניגע אָריגינעלע ספרים, אָבער ער האָט זיך, וויא זיין פאָטער און זיידע, הויפּטזעכליך אָפּגעגעבען מיט איבערזעטצונגען. ער האָט איבערזעצט דעם רמב"ם'ס „ספר מלות ההגיון" איבער לאָגיק און מאַנכע פון זיינע מעדיצינישע שריפטען. א חוץ דעם האָט ער איבערזעצט אין העברעאיש מאַנכע פון דיא ווערק פון דיא בעריהמטע אראבישע פילאָזאָפען אל־פאראבי, אבן־סינא און אבן־ראשד*).
ער האָט אויך איבערזעצט טהיילען פון יוקליד'ס געאָמעטריע און אן אבהאַנדלונג איבער אריפמעטיק. עס געפינט זיך אויך זיינע אַ איבערזעצונג איבער אַסטראָנאָמיע „חכמת הכוכבים" אָדער „חכמת תכונה". מיט זיינע איבערזעצונגען האָט ער געמאַכט, אז די העברעאישע ליטעראטור פון יענער צייט איז, אַ חוץ דיא אראַבישע, געוואָרען דיא רייכסטע אין פילאָזאָפישע און וויסענשאַפטליכע ספרים.

די פאמיליע אבן־תבון האָט ארויסגעגעבען פון זיך אַ גאַנצע רייהע פון געלעהרטע און פילאָזאָפען, וועלכע האָבען געשפּיעלט א גרויסע ראָלע אין דעם לעבען פון די אידען אין דרום־פראנקרייך און האָבען אויך געהאַט זייער איינפלוס אויף דיא אידען פון דיא אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. פאר א געוויסער צייט האָבען דיא אידען פון דרום־

*) „התחלת הנמצאים הטבעיים" פון אלפאראבי; „הסדר הקטן" פון אבן־סינא; "כללי השמים והעולם; „ספר ההויה וההפסד"; „כללי ספר הנפש"; „החוש והמיחוש; „מה שאחר הטבע", פון אבן־ראשד.

פראנקרייך געטראָגען דעם פאקעל פון וויסען, וועלכען דיא שפּאַנישע אידען האָבען צוליעב דיא רדיפות פון דיא אלמאָ־והאדען געמוזט ארויסלאָזען פון זייערע הענד.

יעקב בן מכיר א ב ן ־ ת ב ו ן, אן אייניקעל פון ר׳ שמואל אבן־תבון, האָט געלעבט אין דרום פראנקרייך אין ענדע דרייצעהנטען און אָנפאנג פערצעהנטען יאָהרהונדערט. ער איז געווען א בעריהמטער אסטראָנאָם און מאטהעמאטי־הער, און זיינע ספרים איבער אסטראָנאָמיע זיינען איבער־זעצט געוואָרען אין לאטייניש. ער און זיין קאָזין, ר׳ יהודה בר׳ משה א ב ן ־ ת ב ו ן, האָבען זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דיא פערטהיידיגער פון רמב״ם, ווען דער קריעג צו־ליעב דעם „מורה נבוכים“ האָט אויסגעבראָכען צום צווייטען מאָל אין דיא צייטען פון דעם רשב״א. ער איז דאמאָלסט גע־ווען א קאמפּף ניט נאָר געגען דעם רמבם״ס ספרים אליין, נאָר געגען דעם שטודיום פון פילאָזאָפיע און וויסענשאפט בכלל.

דיא קולטורעלע טהעטיגקייט פון די אידען אין דרום פראנקרייך, וועלכע האָט אויסגעוויעזען צו ווערען א ווירדיגע נאָכפאָלגערין פון דער אידיש־אראבישער קולטור פון שפּאַ־רען איז איבערגעריסען געוואָרען מיט געוואלט דורך דיא שווידעריליכע רדיפות, וואס האָבען זיך אָנגעפאנגען געגען אלע אידען פון פראנקרייך.

ביז דעם אלגעמיינעם לעצטען גירוש פון דיא פראנצוי־זישע אידען ביין ענדע פון פיערצעהנטען יאָהר־הונדרעט, האָ־בען דיא אידען פון דרום פראנקרייך ארויסגעגעבען א רייהע געלעהרטע, פילאָזאָפען און פּאָעטען.

VII.

די אידישע פּאָעזיע אין דרום פראנקרייך. אברהם בעדארעשי (בדרשי) און זיין זוהן ר' ידעיה הפניני. די נייע מחלוקה וועגען דעם רמב"ם, איהרע אורזאכען און איהרע פיהרער. די שטעלונג פון דעם „פניני" צו דער מחלוקה און זיין „אגרת ההתנצלות", זיין ספר „בחינת עולם".

די אידען פון דרום פראנקרייך האָבען ארויסגעגעבען פון זיך א היבשע צאהל פּאָעטען, וועלכע שטעהען אָבער פיעל נידריגער, סאַי אין זייער אינהאַלט, סאַי אין זייער פאָרם, ווי די גרויסע אידישע פּאָעטען פון שפּאַניען, וועמעס תלמידים און נאָכפאָלגער זיי האָבען געוואָלט זיין. על פּי רוב זיינען זיי געוועזען פּשוט'ע גראַמען־מאַכער און „מליצים", מענשען וואָס האָבען געזוכט צו מאַכען אַלערליי „קונצען" מיט דער שפּראַך, וועלכע זיי האָבען פאָלקאָמען און גרינדליך באַזעסען. איינער האָט געמאַכט א תפלה, וואו יעדער וואָרט פאַנגט זיך אָן מיט אַן „א"; א צווייטער האָט געמאַכט א תפלה, וואו יעדער וואָרט פאַנגט זיך אָן מיט א „מם" און עהנליכע אַזעלכע שפּראַך־קונצען. זיי זיינען ניכער געווען שפּראַך־פּאַקוסני־קעס ווי פּאָעטען. אין זייערע ליעדער געפינט זיך מעהר „קונצשטיק" ווי פּאָעזיע. זייער שפּראַך איז מליצה'דיגע באָמבאַסטיק, רייך אין ווערטער און אָרים אין געדאַנקען און בילדער.

די וויכטיגסטע פון די אידישע פּאָעטען אין דרום פראַנק־רייך זיינען די בעדאַרעשי'ס, פאָטער און זוהן.

דער פאטער, אברהם בעדארעשי (בדרשי), האט געלעבט אין מיטען פון דרייצעהנטען יאהרהונדערט. און האט זיך אויפגעהאלטען אין א שטעדטעל פון דרום פראנקרייך, בעדזיער. אין בריטישען מוזעאום געפינט זיך א זאמלונג פון זיינע גוט־געדרוקטע פאעמען. א פאעמא אונטער דעם נאמען „חרב המתהפכת“ און א ספר איבער די סינאנימען און העברעאיש „חותם תכנית“ זיינען אפגעדרוקט געווארען. עס געפינט זיך פון איהם אויך א תפלה, וואס הייסט „בקשת הלמדים“, וואו יעדערווארט פאנגט זיך אן מיט א „ל“.

פיעל וויכטיגער און א בעדייטענד גרעסערער פאעט פאר איהם איז געווען זיין זוהן ר' ידעיה בעדארעשי, וועלכער איז מעהר בעקאנט אונטער זיין ליטערארישען נאמען ידעיה הפניני, דער פערל־קלייבער.

ר' ידעיה הפניני איז געבארען געווארען אין בעדזיער אין יאהר 1270 און איז געשטארבען אין יאהר 1340. זיין פאטער האט איהם געגעבען א גוטע ערציהונג. האט איהם בעקאנט געמאכט מיט דער דאמאלסדיגער העברעאישער ליטעראטור און האט איהם געלאזט לערנען מעדיצין און פילאזאפיע.

שוין אין זיינע קינדערשע יאהרען האט ער זיך אויסגע־צייכענט מיט זיינע ברייטע קענטניסע אין דער העברעאישער שפראך, אין וועלכע ער האט אריבערגעשטיגען זיין פאטער. צו פופצעהן יאהר האט ער אנגעשריבען די „בקשת הממים“. א תפלה פון טויזענד ווערטער, וואו יעדער ווארט פאנגט זיך אן מיט א „מ“*). פון וועלכע זיין פאטער איז שטארק נתפעל

*) „מרום מראשון, מקום מקדשנו, ממציא מצואים מאין, מחולל משמרות מרומו מאפס, מעמיד מחברת מערכות מבחילות מתוחו מוחלט, מתאר מגלי מה מחוגה מזלות, מכוננות מקבילות...“ — דאס איז דער אנ־פאנג פון יענער קונציגער תפילה, וועלכע לאזט זיך כמעט נים איבער־זעצען

געוואָרען. ווערענדיג עלטער האט ער אבער אוועקגעוואָרפען די דאָזיגע קונצען מאַבעריי. און האט זיך גענומען בעציהען ערנסטער צו דער פּאָעזיע.

צו זיבעצעהן יאָהר האט ער אנגעשריבען זיין „ספר הפרדס", וואו ער בעהאַנדעלט אַלערליי פראַגען. ער רעדט דאָרטען וועגען דער נישטיגקייט פון דער וועלט און איהרע פערגעניגענס; ווי א מענש דאַרף זיך אויפפיהרען, און וועלכע וויסענשאַפטען א מענש דאַרף לערנען נאָכדעם ווי ער האט געקראָגען זיין רעליגיעזע בילדונג. ער שרייבט דאָרטען אויך וועגען גראַמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, פּאָעזיע און מליצה.

עס געפינט זיך פון איהם א פּאָעמא אונטער דעם נאָמען „אוהב נשים" (דער ליעבהאָבער פון פרויען), וועלכע איז אן ענטפער אויף א פּאָעמא „שונא נשים" (דער פיינד פון פרויען), וואס איז געשריבען געוואָרען פון אן אנדער פּאָעט, י ה ו ד ה ב ן ש ב ת י.

ער האט אויך געשריבען פילאָזאָפישע פירושים איבער די „אגדות" פון תלמוד און איבער די מדרשים.

צו פינף און דרייסיג יאָהר האט ער אנגעשריבען צום רשב"א זיין „אגרת ההתנצלות" (דער בריעף פון פערטהייד־דיגונג). ער האט שוין דאַמאָלס געמוזט זיין א בעריהמטע פערזענליכקייט. ווען ער האט זיך ערלויבט אריינצומישען אין דעם קריעג און זיך שטעלען געגען דעם רשב"א.

דער קאַמפּף געגען דעם רמב"ם און דעם „מורה נבוכים", וועלכער איז פאר א לאַנגע צייט שטיל געווען, האט ביים אנפאַנג פון פיערצעהנטען יאָהר־הונדערט (1303—1306) אויסגעבראָכען פון דאס ניי. דער קאַמפּף האט שוין אבער דעם מאָל געטראָגען אן אנדער כאַראַקטער. ער איז געווען געריכטעט ניט אזוי געגען דעם רמב"ם, וועמען ביידע צדדים איז דער מחלוקה האָבען רעספּעקטירט; אפילו ניט געגען דעם „מורה נבוכים", צו וועלכען מען האט זיך שוין צוגע־וועהנט. דער קאַמפּף איז הויפּטזעכליך געווען געפיהרט געגען דער פרייער ריכטונג, געגען דעם לינקען פליגעל, פון דעם רמב"ם'ס תלמידים. זיי, די דאָזיגע תלמידים, זיינען געגאַנ־

גען פיעל ווייטער ווי זייער רבי האט ווען גע'חלום'ט, און האבען געזוכט צו ערקלעהרען די גאנצע תורה, אפילו דעם טהייל וואס האט צו טהאן מיט די מצוות, אויף אן אללעגאָרישען שטייגער. ניט בלויז די ערצעהלונגען פון דער תורה זיינען משלים, ווי דאס האבען בעהויפטעט ר' יעקב אנאטאלי און ר' לוי בן אברהם בן חיים, וועלכע זיינען געווען די פאַטערס פון דעם „לינקען פליגעל", נאר די גאנצע תורה האט אן אינערליכע כונה. די אלע מצוות זיינען אנדייטונגען און משלים, כדי דער מענש זאל זיך קענען בעהעפטען מיט גאט, ערהויבען זיין גייסט און לייטערען זיין הארץ; אז און פיר זיך האבען זיי קיין שום בעדייטונג ניט. דערפון איז גערונגען, אז א מענש, וואס פערשטעהט שוין דאס אלץ איז ניט מחויב צו היטען די תורה. עס האבען זיך געפונען אזעלכע, וואס האבען זאגאר בעהויפטעט, אז משה רבינו איז ניט מעהר ווי א גרויסער גזזעצגעבער. דאס עסען פון חזירפלייש האט משה פארבאטען, ווייל ער האט געמיינט, אז דאס איז שעדליך צום געזונד, אבער די דאקטוירים האבען בעוויזען, אז ער האט געהאט א טעות. (מנחת קנאות).

די דאזיגע געדאנקען זייערע האבען זיי געפריידיגט אין די שוהלען און געלערענט פאר תלמידים. עס פערשטעהט זיך, אז דער קאנסערוואטיווער עלעמענט האט אין דעם געזעהן א געפאהר פאר דעם יודענטהום; ער האט אין דעם, ניט מיט אונרעכט, געזעהן א דערנעהענטערונג צום קריסטענטהום, וועלכער האט אויך געפריידיגט, אמת, פון אן אנדער שטאנדפונקט, אז די תורה, די פראקטישע מצוות פון איהר, איז בטל געווארען.

דער ערשטער, וואס איז ארויסגעטראגען געגען די דאָזיגע עקסטרעמע אללעגאריסטען איז געווען ר' א ב א מ ר י (מארי) ב ן מ ש ה, ב ן י ו ס ף ד ו ן א ש ת ר ו ק פון מ א נ פ ע ל י ע. אבא מרי איז בשום אופן ניט געווען קיין „פינסטערלינג". ער איז אליין געווען גוט בעקאנט מיט דער פילאזאפיע בכלל און אויך מיט דעם „מורה נבוכים". דעם רמב"ם האט ער שטארק רעספעקטירט, כאטש

ער איז ניט געווען איינפערשטאנען מיט איהם אין אלע איינ־
צעלהייטען.. א ב א מ ר י האלט ניט, צום ביישפיעל, פון
דעם רמב"ם'ס דרייצעהן „עקרים". ער בעהויפטעט, אז אין
דער אידישער אמונה זיינען פאראן נאר דריי עקרים:
1) די עקזיסטענץ פון אן איינציגען, אונקערפערליכען, אל־
מעכטיגען גאט; 2) ער האט בעשאפען די וועלט פון גאר ניט;
3) די וועלט ווערט געפיהרט מיט גאט'ס השגחה. פון די דא־
זיגע דריי עקרים קומען ממילא ארויס די אלע אנדערע.

ניט פיהלענדיג זיך אויטאריטעט גענוג און שטארק גע־
נוג, האט א ב א מ ר י געזוכט צו געווינען אויף זיין זייט
דעם „ר ש ב " א, דער רב פון בארצעלאנא, שפאניען, דער
גרעסטער תלמודיסטישער אויטאריטעט פון זיין צייט. דאס
איז איהם אויך געלונגען. דער ר ש ב " א, וועלכער האט
א חוץ זיינע גרויסע תלמודישע קענטניסע אויך בעזעסען א
בעדייטענדע ידיעה אין דער פילאזאפיע און אין די וויסענ־
שאפטען, ווי עס איז צו זעהן פון זיינע דיספוטען מיט די
קריסטען און מאהאמעדאנער, האט באלד זיך געשטעלט אויף
דער זייט פון אבא מרי. דער רשב"א האט געשיקט א בריעף
צו דער געמיינדע פון מאנפעליע, גע'חתמ'עט פון נאך פופצעהן
רבנים, אין וועלכען ער האט פארגעשלאגען, אז מען זאל
ארייןלעגען אין חרם אלע די וואס ווילען לערנען פילאזאפיע
און די וויסענשאפטען, איידער זיי האבען געקראגען א גענוי־
גענדע תלמודישע און רעליגיעזע בילדונג און איידער זיי
האבען דערגרייכט א בעשטימטען עלטער.

דער רשב"א האט ערווארטעט, אז אלע ווילען אויף דעם
איינגעהן, אבער ער האט געמאכט א טעות אין חשבון. עס
האט זיך באלד געבילדעט א פארטיי, וואס איז געפיהרט גע־
ווארען פון ר' י ע ק ב ב ן מ כ י ר א ב ן ת ב ו ן, וועל־
כע איז שטארק ארויסגעטראטען געגען דעם. ר' יעקב בן מכיר
איז אליין ניט געווען פון די עקסטרעמע אללעגאריסטען,
אבער ער האט אין דער דאזיגער בעוועגונג פון אבא מרי גע־
זעהן א בעליידיגונג פאר דער גאנצער אבן תבון פאמיליע,
איבערהויפט אויף ר' שמואל אבן־תבון, דער איבערזעצער

פון מורה נבוכים און אליין אז אללעגאריסט. די מחלוקה, ווי אלע מחלוקות, איז אלץ געווארען פארביטערטער און פער'עקשנ'טער.ביידע צדדים זיינען געווארען פארביסענע, און דער קאמפף געגען די עקסטרעמע אללעגאריסטען איז פערוואנדעלט געווארען אין א קאמפף געגען דער פילאזאפיע און די וויסענשאפטען בכלל. ביידע צדדים האבען צוגעקראגען נייע כוחות, און די אידישע געמיינדען פון דרום פראנקרייך און שפאניען זיינען פארנאנדערגעטהיילט געווארען אין צוויי פיינדליכע לאגערען. דער רשב"א איז געווען דער ערשטער, וואס האט זיך בענוצט מיט דער וואפע פון דעם חרם. און אום „שבת חזון" פון יאהר 1305, האט ער אין זיין שוהל ארויפ־געלעגט א חרם אויף אלע וואס וועלען לערנען פילאזאפיע און וויסענשאפטען איידער זיי וועלען ווערען פינף און צוואנציג יאהר. ער האט אויך ארויפגעלעגט דעם חרם אויף די יעניגע, וואס וועלען זוכען צו דערקלעהרען די תורה אויף א פילאזא־פישען שטייגער. ר' י ע ק ב ב ן מ כ י ר א ב ן־ ת ב ו ן און זיין פארטיי האבען אויך ניט געשוויגען. ווי זיי האבען דערהערט פון דעם רשב"א'ס חרם, האבען זיי פון זייער זייט ארויפגעלעגט א חרם אויף דעם אנדערען צד, אויף אלע די יעניגע, וואס וועלען שטערען די אידישע יוגענד אין שטו־דירען די וויסענשאפטען און די פילאזאפיע, און אויף אלע די יעניגע, וואס וועלען וואגען צו ריידען געגען דעם רמב"ם.

ר ב י י ד ע י ה ה פ נ י נ י האט דאן אנגעשריבען צום רשב"א זיין „אגרת ההתנצלות", וואו ער פערטהיידיגט די משכילים. דער בריעף איז זעהר לאנג און געפינט זיך אין די „תשובות הרשב"א. אין דעם דאזיגען בריעף, וועלכער איז פול מיט מליצות און אונערהערטע שבחים צום רשב"א, מאכט איהם ר' ידעיה הפניני פארווירפע פאר זיין שטעלונג, פאר וואס ער האט זיך געלאזען פארפיהרען פון אבא מרי און האט ארייגעלעגט גאנצע אידישע קהלות אין חרם. ער זוכט איהם צו בעווייזען, אז אידישקייט געהט האנד אין האנד מיט דער וויסענשאפט און מיט חכמה. אונז פארדריסט ניט, שרייבט ער אין דעם בריעף, וואס דו האסט די חכמה אריינ־

געלעגט אין חרם. וואס קען דער חרם שאדען די חכמה? אויב זי איז גאט'ס ווארט. דער אמת, קען איהר קיינער ניט פערניכטען. אונז פערדריסט אבער, וואס דו האסט זיך גע־איילט און צוגעהערט צו די רייד פון א ב א מ ר י און האסט פערשעהמט די אידישע קהלות פון פ ר א ו ו ע נ ס. צווישען וועלכע עס געפינען זיך צדיקים, חכמים און לומדים. וואס זיינען זיי שולדיג, אויב עס געפינט זיך צווישען זיי איינער, וואס האט אפילו גזינדיגט. ביים ענדע בעט ער דעם רשב"א, אז ער זאל צוריקציהען דעם חרם צוליעב דעם כבוד פון רמב"ם און צוליעב זיין אייגענעם כבוד.

* * *

די וויכטיגסטע פון דעם „פ נ י נ י ' ס" ווערק איז דער בעריהמטער „בחינת עולם" (א בעטראכטונג פון דער וועלט). דאס איז א גרויסע פאעמא אין זיעבען און דרייסיג קליינע קאפיטלען. וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט'ן וועלט־שמערץ, אבער וועלכע ענדיגט זיך ניט אין פערצווייפלונג נאר אין טיעפען גלויבען און בטחון צו גאט. דערפאר טאקע האט די דאזיגע פאעמא געהאט אזא גרויסען ערפאלג ביים אידישען פאלק, און ווערט נאך ביז היינט בעטראכט אלס איינער פון די בעסטע מוסר־ספרים. די שפראך איז רייך און שעהן, כאטש איז מאנכע פלעצער עטוואס באמבאסטיש. גאנץ אפט זעהט מען אין זיינע בילדער און אין זיינע פערגלייכונ־גען דעם אמת'ן פאעט:

„די וועלט איז א טיעפער און ברייטער שטורעמדיגער ים. די צייט איז א שוואכער בריק אריבערגעווארפען איבער איהם. איהר אנהויב איז דער ניט־זיין, און זי ענדיגט זיך מיט דעם טויט, וואו עס פאנגט זיך אן דער אמת'ער גליק. שמאל איז דער בריק, ניט מעהר ווי אן אייל, און קיין פארענטשעס זיינען אויך ניטא. און דו, מענשען־קינד, וועלכער לעבסט איבער געוואלד, מוזט איהם דורכגעהן. שמאל איז דער שטעג, ניטא וואו צו קעהרען זיך, רעכטס אדער לינקס. פון ביידע זייטען

ערוואַרטעט דיר אונטערגאַנג און טויט. האָסטו דען מיט וואָס צו שטאַלצירען? קענסטו דען זיך בעריהמען מיט דיינע רייכטהימער און מיט דיין ערווערב?... און וואָס וועסטו טהאָן, ווען דער ים וועט זיך צושטורמען און וועט אין גאַנצען פערניכטען דיין אָרימע אכסניא?"...

"וועלט, דו וועלט, דו קוואַל פון פערדאַרבען און פער־ניכטונג, זאָלען מיר פון דיר ערוואַרטען גליק און האָפנונג?...."

דער פּאָעט בעטראַכט די וועלט און איהר אויפפיהרונג; ער זעהט ווי די שלעכטע און די נאַרען פאַרנעהמען דעם אויבען־אָן, וועהרענד די גוטע און די קלוגע ווערען פערטריבען פון טיש. ער קעהרט זיך צו דער וועלט און זאָגט:

"דיינע געליעבטע זיינען די ערגסטע; די גוטע האָסטו פיינט. דו קלייבסט די שאַלעכץ און וואַרפסט אַוועק די יאַדרעס; דו נעהמסט צו זיך די ליידיגע און שטויסט אָפּ די פולע". און ער ענדיגט מיט אַן עצה, אַז מען זאָל זיך ניט לאָזען פאַרפיהרען פון דער מרשעת "וועלכע פרעסט אויף איהרע איינענע קינדער".

גרויס איז דער מענש, און גרויס איז זיין שכל. עס זיינען פאַר איהם ניטאָ קיינע געהיימניסע, איבעראַל קען ער אריינ־דרינגען און דורכדרינגען. "אפילו צו גאָט אַליין שפּאַרט ער זיך אַרויף". און אָט ער, דער מענש, דאַרף שטאַרבען און פוילען אין דער ערד. זיין גאַנצער וועזען פּראָטעסטירט אין דעם פּאָעט געגען דער דאָזיגער גרויסער עולה:

"מען קען מעסטען די הויך פון די הימלען; מען קען דערגרונטעווען די טיעפקייט פון דער ערד, — דער מענשליכער שכל אַליין איז אונערפאָרשבאַר.... צי קען די גאַנצע וועלט אַרומנעהמען אַיין געדאַנק, וואָס געפינט זיך אין דעם קליינעם אויבערשטען געצעלט, וואָס איז גרויס בלויז ווי אַ מענשליכע האַנד?... צי איז עס גוט, אַז אַזאַ סאַפּירען־שטיין זאָל זיין אַ ציעל פאַר אַלע פיילען פון צופאַל, פאַר אַלע אונגליקען? וואָרום זאָל דער מענש שטאַרבען און פערשווינדען, ווי די בהמות פון פעלד און

די חיות פון וואלד? ווארום זאלען די היילינגע שטיינער זיך בעהעפטען מיט דער ערד?... איך האב בעטראכט דעם מענשען, ווי אזוי ער איז בעשאפען געווארען. אלץ איז אין איהם גוט א חוץ דער טויט".

נאריש איז די מענשליכע האפנונג. דער מענש ווארט אלץ אויף מארגען און אויף שפעטער, ווען בעסערע צייטען װעלען קומען. ער פערגעסט אז א פארשוואונדענער טאג איז א פערשטארבענער טאג, אז מיט יעדען טאג ווערט ער נעהענ־טער צום טויט. עס קומט אוים, אז ווארטענדיג אויף דעם מארגען ווארט ער אייגענטליך אויף דעם טויט:

„ווי קען ער געלוסטען, אז עס זאל אריבער די נאכט, ווען אין דער נאכט ווערט ער פערלארען? ווי קען ער ער־ווארטען דעם אבענד, ווען אין איהם ווערט ער פערטרי־קענט און פערשניטען? ווי קען ער זיך יאגען נאך א פלי־הענדען שאטען, ווען צוזאמען מיט דעם שאטען פער־פליהט אויך זיין לעבען?

און אט די דאזיגע מורא פאר דעם טויט, דער שרעק פאר דעם ניט זיין, אט דער גרויסער וועלט־שמערץ, טרייבט איהם צום געדאנק פון אונשטערבליכקייט. ער קומט צום זעלבען אלטען, אלטען תירוץ וואס כמעט אלע רעליגיאנען און פילא־זאפישע סיסטעמען האבען אויף אזא אדער אן אנדער אופן געגעבען די זוכענדע, פארשענדע, בלאנדזשענדע מענשהייט, וועלכע האט אימער געזוכט א שכל און א תכלית אין דעם גרויסען סוד פון אונזער לעבען, וועלכער איז אפשר אין גאנ־צען גאר קיין סוד ניט....

„און א קוואל פון לעבען האט אונז די נאטור גע־שאנקען, דורך דער חכמה פון דעם בורא, וואס אונזערע נשמות בלייבען לעבען. דערמיט קענען מיר זיך טרייס־טען פון די צרות פון דער וועלט און פון דעם צער פון ויט, וואס ביזטו, מענש, טרויעריג, ווען אנשטאט די נארישע וועלט בלייבסטו אונשטערבליך אין דער קעניג־ליכער הויז?"

דער תירוץ איז דא, און אלץ איז שוין רעכט. די וועלט איז ניט מעהר ווי א פרוזדור, ווי א פארהויז. דער עיקר איז „יענע וועלט", צו וועלכע דער מענש דארף זיך צוגרייטען מיט זיינע גוטע מעשים און מיט זיין גוטער אויפפיהרונג. דער פאעט ידעיה הפניני ווערט מיט אמאל א פשוט'ער מוסר־זאגער...

און קען מען דען איהם פערדענקען? קען מען דען האבען צו איהם טענות? האט דען ווער־עס־איז ווען־עס־איז געפונען אן אנדערען, א בעסערען אדער א אמת'ערען תירוץ? קען דען זיין א תירוץ אויף א קשיא, וואס איז אייגענטליך גאר קיין קשיא ניט? מיר, מענשען, אין אונזער שוואכקייט און אין אונזער הילפלאזיגקייט און אוים רחמנות צו זיך אליין, האבען זיי אויסגעטראכט א קשיא.

VIII.

ק ל ו נ י מ ו ס ב ן ק ל ו נ י מ ו ס — א אידישער סאטיריקער פון פיערצעהנטען יאהרהונדערט. די אידישע לאגע אין פראנקרייך. די „גזרה פון די פאסטוכער" און די „גזרה פון די קרעציגע". זיין הויפּט־ווערק „אבן בוחן", וואו דער ערנסט און דער שפּאס געהען האנד ביי האנד. זיין בייסענדע סאטירע וועגען זיינע צייט־גענאסען.

ק ל ו נ י מ ו ס (קאלאנימוס) ב ן ק ל ו נ י מ ו ס איז געוועזן אַ עטוואס אינגערער צייט גענאָסע פון י ד ע י ה ה פ נ י נ י. ווי דער לעצטער אזוי איז ער אויך געוועזן א געבירטיגער פון ד ר ו ם פ ר א נ ק ר י י ך. ער איז געבאָרען געווארען אין א ר ל, בערך אין יאָהר 1286, און איז געשטאָרבען אין צווייטען פערטעל פון פיערצעהנטען יאָהרהונדערט.

זיין פאָטער, וועלכער איז געוועזן אַ רייכער מאַן, אַ גרויסער יחסן און האָט געטראָגען דעם טיטול „נשיא", האָט איהם געגעבען א גוטע ערציהונג. א חוץ תלמוד און דיא אַנדערע אידישע למודים האָט ער אויך געשטודירט פילאָזאָפיע, מעדיצין און דיא אַנדערע וויססענשאַפטען.

זיין ליטעראַרישע אַרבייט האָט ער אָנגעפאַנגען, ווען ער איז נאָך געוועזן אַ יונגער מאַן פון צוואַנציג יאָהר. דיא ערשטע צייט האָט ער זיך בלויז אָפּגעגעבען מיט איבערזעטצונגען. ער האָט איבערזעצט א גאַנצע רייהע פון ביכער איבער מעדיצין, אַסטראָנאָמיע, מאַטהעמאַטיק, פיזיק און פילאָזאָפיע. דאָס רוב פון דיא דאָזיגע איבערזעטצונגען געפינען זיך נאָך אין מאַנוסקריפּטען אין דיא פערשיעדענע

גרויסע אייראפעאישע ביבליאטעקען. בלויז איינע פון זיי האט זוכה געווען געדרוקט צו ווערען אזוי שנעלל וויא עס האבען זיך געפונען אידישע דרוקען. דאס איז זיין „אגרת בעלי חיים“, וועלכע איז צום ערשטען געדרוקט געווארען אין יאהר 1557, אין מ א נ ט ו א. א פערקירצטע און א שלעכטע אי־בערזעטצונג דערפון איז אויך געמאכט געווארען אין אידיש פון א י י ז י ק מ א י ר ד י ק. דער „אגרת בעלי חיים“ שטעלט פאר א ויכוח צווישען דיא חיות און מענשען. דיא חיות בעקלאגען זיך אויף דעם מענשען, פאר וואס ער בע־האנדעלט זיי אזוי שלעכט. דער מענש פרובירט זיך פער־ענטפערען און זוכט צו בעווייזען, אז ער האט א רעכט אויף דעם, אבער דיא מענשליכע תירוצים זיינען דארטען גאנץ שוואכע. דער „אגרת בעלי חיים“ איז אריגינעל געשריבען געווארען אין אראביש און איז א טהייל פון דער ענציקלא־פעדיע פון די „לויטערע ברידער“. א חוץ זיינע איבערזעצונ־גען פון אראביש אין העברייאיש, האט ער געמאכט איבער־זעטצונגען אויך פון אראביש אין לאטייניש.

זיין רעפוטאציע אלס געלעהרטער און איבערזעטצער, און וואהרשיינליך אויך זיין הויכע שטעלונג אין דער געזעל־שאפט, האט איהם געבראכט אין נאהענטע בעציהונגען מיט דעם קעניג ר א ב ע ר ט, וועלכער האט איהם געגעבען רע־קאמענדאציאנען קיין ר ו י ם, וואו ער האט זיך בעזעצט.

וויא לאנג ער האט זיך אויפגעהאלטען אין רוים איז ניט זיכער, אבער ער איז דארטען יעדענפאלס געווען לאנג גענוג אום צו ווערען בעאיינפלוסט פון דער דארטיגער אטמאס־פערע, וועלכע איז געווען וויא דורכגעדרונגען מיט סאטירע און בייסענדען הומאר. אין דעם לאנד פון ב א ק א ט ש י א און ד א נ ט ע האבען שוין דאן אנגעפאנגען צו בלאזען פרישע ווינטען, אנזאגער פון דער נייער צייט, וועלכע האבען ענדליך פערטריבען די מיטעל־אלטערליכע כמארעס. דער דאזיגער גייסט פון שפאט און וויץ האט אויך דורכגעבראכען דיא דיקע מויערען פון דער גהעטא. דער גרעסטער אידיש־

איטאַליענישער פּאָעט פון יענער צייט. „דער אידישער דאַנטע“ וויא ער ווערט פון מאַנכע אַנגערופען, ר׳ עמנואל הרומי, וועלכער האט זיך ערלויבט צו לאַכען און צו שפּאָטען פון אַללעם און אַלץ. האָט דאַמאַלס זיך אויפגעהאַלטען אין רוים. מיט איהם האָט זיך קלונימוס בן קלונימוס בעקענט און בעפריינדעט און פון איהם איז ער אַהן צווייפעל בעאיינפלוסט געוואָרען.

א רייהע פון אונגליקען, איינער גרעסער פאַר דעם אַנדערען, האט געטראָפען דיא אידען פון פראַנקרייך אין יענער צייט. אין דעם יאָהר 1306 האָט דער פראַנצויזישער קעניג „לואי דער שעהנער“ ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז אַללע אידען זאָלען פערלאָזען פראַנקרייך. דיא גזרה איז דורכגעפיהרט געוואָרען דעם 22טען יולי (אויף מאָרגען נאָך תשעה באב). דאַס אידישע פערמעגען איז קאָנפיסקירט געוואָרען, וואָס דאָס איז אייגענטליך געווען דיא הויפּט־אורזאַכע פון דעם גירוש: דער פּעראַרעמטער קעניג האָט געזוכט אַנצופיללען זיינע אוצרות מיט דעם אידישען רייכטהום. אין ניין יאָהר אַרום האָט זיין זוהן, לואי דער צעהנטער, צוריק איינגעלאַדען דיא אידען אין פראַנקרייך. ער האָט איינגעזעהען, אז כאָטש דער איד איז טריף איז אבער זיין גראָשען כשר, און אז זיין פאָטער האט מיט דעם ארויסטרייבען פון דיא אידען מיט זיינע איינענע הענד גע׳הרג׳עט דיא הוהן וואָס לייגט דיא גאָלדענע אייער. דיא אידען האָבען זיך פון אַנפאַנג נערונגען, אבער דער קעניג האָט זיי נאָכגעגעבען אַללע זייערע בעדינגונגען. דיא אידען זיינען צוריק אריינגעלאָזען געוואָרען אין פראַנקרייך אויף דער צייט פון צוועלף יאָהר. דערביי איז סטיפּולירט געוואָרען, אז אויב דער קעניג בעשליסט זיי ווידער ארויסצוטרייבען נאָכדעם וויא דיא צוועלף יאָהר וועלען זיך ענדיגען, מוז ער זיי וואָרנען מיט א יאָהר פריהער.

די אידען האָבען זיך קוים צוריק בעזעצט אין פראַנקרייך, זיי האָבען נאָך ניט אויסגעייעט צו אנוואָרעמען זייערע פיסס, וויא עס איז געקומען דיא „גזרה פון דיא פּאַסטוכער“

(1320). א יונגער פאנאטישער גלח האט דערצעהלט, אז א טויב האט זיך איינמאל געזעצט אויף זיין קאפ און א צווייטען מאל אויף זיין פלייצע, וועלכע איז באלד פערוואנדעלט געווארען אין א וואונדער־שעהנע יונג־פרוי. די דאזיגע יונג־פרוי האט איהם געהייסען אנזאמלען א גרויסע ארמעע און ווידער מאכען א הייליגען קרייץ־צוג צו בעפרייען ירושלים פון דיא „אונגלויביגע". עס האבען זיך ארום איהם צוזאמענגעקליבען ביז פיערציג טויזענד פאסטוכער, וועלכע האבען קדם כל אויסגעשאכטען הונדערטער און טויזענדער אידען. פערניכטענדיג קרוב פון הונדערט און צוואנציג אידישע קהלות.

א יאהר שפעטער איז פארגעקומען דיא „גזרה פון דיא קרעטציגע". דיא אונגליקליכע קרעטציגע, וועלכע פלעגען אין מיטעל־אלטער ווערען בעהאנדע'ט נאך ערגער וויא זיי ווערען בעהאנדעלט איצטער, האבען אויס ראכע פערגיפטעט דיא ברינימער. און ווען מען האט איינעם פון די קרעטציגע גענומען אויפ'ן „פערהער", וואס האט דאמאלס געמיינט דיא שרעקליכסטע מאטערניסען און יסורים, האט ער ארויפגעווארפען דעם בלבול אויף דיא אידען. דיא אידען האבען זיי דאס אנגעלעהרענט צו טאהן. עס פערשטעהט זיך, אז מען האט דיא בעשולדיגונג גלייך אויפגעכאפט און אהן שום וויי־טערע טענות האט מען די אידען געפונען שולדיג. מען האט שוין אויסגעטראכט אללערליי טעאריען און ערקלעהרונגען. ווארום די אידען האבען עס געטאן. פינף טויזענד אידען זיינען פערברענט געווארען אין יענע „גזרת המצורעים". פיעלע האט מען ארויסגעטריבען און אויף דיא איבערגעבליבענע אידישע קהלות האט מען ארויפגעלייגט שווערע געלד־בע־שטראפונגען.

עס פערשטעהט זיך, אז אין אזעלכע שרעקליכע צייטען האט זיך דיא אידען פון פראנקרייך ניט געקענט לאכען. אויב דער אידישער געלעכטער איז אללע מאל געמישט מיט א טרעהר, איז ער דאמאלס בודאי געוועזן אזוי. דיא דאזיגע שווערע צייטען האבען אוועקגעלייגט זייער שטעמפעל אויף

דער דאַמאָלסדיגער אידיש - פראנצויזישער ליטעראַטור. ניט בלויז לאָזען זיך יענע אונגליקען פיהלען אין דעם טיעף ערנסטען „בחינת עולם" פון בדרשי, וועלכער בעטראַכט דיא וועלט פאַר א יאַמער־טהאָל און דעם לעבען פאַר אַן אַפּ־קומעניס און אַן אונגליק, נאַר אפילו אין דעם אַפּלאַכענדען „אבן־בחן" (פּרוביר שטיין) פון קלונימוס בן קלונימוס געפינט מען אויף דעם זעלבען טיעפען טרויער און שמערץ. ביי איהם געהט דער קרעבץ און דער געלעכטער, דער שפּאַס און דער ערנסט האַנד ביי האַנד. זיין שפּאַס איז א בייזער און א גיפטיגער, און זיין געלעכטער איז ווי פון איי־נעם וואָס ווערט געפיהרט צו דער תליה.

ווי בדרשי קלאָגט אויף קלונימוס בן־קלונימוס אויף דער נישטיגקייט פון דעם לעבען און דעם צער פון טויט. וואס טויג דער לעבען, ווען ער ענדיגט זיך מיט'ן טוידט ? וואָס טויג דעם מענשענס גרויסקייט און עשירות, ווען ער דאַרף פוילען אין דער ערד ? „די וואָס האָבען געשלאָפען אויף בעטען פון עלעפאַנט־ביין, האָבען די ערד אלס זייער בעט; די וואס האָבען די בעסטע שפּייזען געגעסען, זיינען אליין שפּייז פאַר דיא ווערים; די רייך גע־קליידעטע קריגען א בגד פון ווערים. די ליפּען וואָס האָבען פון זיך פּערל געשאָטען, דאַרפען קושען די ערד; די בע־ריהמטעסטע מענשען ווערען שטויב".

„צו האָסטו פארגעסען, דוא אַרעמער מענש, דעם בי־טערען טאָג, ווען דיינע בעסטע פריינד נעהמען דיר אַרונטער פון דיין בעט, לייגען דיר אַוועק אויף דער ערד און טהוען דיר אריין אין א ענגען ארון ? דיינע הענד זיינען ניט געבונדען. דיינע פּיס זיינען ניט געקייטעט, אָבער דו בלייבסט דאָך בע־וועגלאָז.... און ווען זיי קעהרען זיך צוריק פון בית עולם, פאַנגט זיך אָן א רייסעריי וועגען דעם רויב. יעדער וויל אַלץ פאַר זיך. „דעם טאָג פון דיין טוידט האָבען זיי ביטערליך גע־שריען, און אויף מאָרגען פרעהען זיי זיך מיט זייער רויב. פון דרויסען טראָגען זיי שוואַרצען טרויער און פון אינווענינג ווייסען וואָל. זיי האָבען געוויינט איידער דוא ביזט גע־

שטאַרבען, ווייל דוא ביזט צו שפּעט געשטאַרבען; נאָך דיין מוידט זיינען זיי פריילעך, ווייל דוא האָסט זיי א רייכע ירושה געלאָזען. זיי לייגען אוועק א גרויסען שטיין אויף דיין קבר, כדי דו זאָלסט שוין קיינמאָל ניט קענען צוריק ארויס־קריכען פון דאָרטען און אויפמאַהנען דיינע עשירות".

„הערט זיך צו, מיינע פריינד, די עצה איז גוט פאַר מיר און פאר אייך. איך בין צו איהר געקומען דורך לאנגער ער־פאהרונג. אנטלויפט פון דער וועלט. וואו איינער זוכט דעם אנדערען איינצושלינגען; מיידט אוים דיא מענשען, וועלכע זיינען אלע פאלש און ליגנעריש... אנטלויפט פון די מענשען. ווי מען אנטלויפט פון א שלאַנגען־נעסט, וויא פון א לייב אין וואלד. עס איז שוין בעסער זיך צו פערלאָזען אויף ווילדע חיות ווי אויף דעם מענשען. מיט גוטסקייט קען מען געווינען דיא ליעבע פון די חיות. איך האב געזעהען לייבען געפיהרט פון קינדער, אויך טיגערען, בערען און גיפטיגע שלאנגען. דיא מענשען זיינען ערגער, זיי זיינען פערפלוכט, מען קען זיך אויף זיי ניט פערלאָזען. וואָס מעהר גוטס איהר וועט זיי טהאָן, אלץ מעהר שלעכטס וועלען זיי אייך בעצאָהלען".

אָהן רחמנות רייסט קלונימוס בן קלונימוס ארונטער זיינע צייט־גענאָסען. זיי זיינען אלע שלעכט, ליגנער און בעריהמער. די רייכע האָבען שטיינערנע הערצער און בערויבען דיא אָרימע. זיי ווייסען ניט פון רחמנות און זיי ווייסען ניט פון יושר. מעג איינער זיין גראָב און אונוויסענד, קוים בעזיצט ער אָבער דיא בייטעל געלד, ערלויבט ער זיך חוצפה'דיג צו זאָגען דעות וועגען אלץ.

ער מאכט חוזק פון דיא יחסנים מיט זייערע לאנגע יחוס־בריעף, וועלכע האלטען זיך שטענדיג אין איין בעריה־מען מיט זייערע גרויסע עלטערען. „עס זיינען דאָ אזעלכע, וואָס שטאַמען פון דיא פרויען וואָס זיינען געפייניגט געוואָ־ביי דער בעלאגערונג פון ירושלים, און האלטען זיך פאר אָב־שטאָמונגען פון קעניגליכע הייזער. איינער שטאמט פון עמלק, און בעריהמט זיך אז זיין פאָטער איז דער נביא גד און זיין מוטער מרים דיא נביאה"....

„און מאנכער בעריהמט זיך מיט זיין פרומקייט און גאטספארכטינקייט, ווי ער טהוט קיינעם ניט בעשווינדלען, קיינעם ניט בערויבען און קיינעמ'ס ניט פערלאנגען. גלויבט איהם ניט, ער איז א צבועק, ער וועט פון א נאקעטען די קליי־דער אויסטהאָן.... ער לייגט תפילין, אָבער אונטער די תפילין איז א פארך; ער טראָגט ציצית, אָבער אין זיינע קליידער גע־פינט זיך דאָס בלוט פון אונשולדיגע ארעמע לייט; ער קלאפּט אן מזוזות אויף זיין טהיר, און ביי זיין טהיר ליעגט די זינד. איינער געהט מיט דעם קאָפּ ארונטער, די אויגען אויף דער ערד, דעם רוקען אויסגעבויגען און זיעבען אונרייניגקייטען ליגען אין זיין הארצען".

„און איינער בעריהמט זיך מיט זיין דאָקטאָריע. ער דער־צעהלט וועגען זיך וואונדער. אַלע סודות זיינען פאר איהם אָפען, ער ווייס אלע ביכער פון ה י פּ א ק ר א ט ו ס און ג א ל ל ע ן און די ביכער פון אַלע אַנדערע חכמים און גע־לעהרטע. ער קען פשוט מחיה מתים זיין, פון טויט לעבעדיג מאַכען. און דער גרויסער נארישער עולם, זעהענדיג דעם גרא־בען רינג אויפ'ן פינגער און דעם מאַנטעל פון פורפור־וואָל אויף זיינע פּלייצעס מיינט טאקע, אז ער איז א גרויסער דאָק־טאָר.... און איצטער הערט זיך צו, מענשען, וויא אזוי ער איז זיך נוהג מיט זיינע פאציענטען: ער קומט צום חולה, גיט בלויז א קוק אויף איהם און געפינט באלד אויס, אז ער איז א מסוכן :

„עס וואקסט איהם עפּעס אויף זיינע געהירען", זאָגט ער. „איהר פרעגט פון וואנען איך ווייס, ניש־קשה, איך דער־קען עס אן דעם דופּק און קוקענדיג אויף זיין „השתנה". אזעל־בע פעללע זיינען ביי מיר קיין נייעס ניט; מיר זיינען דיא סימפּטאָמען גוט בעקאַנט. זייט מוחל, דערלאנגט א פופציגער, דאָס איז מיין פּרייז. וואָס דען, אומזיסט וועל איך היילען?"

און ווען דער דאָקטאָר קריגט בעצאָהלט נעהמט ער זיך צו פערשרייבען זיינע רעצעפּטען. ער רופט אריין דעם אפּטיי־קער און דיקטירט איהם : נעהם אביסעל טריף־וואקס און עטליכע נעגעלעך, צוריב זיי גוט און לייג צו דעם צו ווילדען־

גראז און דערנער, א פערברענטע „ערלה״ און ביטערע ווארצלען, בלעטער פון אן אוילבערט בוים און דאס בלוט פון א גארטען־פייגעלע, קאלטע שאלעכץ און מילך פון אן עזעלין, דיא בליהונג פון א רויז און די שטויב פון לשון הרע, מיש עס אויס און זיפ אלץ דורך. דאס איז אן אויסגעצייכעטע רפואה, מיינע אן אייגענע ערפינדונג״.

דער דאקטאר בענוגענט זיך ניט מיט איין רעצעפט. ער שרייבט אן גאנצע דריי. א צווייטער רעצעפט בעשטעהט פון מאך, א שוך־בענדעל, דער צאהן פון א פוקס, דיא זאפט פון א פעלז, די נעגעל פון א מיגער, דעם שפיץ פון א זאנג און די מילך פון א הוהן. פאר דעם, וואס איז בעקאנט מיט דער געשיכטע פון דער מעדיצין און וויים וואס פאר א מינים רעצעפטען מען פלעגט דאמאלסט פערשרייבען, איז די לצנות פון קלונימוס בן קלונימוס בשום אופן ניט איבערגעטריעבען.

די קרובים פון דעם חולה טהוען זייער בעסטעס דעם קראנקען צו רעטען, אבער אין מיטען נאכט שטארבט ער. „וואס קימערט עס דעם דאקטאר? ער רייסט ניט קיין קריעה, ער זיצט ניט קיין שבעה, ער וויים ניט פון שלושים. ער האט זיין געלד, און וואס נאך דארף ער? און דער דאזיגער רויבער טהוט נאך ערגער, ער קומט צולויפען צו דיא קרובים און מאכט געוואלדען: „איהר האט איהם געטויטעט, ווייל איהר האט ניט געפאלגט מיינע ווערטער״. ווען איהר לייענט קלונימוס בן קלונימוס׳עס בעשרייבונג פון דעם דאקטאר, מיינט איהר, אז איהר האט צו טהאן מיט א דאקטאר פון צוואנציגסטען און ניט פון פיערצעהנטען יאהרהונדערט.... אפנים, מענשען בייטען זיך ווייניג.

ניט ווייניגער סארקאסטיש איז ער, ווען ער רעדט וועגען דיא פאעטען, וועלכע געהען ארום מיט פעררוסענע נעזער, ווייל זיי איז געלונגען צו מאכען א שעהנעם פערז אדער א פאסענדען גראם. זיי מיינען, אז עטוואס אזעלכעס איז נאך קיינמאל ניט געוועזן. פילאזאפען, געלעהרטע, תלמודיסטען, וואס פאר א ווערטה האבען זיי לגבי איהם, דעם גראמען־

פלעכטער, און זיין גראם ? און אז ער קלייבט זיך אָן א העפ־טעלע פון די דאָזיגע פוסטע מליצות, ווערען אלע אידישע חכמים אין זיינע אויגען ווי דיא שאָלעכץ פון קנאבעל. ער טראָגט זיך ארום מיט צעטעלעך פערשריעבען מיט שעהנע מליצות, — ער דערצעהלט ניט וויפיעל בוים־אייל האט ער אין דיא נעכט פערברויכט זיי ארומצופוטצען, — טראָגט די פערשריעבענע צעטעלעך מיט זיך אין די גאסען און לייענט זיי פאר אלעמען פאר. „הערט זיך צו, הערט זיך צו", רופט ער אלע ווײלע צו זיינע צוהערער; „הערט ווי שעהן דאָס איז, וויא גרוים דאָס איז, וויא טיעף דאָס איז. וואָס, ניין ? וויא קומט איהר צו פערשטעהן אזעלכעס. ווי קומט איהר צו בע־גרייפען אזעלכע טיעפע ענינים ?" א מענש אָהן חכמה און אָהן א מלאכה. ער האָט זיך אראָפּגעלאָזען אין די טיעפע וואַ־סערען און ארויסגעשלעפּט א שטיקעל שערבעל.

ק ל ו נ י מ ו ס בן ק ל ו נ י מ ו ס שאָנעוועט קיי־נעם ניט. ער לאכט אָפּ פון די לומדים און די רבנים, וועלכע זוכען זיך בלויז אויסצופיינען מיט זייער לומדות און מאכען דערפון א קוואל פון פרנסה. זיי ווייסען די תורה, אָבער זיי היטען איהר ניט. אז איינער זאָגט כשר, מאכט דער אנדערער טריפה; אז איינער זאָגט מותר, זאָגט דער אַנדערער אסור. „און זיי פערמעהרען דיא מחלוקות צווישען אידען, ביז וואנען דיא תורה ווערט וויא צוויי". ער לאכט אָפּ פון די מדקדקים מיט זייער „דקדוק"; פון די אסטראלאגען און שטערנזעהער מיט זייערע פאלשע נבואות; פון די געלעהרטע און פילאָ־זאָפען, וועלכע מיינען אז זיי ווייסען שוין אלץ.

ער ערלויבט זיך אפילו צו ריידען סארקאסטיש וועגען דער תורה. ער בעדויערט זיין שיקזאל, וואָס ער איז געבאָרען געוואָרען א מאנסביל און מוז טראָגען אויף זיך א לאסט פון דיא תרי"ג מצוות, אזעלכע שווערע מצוות. ער וואָלט בעסער געוואָלט זיין א פרוי. וואס וואָלט איהם דאן געפעהלט ? ער וואָלט בלויז געדארפט אָבהיטען דריי קליינע מצוות און פערשפּאָרען זיך צו פּלאגען מיט'ן לערנען די תורה, דעם תלמוד, די פוסקים און נאך די וויסענשאפטען דערצו. ער וואָלט גע־

ווען א באלעבאסטע אין הויז, געפלוידערט נארישקייטען, דערצעהלט זיך מעשיות און בערעדט איינע דיא אנדערע. וואָל וואָלט איהם געפעהלט: זיין קלייד, זיין שפייז און אויך זיין „עונה“ וואָלט ער געקראָגען....

„פאַטער אין הימעל, וואָס דוא האָסט געטהאָן ניסים צו אונזערע עלטערען אין וואסער און אין פייער, וואס האט געמאכט אז אברהם׳ס קאלך־אויוען זאָל ניט ברענען, וואָס האָט אין איהר מוטער׳ס בויך געמאַכט, אז דינה זאָל פון א זכר א נקבה ווערען*), וואָס האָט דעם שטעקען צום שלאַנג געמאכט און דיא ריינע האנד איז קרעציג געוואָרען, וואָס האָט אויסגעטריקענט דעם ים און צושפּאַלטען דעם ירדן, וואָס האָט פון פעלז א וואסער־קוואַל געמאַכט, איך בעט דיר: מאַך מיר פון א זכר א נקבה... אָבער וואָס זאָל איך טהאָן, איך בין געבאָרען געוואָרען מיט א מום, וועלכער מוז שוין ביי מיר בלייבען“....

אינטערעסאַנט איז זיין בעשרייבונג פון דיא אידישע ימים־טובים, וויא אזוי זיי פּלעגען דאַמאָלסט געפייערט ווערען. ער בעשרייבט חנוכה מיט די לאַטקעס, וואָס מען פלעגט דאמאָלסט וויא איצטער באַקען. ער בעשרייבט פּורים מיט דיא פּורים־שפּיעלער און דיא מצוה פון שכור׳ען **). ער בעשרייבט שבועות מיט דיא מילכיגע געריכטען און די אלערליי געבעקסען. דיא מנהגים זיינען דאמאָלסט געווען דיא זעלבע וואָס איצטער. ווענען ראש השנה דערצעהלט ער, אז די לצים בעגריסען זיך אויף אזא אַרט: „צום נייען יאָהר מיט נייע פּליגען“, און דער אַנדערער ענטפערט: „צום נייען יאָהר מיט נייע פּליי“.

* * *

דיא שפּראַך פון דעם „אבן־בוחן“ איז ניט אזוי שעהן, ניט אזוי רייך און ניט אזוי ביבליש ריין ווי די שפּראַך פון

*) אזא תלמודישע לעגענדע.

**) ווענען פּורים האט ער אויך אַנגעשריבען א בעזונדערע „מסכת פּורים“, געשריעבען אין דעם סטיל פון דעם תלמוד, וועלכע איז פון די בעסטע פּאַראָדיען אין דער גאַנצער העברעאישער ליטעראַטור.

דעם „פּניני“. ער האָט ליעב אריינצוברייננגען תּלמודישע אויסדריקע און תּלמודישע שפּריך־ווערטלעך, וואָס האָבען אָפּט צווייזייטיגע בעדייטונגען. ער מאַכט פיעל געברויך פון ווארט־שפּיעל, פון דונקעלע אָנצוהערעניסען, פון ריידען אויפ'ן האונק, אזוי אז עס איז כמעט אונמעגליך איהם ווערטערליך צו איבערזעצען. אין זיין וויטץ און אין זיין הומאָר, זעהר אָפּט א בייזער און א גיפטיגער, האָט ער צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער מיטעל־אלטערליכער העברעאישער ליטעראטור.

IX.

די אידישע פילאזאפען פון דרום פראנקרייך. ר' יוסף אבן כספי. ר' משה נרבוני. דער „שווארצער טויט" און די לאגע פון די אידען אין דרום פראנקרייך און שפאניען. דער פאבסט קלעמענט דער זעקסטער. די משומדים־עפידעמיע. דער משומד אבנר פון בורגאס. זיין „אגרת הגזרה" און ר' משה נרבוני'ס ענטפער „מאמר בבחירה".

די אלע מורא'דיגע צרות און די שוידערליכע רדיפות און גירושים וואס די אידען פון פראנקרייך האבען געהאט אויסצושטעהן האבען נאך ניט בעוויזען איין גאנצען צו אונטערדריקען און פערניכטען דעם גייסט פון פארשען און דעם דורשט נאך וויסען ביי די אידען. פונקט אזוי וועניג, אויב ניט נאך וועניגער, האבען געהאלפען די פערפאלגונגען פון איניגע. דער חרם וואס דער רשב"א און די איבריגע קנאים האבען ארויפגעלעגט אויף אלע די יעניגע וואס וועלען זיך אפגעבען מיט דער פילאזאפיע און די וויסענשאפטען האט ניט געבראכט די רעזולטאטען, וואס זיי האבען ערווארטעט. די אידישע יוגענד האט זיך ניט געלאזט איינשרעקען. אין די עטליכע צעהנדליג יאהר, צווישען די ענדע פון דרייצעהנטען ביז'ן מיטען פון פיערצעהנטען יאהרהונדערט, האבען די אידען פון דרום פראנקרייך ארויסגעגעבען פון זיך א גאנצע רייהע פון גלענצענדע געלעהרטע, פילאזאפען און ביבעלערקלעהרער, וואס קענען זיך גאנץ גוט פערגלייכען מיט די אידישע געלעהרטע און פילאזאפען פון דער „גאלדענער שפאנישער עפאכע.

יוסף בן אבא מרי אבן כספּי (קאספּי) איז געבאָרען געוואָרען אין ל'ארזשענטיע אין לעצטען פערטעל פון דרייצעהנטען יאהרהונדערט און איז געשטאָרבען אין טאראסקאָן אין יאהר 1340. פון זיין לעבען איז אונז ווענינ בעקאַנט. ער איז געווען איינער פון די וואָס האָבען געליטען פון דער „גזרה פון די פּאסטוכער". ער איז געצוואונגען גע־וואָרען צו פערלאָזען זיין געבורטס־שטאָדט, און האָט אַ לאַנגע צייט געפיהרט דעם לעבען פון אַ וואַנדערער.

כספּי איז ניט געווען קיין גרויסער תלמודיסט, אזוי דערצעהלט ער אליין אין זיין צואה צו זיין זוהן, און דאָס איז וואהרשיינליך די אורזאַכע, ווארום ער איז געבליבען כמעט אונבעקאַנט, כאָטש ער איז געווען איינער פון די גרויסטבאַרסטע שרייבערס פון זיין צייט. דער שטודיום פון תלמוד און פּוסקים איז געווען אבסאָלוט נויטיג פאַר אַ אידי־שען געלעהרטען, אום ער זאָל קענען ווערען אנערקענט און קריגען אַ נאַציאָנאַלע רעפּוטאַציע. די תורה האָט פערנומען דעם ערשטען פּלאַץ; נאָכהער ערשט איז געקומען די חכמה. דער רמב"ם אליין וואָלט ניט געהאַט אַזאַ בעדייטונג און וואָלט פיליכט אין גאַנצען פערגעסען געוואָרען, ווען ער זאָל ניט געווען זיין אַזאַ גרויסער תלמודיסט.

כספּי האָט אָנגעשריבען אריבער דרייסיג ספרים, די מעהרסטע פון וועלכע זיינען נאָך ניט געדרוקט געוואָרען און געפינען זיך אין מאַנוסקריפּטען אין די פערשיעדענע בי־בליאָטהעקען. ער האָט געשריבען איבער גראַמאַטיק, ביבעל־ערקלעהרונג, פילאָזאָפיע און עטהיק. ער איז געווען אַ שטאַר־קער אנהענגער פון רמב"ם און האָט געשריבען אַ פּירוש אויף דעם „מורה נבוכים". אבער ער איז שוין געקומען אונטער דעם איינפלוס פון דעם גרויסען אראבישען פילאָזאָף אבן רשד (אווערראָעס), וועלכער איז דאַמאָלס געווען דער אנערקענטסטער אריסטאָטעליאַנער אין דער אלגעמיינער פי־לאָזאָפישער וועלט, ביי די אידען פּונקט אזוי גוט ווי ביי די קריסטען און די מאַהאָמעדאַנער. כספּי ערלויבט זיך אין געוויסע פּונקטען צו געהן ווייטער ווי דער רמב"ם, און

אין זיין פירוש אויף דעם „מורה נבוכים“ גיט ער אנצוהערע־נים, אז די וועלט איז מעגליך אז אויביגע. דערפאר האט ער געגען זיך ארויסגערופען די אונצופריעדענהייט אפילו פון אזעלכע מענשען ווי קלונימוס בן קלונימוס, שמעון דוראן און יצחק אברבנל.

ווי ביי אלע עכטע אריסטאטעליאנער פארנעהמט ביי איהם דער שכל דעם מיטעל־פונקט; דער שכל, די דיינקונגס־קראפט, איז דער העכסטער ריכטער און דער אליין־הערשער. ער איז דער מקור פון אונזער גאנצער ערקענטניס. דער גאנ־צער יוניווערזום איז א שכל׳דיגע ערשיינונג אדער געשעהע־ניס, ווייל גאט אליין איז דער ריינסטער, טהעטיגסטער שכל. דער אמת איז נאר דאס, וואס דער שכל געפינט פאר אמת. דער שכל אנאליזירט די ערשיינונגען און די איינדריקע פון דער אויסערער וועלט און קלייבט אויס דאס אמת׳ע פון דעם שיינבארען. ווען דער מענש פערטיעפט זיך מיט דעם „שכל העיוני“, מיט זיין ריינער דיינקונגס־קראפט, „ברענגט ער אריין גאט אין זיין קאפ“, ווייל „דער שכל איז גאט און גאט איז דער שכל“.

די וויכטיגסטע יסודות אדער עיקרים פון דעם יודענטהום זיינען פיער: 1) אז עס איז דא א גאט; 2) אז ער איז איינער; 3) אז מען דארף איהם ליעבען און 4) מורא האבען פאר איהם. דאס מיינט אבער ניט, אז מען דארף די אנדערע מצוות ניט אפהיטען. ווען איינער וויים די אלע פילאזאפישע און מאראלע טעמים און כונות פון די מצוות איז אודאי גוט, אבער עס איז רעכט אהן דעם אויך, דער עיקר איז זיי אפצוהיטען. ווען עס האנדעלט זיך וועגען די פראקטישע געבאטע און פערבאטע זאגט די תורה „ועשית“, דו זאלסט טהאן, ווייל דער עיקר איז דער טהאן און ניט דער פארוואס און פארוועז. דער טהאן אליין האט אן ערציהערישע בעדייטונג. עס עדעלט אויס דעם מענ־שען און פלאנצט איין איהם איין גוטע מדות. בלויז ווען עס האנדעלט זיך וועגען בעגרייפען די גאטהייט שטעהט גע־שריבען „וידעת“, און דו זאלסט וויסען. גאט׳ס עקזיסטענץ,

הייסט עס, דאַרף בעוויזען ווערען על פּי שכל, דער מענש דאַרף עס פערשטעהן. וועהרענד בנוגע די מצוות איז גענוג, אז מען זאָל זיי טהאָן.

א צווייטער בעדייטענדער פילאזאף פון יענער צייט איז געוועזן ר׳ משה בר׳ יהושע נרבוני (נאַר־באָני). ער איז געבוירען געוואָרען אין פּערפּיניאַן ביים ענדע פון דרייצעהנטען יאהרהונדערט און איז געשטאָר־בען בערך 1362. ער האָט געשטודירט מעדיצין, פילאָזאָפיע און די וויסענשאַפטען. פון זיין לעבען איז אונז גאַנץ ווייניג בעקאַנט. פאַר א געוויסע צייט האָט ער זיך אויפגעהאַלטען אין סערווערא, שפּאַניען, וואו איהם איז אויסגעקו־מען דורכצולעבען איינעם פון יענע שוידערליכע פּאָגראָמען, אָרגיען פון רויב און מאָרד, וועלכע די קריסטליכע פעלקער פון אלע מעריב אייראפּעאישע לענדער האָבען געמאַכט געגען די שוואַכע און שוצלאָזע אידען. נרבוני איז געווען איי־נער פון די אַנטרוננענע, און ער האָט בלויז פערלאָרען זיין פערמעגען און זיינע ביכער.

די אורזאַכע פון די דאָזיגע אויסשלאַכטונגען און די וויל־דע בלוט־אָרגיען איז געווען דער שוואַרצער טויט, „דער בייטש פון דער מענשהייט". געקומען איז ער פון כינא, וואו ער איז געבוירען געוואָרען אין שמוץ און אין אָרימקייט, און ער האָט זיך פערברייט מיט דער שנעלקייט פון א בליץ. די מענשהייט איז ניט געווען פּאַרבערייטעט און האָט נאָך ניט געוואוסט פון קיינע סאַניטאַרע מאָסרעגעלען. קיינער האָט ניט געוואוסט די אורזאַכע פון דער דאָזיגער שרעקליכער קראַנקהייט; קיינער האָט ניט געוואוסט ווי איהר צו היילען, און קיינער האָט ניט געוואוסט ווי איהר אָבצוהאַלטען. פריי און אונגעשטערט האָט דער שרעקליכער טויט זיך פערשפּרייט פון שטאָדט צו שטאָדט און פון לאַנד צו לאַנד. גאַנצע שטעדט און גאַנצע פּראָווינצען זיינען פערניכטעט געוואָרען. פינף און צוואַנציג מיליאָן מענשען, א פיערטע טהייל פון דער דאַמאַלס־דיגער מענשהייט, זיינען אומגעקומען. א שרעקליכע מורא

און נאָך אַן ערגערע פערצווייפלונג איז בעפאַלען דער מענש־הייט. מענשען האָבען זיך פערלאָרען, און אין זייער פער־צווייפלונג. אין זייער כעס און אין זייער הילפלאָזיגקייט זייַ־נען זיי געווען פאַרטיג אַלץ צו גלויבען און אַלע שוידערליכ־קייטען צו בעגעהן.

די קרבנות פון דעם דאָזיגען מאַכטלאָזען גרימצאָרען, פון דער דאָזיגער אונבעהאָלפענער פערצווייפלונג זיינען, אין די קריסטליכע לענדער, געווען דיא אידען. אויך די מאַהאַמעדאַ־נער און די מאַנגאָלען האָבען געליטען פון דעם שווארצען טוידט ניט וועניגער ווי די קריסטען. אָבער זיי איז ניט איינ־געפאַלען צו בעשולדיגען אין דעם די אידען. גאַנץ אַנדערש איז עס געווען אין דיא קריסטליכע לענדער. יאָהר־הונדערטע לאַנג האָט דיא קירכע און איהרע גייסטליכע געהאַלטען אין איין העטצען און פריידיגען געגען די אידען. די אידען זיינען די מערדער פון דעם ערלייזער; די אידען זיינען פון גאָט אַליין פערשאָלטען; די אידען זיינען ערגער ווי אפיקורסים; די אי־דען זיינען שותפים מיט דעם שטן; זיי זיינען מכשפים; די אידען מאָרדען קריסטליכע קינדער און געברויכען זייער בלוט אין די מצות; די אידען פערשוועכען די „הייליגע ברויט". א כלל, די אידען זיינען די ערגסטע פון די ערגסטע, קינדער פון דעם טייפעל, וועמען עס איז א מצוה צו פערניכטען. די דאָזי־גע לעהרען האָבען געהאַט זייער ווירקונג, און ווען דער גרוי־סער אונגליק, דער שרעקליכער שווארצער טוידט, איז געקו־מען האָט מען אינסטיקטיוו גענומען זוכען די אורזאַכע דער־פון אין דעם אידען, וועלכער איז פון אימער דער קוואַל פון אַלע אונגליקען. דערצו האָט אויך געהאָלפען דער אומ־שטאַנד, וואָס די אידען האָבען געליטען וועניגער פון שוואר־צען טוידט ווי די קריסטליכע בעפעלקערונג. צו דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס די אידען האָבען דאַן געפיהרט א מע־סיגערען און א מאָראַליש־ריינערען לעבען; צו איז עס געווען דערפאַר, וואָס זיי זיינען בעסער געווען בעקאַנט מיט היגיע־נישע כללים און זייערע שפייזען זיינען געווען ריינערע, איינפאַכערע און געזינטערע; צו איז עס, ענדליך, גאָר נעקור־

מען דערפון, וואָס די אידען אַלס שטענדיגע שטאָדט־מענשען, זייענדיג געצוואונגען צוליעב זייער פּאָליטישער און עקאָנאָמי־שער לאַגע צו לעבען אין ענגשאַפט, האָבען ביסלעכווייז זיך ערוואָרבען אַ מין אימיוניטעט געגען די אַלע יענינע עפּידעמי־שע קראַנקהייטען, וואָס קומען ארויס און ענטוויקלען זיך אין ענגשאַפט און אין שמוץ, — צו איז דאָס, יענעס אָדער אפשר אַלע צוזאמען געווען די אורזאַכע, וואָס די אידען האָבען וועניגער געליטען פון שווארצען טוידט, קען מען ניט וויסען. דער פאַקט איז אָבער, אַז די שרעקליכע עפּידעמיע האָט געהאַט וועניגער שליטה אויף די אידען.

די אידען זיינען אַלזאָ די שולדיגע. זיי האָבען פערגיפ־טעט די טייכען, די קוואַלען, די ברינימער, אפילו די לופט. זיי האָבען עס געטהאָן כדי ראכע צו נעהמען פון די קריסטען. דאָס איז אַ קאָנספּיראַציע פון די אידען צו פערניכטען די קריסטען פון אַלע לענדער מיט איין קלאַפּ, און אויף אַזאַ אופן פּטור צו ווערען פון קריסטענטהום. די אידישע דאָקטאָרען פון שפּאַניען, וועלכע זיינען בעקאַנטט מיט מאַגיק, כשוף און אַלערליי „שווארצע קונצען“, האָבען עס פאַבריצירט די גיפט, און דער „אינטערנאַציאָנאַלער יודענטהום“ האָט פערשפּרייט דעם דאָזיגען גיפט אין אַלע קריסטליכע לענדער.

דער עולם האָט געגלויבט. דער עולם גלויבט אימער אין די ווילדעסטע מעשיות, אין אַלערליי אונמעגליכקייטען, וואָס ווערען געזאָגט אויף זיינעם אַן אמת׳ען אָדער אַן איינגערעדעטען שונא. פריהער דאַרף מען דעם עולם בלויז איינריידען, אַז יענער און יענער איז זיין טוידטליכער שונא, דאַן וועט ער שוין אַלץ גלויבען אויף איהם. ארגומענטירען, דעבאַטירען, בעווייזען — דאָס זיינען אַלץ ארויסגעוואָרפענע ארבייט. דער מענש איז ניט קיין ראַציאָנאַלע חיה, ער ווערט ניט געפיהרט און בעוועגט פון שכל. דער מענשליכער שכל איז בכלל בלויז אַ דינער צודעק אויף זיינע פרימיטיווע חיה׳שע אינסטינק־טען. דער מענשליכער שכל איז דער אינגסטער. דאָס הייסט דער שפּעטסטער, פון זיינע ערוואָרבענע פעהיגקייטען

און קומט א וועלכע־ניט־איז וועלט־ערשיטערענדע עראייגניס, ווערט דער שכל פערשטויסען ווי מעקענע פון א שטורם.

די אידען זיינען די טוידטליכע שונאים פון די קריסטען, אזוי האט מען כסדר געלערענט די קריסטען. מען האט עס איינגעפלאנצט אין זייערע הערצער פאר דורות־לאנג, פון זייער קינדרוויז אן. איז דען א וואונדער וואס די קריסטען האבען אלץ געגלויבט אויף די אידען? די אידען האבען פערגיפטעט די וואסערען און די לופט, — ווער קען דען אין דעם צווייפלען? שטארבען דען ניט צעהנדליגע טויזענדע און מיליאנען פון דעם שווארצען טוידט? דארף מען דען נאך בעסערע בעווייזע? אי וואס, די אידען אליין שטארבען דאך אויך דערפון און עס איז דאך אונמעגליך, אז זיי זאלען זיך אליין פערגיפטען? דאס איז א טענה פאר דער באבען. אין צייטען פון ווילדער אויפרעגונג הערט מען זיך ניט צו און מען קען זיך ניט צוהערען צו שכל'דיגע טענות.

מען מוז צוגעבען, אז די קריסטען האבען געזוכט צו בערוהיגען זייער געוויסען; זיי האבען געזוכט צו געפינען בעווייזע, אז די אידען זייען ווירקליך די פערגיפטער, די פעראורזאכער פון דעם שווארצען טוידט און זיי האבען די בעווייזע געקראגען. און געקראגען האבען זיי די דאזיגע „בעווייזע" דורך אזעלכע מיטלען, וואס מאכען אונז היינט אויפשוידערען, וואס מאכען. אז דאס בלוט זאל פערגליווערט ווערען אין די אדערען, אבער דאן, אין דעם שרעקליכען מיטעלאלטער, זיינען אזעלכע מינים בעווייזע בעטראכט געווארען פאר געזעצליך. די בעווייזע זיינען ארויסגעצוואונגען געווארען פון די אונגליקליכע קרבנות דורך די שוידערליכסטע יסורים, דורך אונערהערטע און בעסטיאלישע מאטערניסען, אבער יענע מענשע האבען אין דעם קיין עולה ניט געזעהן. פאר זיי זיינען די דאזיגע מאטערניסען געווען א געוועהנליכער מיטעל, וואס איז געברויכט געווארען ארויסצוקריגען די נויטיגע בעווייזע אין אירגענד וועלכען פראצעס און בעשולדיגונג, אפילו ווען עס האט זיך געהאנדעלט געגען קריסטען. דאס

איז דאַמאָלס געווען אזא מין געריכטליכער פּראָצעדור, וואָס איז פון אלעמען אנערקענט געוואָרען.

און די דאָזיגע יסורים און מאַטערניסען האָט מען גענומען געברויכען געגען די בעשולדיגטע אידען. מען האָט זיי אזוי לאַנג און אזוי שרעקליך געמאַטערט ביז די אונגליקליכע געפּייניגטע האָבען אלץ מודה געווען, האָבען געזאָגט און האָבען געשוואָרען אויף אלץ וואָס מען האָט פון זיי געפאָדערט. זיי האָבען בעשולדיגט זייער גאָט, זייער רעליגיאָן, זייערע עלטערען, זייערע קינדער, אבי פּטור צו ווערען פון די יסורים, אבי וואָס גיכער צו בעפרייט ווערען פון די מאַטערניסען דורך דעם ערלייזענדען טוידט. זיי האָבען געזוכט דעם טוידט, זיי האָבען אין איהם געזעהן זייער ערלייזונג און זייער האָפנונג. א מענש קען ליידען דעם טוידט פאר זיינע אידעאלען, פאר זיין אמת, דאָס האָבען די הונדערט־טויזענדע אידישע קדושים בעוויזען; א מענש קען אבער ניט ליידען יסורים און מאַטערניסען אָהן אן אויפהער צוליעב זיינע איבערצייגונגען, און נאָך אזעלכע מאַטערניסען ווי מען האָט דאַמאָלס געברויכט. דאָס האָבען אפילו די אידען ניט געקענט.

קוים האָט מען די נויטיגע „בעווייזע“ געקראָגען, האָבען זיך אָנגעפאנגען די אויסשלאכטונגען פון די אידען. די דאָזיגע ארבייט איז געפיהרט געוואָרען סיסטעמאַטיש און גרינדליך. די צאָהל פון די אידישע קרבנות, וואָס זיינען פערברענט און אויסגעשאָכטען געוואָרען, איז אונגעהויער. די, וואָס זיינען געבליבען פון שווארצען טוידט, האָט דער פייער און שווערד פערניכטעט. אומזיסט האָט דער פּאַפּסט קלעמענט דער זעקסטער גענומען די אידען אונטער זיין שוטץ; אומזיסט האָט ער אַפּעלירט צו דער קריסטליכער וועלט און אומזיסט האָט ער אָנגעגעבען אלערליי ארגומענטען צו בעווייזען די אונשולד פון די אידען. דאָס האָט ניט געהאָלפען; ארגומענטען העלפען איבערהויפּט ניט אין אזעלכע צייטען. דער טייוועל האָט געבוירען א קינד, וועלכען דער טאַטע אליין האָט מעהר ניט געקענט קאָנטראָלירען. דעם פּאַפּסט׳ס ארויסטריט האָט אבער דאָך געהאַט א געוויסע ווירקונג אויף דער

קריסטליכער בעפעלקערונג פון דרום־פראנקרייך*) און שפאַניען. דאָרטען זיינען די רדיפות און די פערפאָלגונגען ווייט ניט געווען אזוי שרעקליך ווי אין דער „הייליגער רוימישער אימפעריע“, וועלכע האָט אין זיך איינגעשלאָסען גאַנץ מעריב־איירָאָפּא.

די לאַגע פון די אידען אין דרום־פראנקרייך און אין שפּאַניען איז געווען עטוואָס בעסער ווי אין די אַנדערע איירָאָפּעאישע לענדער. זי איז ניט געווען אזוי האָפנונגסלאָז, אָבער זי איז געווען שלעכט גענוג. דער אידישער לעבען איז אויך דאָרטען ניט געווען זיכער און זיי האָבען אויך דאָרטען געהאַט אויסצושטעהן אלערליי בעגרענצונגען און בעליידיגונגען. דאָס האָט געפיהרט דערצו, וואָס מאַנכע פון די שוואַכערע אין גייסט, וועלכע האָבען מעהר ניט געקענט אריבערטראָגען די צרות, האָבען פערלאָזען זייער פאָלק און זיין גלויבען און זיינען אריבערגעגאַנגען צום שונא. דאָס זיינען על פי רוב געווען מענשען, וואָס האָבען געקראָגען א וויסענשאַפטליכע און פילאָזאָפישע ערציהונג און האָבען ווייניג געהאַלטען פון אירגענד וועלכער רעליגיאָן. זיי האָבען ניט געהאַט פאר וואָס צו קעמפּפען און צוליעב וואָס צו ליידען און האָבען געזוכט פּטור צו ווערען פון זייערע צרות דורך דעם טובל'ען זיך אין די „הייליגע וואַסער“. זיי האָבען אָנגענומען די נייע רעליגיאָן ניט אוים איבערצייגונג, נאָר צוליעב פערזענליכע נוצען און צוועקען.

דער וויכטיגסטער צווישען די דאָזיגע משומדים־פערעטהער, וועלכע זיינען שפּעטער אויך געוואָרען מוסרים און ביטערע שונאים פון זייער פאָלק, איז געווען א ב נ ר פון ב ו ר ג א ס. דער דאָזיגער א ב נ ר איז געווען א בעדייטענדער תלמודיסט און פילאָזאָף. ר' מ ש ה נ ר ב ו נ י זאָגט וועגען איהם, אז ער איז געווען א „חכם מהמיוחדים שבדורו“,

---

*) דער פּאַבסט איז דאַן געווען אין „גלות“, און האָט זיך אויפגעהאַלטען אין א ו ו י נ א ן, דרום פראַנקרייך. זיין איינפלוס איז דארום דאָרטען און אין שפּאַניען געווען שטאַרקער ווי אין די אַנדערע איירָאָפּעאישע לענדער.

איינער פון די גרעסטע געלעהרטע פון זייט צייט. נאָך זיין טויפען זיך האָט ער געביטען זיין נאָמען אויף א ל פ אָ נ ז אָ און ער איז בעקאַנט אלס אלפאָנזאָ פון בורגאס אָדער אלפאָנזאָ פון ו ו א ל א ד אָ ל י ד. אין לעצטען פּלאַץ איז ער געוואָרען דער הויפּט-פּריעסטער פון דער דאָרטיגער קירכע.

די ערשטע צייט האָט ער זיך א פּנים געשעהמט מיט זיין טהאט און ער האָט זיך געזוכט צו פערענטפערען. ער האָט אָנגעשריבען א פּאמפלעט אונטער דעם נאָמען „אגרת הגזרה“, דער בריעף װעגען דעם אונפערמיידליכען. אין דעם דאָזיגען פּאמפלעט זוכט ער צו בעווייזען, אז ער איז אייגענטליך ניט שולדיג אין זיין טהאט. מענשען זיינען ניט פריי, זיי האָבען ניט קיין פרייען ווילען, אַלץ איז פון פאָראויס בעשטימט און איינגעאָרדענט, אַלץ איז על פּי גזרה. מענשליכע טהאטען זייינען ניט אבהענגיג פון איהם, זיי זיינען אורזאכען פון פאָלגען, רינגעלעך אין א לאנגע קייט. ער האָט אויף זיי קיין דעה ניט, ער קען זיי ניט קאָנטראָלירען, און ער דאַרף דארום ניט גע־האַלטען ווערען פעראנטוואָרטליך פאר זיי. אומזיסט איז דער מענשליכער שטרעבען, ווארים „זיי זיינען ווי פיש אין א שלעכטע נעץ און ווי פויגעלאך אין א פאסטקע“. דער מענש קען ניט ענטרינען פון זיין מזל.

עס פערשטעהט זיך, אז די דאָזיגע זאָנדערבארע פער־טהיידיגונג פון דעם משומד האָט געקענט ארויסרופען בלויז שפּאָט און פעראכטונג צווישען זיינע פריהערדיגע חברים און גלויבענס-גענאָסען. זיי האָבען זיך ניט געשעהמט איהם צו זאָגען, וואָס זיי דענקען וועגען איהם און זיין טהאַט, אז ער האָט צוליעב א בעסערען מאָהלצייט פערראטהען זיין פאָלק. דאָס האָט איהם נאָך מעהר אויפגערייצט און ער האָט אָנגע־פאנגען ארויסצוטרעטען אלס אָפענער בעשולדיגער און מוסר פון אידען און אידעשקייט.

ר׳ משה נ ר ב ו נ י איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט געפונען פאר נויטיג צו בעקעמפּפען א ב נ ר׳ס לעהרען פון דע־טערמיניזם, ריכטיגער, פאטאַליזם, אויף׳ן טעאָרעטישען באָ־דען. ער האָט אָנגעשריבען א פּאמפלעט אונטער דעם נאָמען

„מאמר בבחירה", אן אָבהאנדלונג וועגען דעם פרייען ווילען. אַלע פּאסירונגען, טענה'עט ער, זיינען טאקע פּאָלגען פון אור־זאכען, אָבער זיי, די פּאָלגען, זיינען ניט שטענדיג אונפער־מיידליכע. ווען א געגענשטאנד ברענט איז אין דעם שולדיג א פייער; דער פייער איז די סבה פון ברענען. אָבער דער געגענשטאנד מוז ניט ברענען, ווען מען לייגט איהם ניט אריין אין פייער אָדער ווען מען צינדט איהם ניט אָן. דער מענש־ליכער ווילען גופא איז איינע פון די אורזאכען, וואָס רופען ארויס פּאָלגען.

א חוץ דעם „מאמר בבחירה" האָט ר' משה נרבוני אָנגעשריבען א פּירוש אויף דעם „מורה נבוכים" און פּיעלע אנ־דערע ספרים. אין זיין פילאָזאָפיע איז נרבוני א קאָנזעקווענ־טער אריסטאָטעליאנער, ווי דער אריסטאָטעליאניזם איז אויסגעטייטשט געוואָרען פון אבן־ר אשד.

דער וויכטיגסטער און בעדייטענדסטער פון אלע אידישע פילאָזאָפען אין דרום־פראנקרייך, איינער פון די גרעסטע וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט פון זיך ארויסגעגעבען אין מיטעל־אלטער, איז ר' לוי בן גרשון אָדער גערסאנידעס (דער רלב"ג).

X.

רבי לוי בן גרשון (דער רלב"ג). זיינע וויסענשאפטליכע, מאטהעמאטישע און אסטראנאמישע ספרים. זיינע פירושים אויף דער ביבעל. זיין פילא־זאפישער ספר „מלחמות ה'". זיין בעציהונג צו די פריהערדיגע פילאזא־פען און זיין אונערשראקענהייט. זיין מיינונג וועגען אונשטערבליכקייט. זיין מיינונג וועגען גאט'ס וויסען און דעם מענשליכען פרייען ווילען. וואס מיינט השגחה? איז די וועלט א בעשאפענע אדער אן אייביגע? איז זי בעשאפען פון גאר נישט אדער פון א עטוואס?

רבי לוי בן גרשון (דער רלב"ג), אויך בע־קאנט אלס לעאָן דע באַגנאָלס און מאגיסטער לעאָ העברייאוס, איז געבאָרען געוואָרען אין באַגנאָלס אין יאָהר 1288 און איז געשטאָרבען אין יאָהר 1344.

ער האָט אָפּגעשטאַמט פון אַן אנגעזעהענע און לומדישע פּאַמיליע, זיין זיידע פון זיין מוטער'ס צד איז געווען דער רמב"ן, און ער האָט נאָך אין זיינע יונגע יאָהרען געקראָ־גען אַ גרינדליכע אידיש־תלמודישע ערציהונג. ער איז געווען איינער פון די בעקאַנטעסטע תלמודיסטען פון דרום־פראַנק־רייך אין זיין צייט. זיינער אַ איינגערער צייט־גענאָסע, ר' יצחק דע לאַטעס, שרייבט וועגען איהם: „אונזער גרויסער „נשיא", ר' לוי בן גרשון, איז געווען דער מחבר פון פיעל וויכטיגע ספרים. ער האָט געשריעבען פירושים איבער דעם תנ"ך און דעם תלמוד. אין אַלע צווייגען פון דער וויסענ־שאַפט, איבערהויפּט אין לאָגיק, פיזיק, פילאָזאָפיע, מאַטהע־

מאטיק און מעדיציין האט ער צו זיך קיין גלייכען ניט" (שערי ציון).

צוזאמען מיט זיין אידישער בילדונג האט ער אויך אנגעפאנגען צו שטודירען דיא וויסענשאפטען און די פילאזאפיע, ווען ער איז נאך געווען גאנץ יונג, ניט קימערענדיג זיך וועגען דעם פערבאט פון רשב"א, וועלכער האט ארויפגעלעגט א חרם אויף אלע וואס וועלען לערנען פילאזאפיע איידער זיי ווערען פינף און צוואנציג יאהר אלט. צו דרייסיג יאהר האט ער שוין אנגעפאנגען שרייבען זיין בעריהמטען ספר „מלחמות ה'" (די קריעג פון גאט), וואו ער צייגט ארויס ניט בלויז א טיפען און גרינדליכען קענען פון דער פילאזאפיע, נאר אויך א ברייטע און אן אלזייטיגע בעקאנטשאפט מיט די וויסענשאפטען פון יענער צייט.

כאטש ער איז געווען א גרויסער תלמודיסט, האט ער זיך פון דעסטוועגען ניט אפגעגעבען מיט רבנות. זיין חיונה האט ער געצויגען פון דער מעדיצינישער פראפעסיע. עס ווערט בעהויפטעט, אז ער איז געווען דער דאקטאר פון דעם פאפסט קלעמענט דעם זעקסטען, וועלכער איז געווען א גרויסער פערעהרער פון דעם אידישען געלעהרטען. דער פאפסט האט זאגאר געלאזען איבערזעצען אין לאטייניש א טהייל פון דעם רלב"ג'ס ווערק איבער אסטראנאמיע. יענעם טהייל וואו ער בעשרייבט זיין ערפינדונג פון אן אינסטרומענט צו מאכען אסטראנאמישע חשבונות.

דער רלב"ג איז דער מחבר פון פיעלע וויכטיגע ספרים איבער פערשיעדענע געגענשטענדע. ער האט געשריבען פרושים אויפ'ן „חומש", אויף די „נביאים ראשונים" און די „כתובים". זיינע ערקלעהרונגען אויף דער ביבעל טראגען גאנץ אפט א פילאזאפישען כאראקטער; ער זוכט אריינצוברענגען זיינע פילאזאפישע מיינונגען אין דעם טעקסט פון דער ביבעל, און ווען עס איז איהם נויטהיג טייטשט ער אויס דעם טעקסט אויף אן אללעגארישען שטייגער. ער געהט אבער ניט אזוי ווייט וויא דיא אנדערע אללעגאריסטען פון זיין צייט: ער האלט זיך שטרייננג אן פראסטען פשט, וואו עס

האנדעלט זיך וועגען די מצוות אָדער וועגען ערצעהלונגען פון היסטאָרישע פּאַסירונגען.

פון זיינע תלמודישע שריפטען דערמאָנט ער א פּירוש אויף דער מסכת „ברכות", וועלכע איז אבער פערפאלען גע־וואָרען. ער האָט אויך געשריעבען איבער די „דרייצעהן מדות" (מעטהאָדען) פון ר' ישמעאל און ערקלעהרונגען אויף מאנכע „אגדות" פון דעם תלמוד.

א חוץ זיינע ספרים איבער אידישע ענינים האָט ער אָנ־געשריבען 1) אן אבהאנדלונג איבער לאָגיק, ספר ההקש הישר; 2) אן אבהאנדלונג איבער אלגעברא (מעשה חושב); 3) א אָבהאנדלונג איבער געאָמעטריע; 4) אן אבהאנדלונג איבער אסטראלאָגיע אין 5) אן אָבהאנדלונג איבער אסטראָ־נאָמיע, וועלכע איז לכתחלה געווען א טהייל פון זיין ספר „מלחמות ה'" איבער פילאָזאָפיע.

אלע זיינע ספרים, סאי איבער דער ביבעל און סאי וועי־גען די וויסענשאפטען און פילאָזאָפיע, האָט ער געשריעבען אין העברעאיש, כאָטש ער האָט, ווי עס ווייזט אויס, אויך געקענט אראביש און לאטייניש. זיין שפּראך איז קלאָהר און פשוט אָהן שום מליצות. אין דער הקדמה פון זיין ספר „מלחמות ה'" רעדט ער וועגען דעם, ווי עס איז נויטהיג פאר א שרייבער צו זיין סיסטעמאטיש און צו אויסהיטען זיך פון מליצות: „עס איז קלאָהר, אז דער שרייבער שרייבט ניט פאר זיך, נור צו בעלעהרען אנדערע. און דערפאר דארף ער זיך אנשטרענגען צו סיסטעמאטיזירען זיינע געדאנקען אויף אזא אופן, אז זיי זאָלען זיין פערשטענדליך פאר דעם לעזער... דער־פאר דארף ער אָנפאנגען פון די לייכטערע און אריבערגעהן צו דיא שווערערע... די שרייבער וואָס טהוען ניט אזוי, וואָס מאַ־כען זייערע געדאנקען אונפערשטענדליך ענטוועדער צוליעב זייער שלעכטער סיסטעם אָדער דורך זייער שווערער שפּראך, דערגרייכען ניט דעם ציעל, וואָס יעדער שרייבער שטעלט זיך. ניט בלויז העלפען זיי ניט דעם לעזער, נאָר זיי צוטומלען איהם נאָך מעהר... מאנכעס מאָל טהוען עס די דאָזיגע מחברים מיט א כיון. ווען זיי זיינען זיך משער, אז זייער שרייבעריי

האָט פעהלערען און איז שוואך, געברויכען זיי שווערע ווער־טער אָדער שעהנע אויסדריקע, כדי איינצושרעקען דעם לעזער און דערמיט צו פערדעקען זייערע פעהלערען און זייער שוואכ־קייט... דאָס איז די סבה, וואָס מיר בענוטצען זיך ניט מיט שעהנע מליצות און מיט א שווערען לשון" *).

די קורצקייט און די פשוט'קייט פון דער שפראך מאכט אָבער דעם „מלחמות ה'" בשום אופן ניט פאר אנגענאהמע אָדער אפילו פאר לייכטע לעזע־שטאָף. פון אלע העברעאישע ביכער איבער פילאָזאָפיע, וואָס זיינען געשריעבען געוואָרען אין מיטעל־אלטער, איז דער „מלחמות ה'" דער שווערסטער. אין דעם איז שולדיג זיין מעטהאָדע. דער ר ל ב " ג שרייבט אויף דעם זעלבען שטייגער ווי די אלע פּראָפעסאָרען פון פילאָ־זאָפיע (סכאָלאסטיקער) אין מיטעל־אלטער האָבען געשריי־בען : ער לאָזט זיך אריין אין האאר־שפּאלטענדע לאָגישע פייערוועדק, וואָס פערטונקלען גאנץ אָפט דעם ענין אנשטאָדט איהם קלעהרער צו מאכען.

ער איז א שטריינגער לאָגיקער און א קאלטער מאטהע־מאטיקער. ער האָט ליעב צו בעהאנדלען א פראגע פון אלערליי מעגליכע זייטען און ווינקלען, ניט אויסלאָזענדיג קיין איינ־צעלהייט, קיין קנייטש. ער ברייגגט די אלע מיינונגען, וואָס געפינען זיך איבער א בעשטימטע פראגע, די אלע „דאָפירם" און די אלע „דאגגענס", אנאָליזירט און צוגליעדערט זיי דאן מיט א שטריינגער לאָגיק, ציייגט ארויס זייערע שוואכקייטען

*) „כי המחבר הלא מבואר שלא יחבר לעצמו, אבל להשפיע לזולתו. ולזה ראוי לו שישים השתדלותו לסדר דבריו בדרך יגיע בה המעיין אל תכלית הכונה בספר ההוא, ומפני זה יחויב לו שיתחיל הלמוד בקל... אבל המחברים אשר לא ינהגו כמו זה המנהג אלא שהם מוסיפים העלם והסתר בדבריהם מצד סדורם או עומק לשונם... הם מפסידים הכונה אשר בעבורה יחבר כל מחבר, כי הם לא די שלא יועילו למעיין, אלא שיוסיפו על מבוכתו מבוכה... ואולם לפעמים יהיה זה לתחבולה מן המחבר: וזה כי בשערו במום מאמריו או בחולשתם, ינקו להם לשונות עמוקים וצחים ויחבר להם עוד ענינים יבהילו המעיין הבהלה חזקה, עד שיסתיר זה ממנו מה שבמאמרים ההם מן המום או מן החולשה... ולזאת הסבה לא השתמשנו בו במליצות נאות ובלשונות עמוקים".

און וויא זיי זיינען זיך איינע די אנדערע סותר, און קומט דאן ארוים מיט זיין מיינונג. גאַנץ אָפט שיידעט זיך זיין אייגענע מיינונג אונטער פון דער מיינונג, וועלכע ער בעקעמפפט בלויז אין אן עדעלע, קוים בעמערקבארע ריין־לאָגישע שאַטירונג. וועלכע אפילו דער אויפמערקזאמער לעזער קען קוים כאפּען. על פּי רוב זוכט ער צו צופיהרען די אלע בעווייזע, פאר די „דאַפּירס" און פאר די „דאגנעגנס", צו א לאָגישע פאָרמולע, צו א סיללאָגיזם, אדער צו א מאַטעמאַטישע אקסיאָמע. דער גאַנצער געבוי ווייזט דאן אויס, ווי אַן ענטפער אויף א געאמעטרישע פּראָבלעם. און איהם קומט אָפט אויס צו ווידערהאָלען זיינע הנחות און די פועל־יוצא'ס. וואס דאס פערמאַטערט אויך דעם לעזער. ווען איהר נעהמט נאָך דערצו אין אנבעטראַכט, אז דער ר ל ב"ג, פּונקט ווי אלע מעטאַפיזיקער, בעהאַנדעלט בעגריפע אזוי ווי זיי וואָלטען געווען ווירקליכקייטען, לאָגישע פאָרמולען, ווי זיי וואָלטען געווען פאַקטישע טהאַטזאכען, פאַנגט אייך אָן צו פערדריסען, וואָס אַזוי פיעל שאַרפזין, אזוי פיעל חריפות, איז פערוועדנט געוואָרען אויף זאכען, וואָס האָבען סוף כל סוף קיין ממשות ניט.

דער ר ל ב"ג איז דער אונערשראָקענסטער פון אלע אידעשע מיטעל־אַלטערליכע פילאָזאָפען. ער בעהאַנדעלט די פראַגען, וועלכע אינטערעסירען איהם ניט ווי א טעאָלאָג, נאָר ווי א פילאָזאָף. דאָס מיינט בשום אופן ניט, אז דער רלב"ג ערלויבט זיך צו האָבען אנדערע מיינונגען ווי די תורה, אָדער אז ער איז ניט פרום געווען. ער איז אָבער אזוי טיעף איבערצייגט אין דער אונפעהלבאַרקייט פון דעם מענשליכען שכל, אין דעם אבסאָלוטען אמת פון די לאָגישע פאָרמולעך, אז ער איז זיכער, דאָס קיין אנדער אמת ווי דער אמת פון שכל איז ניטאָ, און אז די תורה, וועלכע איז אויך אמת, קען ניט זיין להיפּוך פון דעם אמת פון שכל. „און דערפון איז קלאָהר, אז אויב דער פילאָזאָפישער געדאנק וועט אונז ברענגען אין די דאָזיגע ענינים צו מיינונגען, וואָס ווייזען אויס אנדערש ווי דער פּראָסטער פשט פון דער תורה, וועלען מיר זיך צוליעב דעם ניט צוריקהאַלטען פון צו זאָגען דעם אמת. דאָס הייסט

ניט זיין געגען דער תורה, ווייל די תורה צווינגט אונז ניט צו גלויבען אין ליגענס; פערקעהרט. זי פערפערטיגט אונז מיט אלע מעגליכקייטען צו בעגרייפען דעם אמת... און דעריבער זיינען מיר זיך נוהג פריהער פאר אלץ צו בעהאנדלען די דאזיגע חקירות פון א ריין פילאזאפישען קוק. און דערנאך ווערט אונז קלאר, אז דאס, צו וואס מיר זיינען געקומען דורך דעם שכל, דורך דעם „עיון", וועגען די דאזיגע ענינים איז טאקע אויך די מיינונג פון דער תורה".*) דער רלב"ג געהט ווייטער ווי דער רמב"ם; ער זוכט ניט „אויסצוטייטשען" די תורה, אז זי זאל זיך צופאסען צו די פארשונגען פון מענשליכען פערשטאנד. ער לאזט דעם שכל פריי און אונגעשטערט טהאן זיין ארבייט, אהן אירגענד וועלכע ריקזיכטען וועגען דער תורה. ער געפינט אבער, אז די רעזולטאטען פון זיין פארשונג זיינען מסכים מיט די מיינונגען פון דער תורה...

דער רלב"ג איז ביי זיך א תקיף און איז זיכער אין זיינע אייגענע כוחות. איהם קימערט נים, וואס געגען איהם וועלען ארויסטרעטען מענשען, „וואס האבען זייערע מיינונגען געקראגען בירושה פון אנדערע. מיט די מענשען פון דער דאזיגער כתה האבען ניט מיר וואס צו רייעדן. פאר זיי איז גענוג דער גלויבען און זיי ווילען ניט וויסען." איהם קימערט אויך ניט, וואס מאנכע פון די איינגעשראקענע פילאזאפען וועלען עס בעטראכטען פאר א חוצפה פון זיין זייט, וואס ער נעהמט זיך אונטער צו פערענטפערען אזא פראגע ווי די וועלט־שעפפונג. זיי, די לעצטע, מיינען, אז מיט דעם שכל קען מען די דאזיגע פראגע ניט פערענטפערען, בפרט ווען אפילו דער

*) „ולזה הוא מבואר שאם היה דרך העיון מביא אותנו באלו הענינים אל זולת מה שיראה מפשוטי התורה, לא היינו נמנעם מלפני התורה להגיד בהם האמת, כי אין זה חולק על התורה לפי האמת, כי אין נמוס יכריח אותנו להאמין הדברים הכוזבים, אבל היא מישרת אותנו בתלית מה שאפשר להשגת האמת... ולזה היה מנהגנו באלו הדרושים לחקור בהם חקירה שלמה, תחילה מצד העיון, ואחר כך נתבאר לנו שמה שהביאנו אליו העיון בדבר דבר מאלו הדרושים הוא דעת תורתנו".

רמב"ם האָט איהר ערקלעהרט פאר א פראגע, וואָס שטעהט אויסערהאַלב די גרענצען פון דעם מענשליכען שכל. פאַר זיי איז דאָס גופא שוין א גענוגענדער בעוויז, אז מען קען די דאָזיגע פראגע איבערהויפּט ניט לייזען, וואָרים אויב די לייזונג פון דער פראגע וואָלט געווען מעגליך, וואָלטען עס דאָך די קדמונים ניט אויפגעגעבען. „דאָס", זאגט דער רלב"ג, „איז א שוואכע טענה. דערפון וואָס די „פריהערדיגע" האָבען ניט געוואוסט, איז נאָך ניט געדרונגען, אז די שפּעטערע קענען עס אויך ניט וויסען. די צייט און דער פּראָגרעס העלפען ארויסצוברענגען דעם אמת. אויב קיינער וואלט ניט געקענט וויסען מעהר ווי דאס וואס ער האָט געלערנט פון די פריהערדיגע, וואלט איבערהויפּט ניט מעגליך געווען קיין חכמה".

דער רלב"ג ווערט בעטראכט אלס דער טיעפסטער און קאָנזעקווענטעסטער אריטאָטעליאנער צווישען אידען. ער איז אָבער ווייט פון צו זיין א בלינדער חסיד פון אריסטאָטעלסען. ער איז א פאָלשטענדיג זעלבסטשטענדיגער דענקער און ער ערלויבט זיך צו האָבען זיינע אייגענע מיינונגען. ער טרעט ארויס געגען א ר י ס ט אָ ט ע ל ס ע ן מיט דער זעלבער שטאַרקייט און זעלבסטצוטרויען ווי געגען דעם ר מ ב"ם.

דער „מלחמות ה'" איז ניט קיין פאלשטענדיגע אבהאנדלונג איבער פילאָזאָפיע. ער שטעלט מיט זיך ניט פאָר א גאַנצע פילאָזאָפישע סיסטעם, ווי דאָס איז, צום ביישפּיעל, דער „מורה נבוכים". אזעלכע פילאָזאָפישע אָבהאַנדלונגען זיינען אין דעם רלב"ג'ס צייטען שוין געווען מעהרערע אין העברעאיש. דער רלב"ג בעשעפטיגט זיך דארום נאָר מיט אזעלכע פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, וואו ער האָט צו זאָגען עטוואָס נייעס. ער בעהאַנדעלט די יעניגע פראגען, וועלכע דער רמב"ם האָט אין זיין „מורה נבוכים" ענטוועדער וועניג בערירט אָדער ער האָט זיי פערענטפערט אויף אזא אופן, וואָס איז געגען זיינע, דעם ר ל ב"ג'ס, אנזיכטען.

איינע פון די דאָזיגע פראגען איז די פראגע וועגען „השארת הנפש" (אונשטערבליכקייט). דער ערשטער קאפּיטעל פון „מלחמות ה'" בעהאַנדעלט די דאָזיגע פראגע.

א ר י ס ט א ט ע ל ס אליין האט זיך ניט גענוג קלאר אויסגעשפראכען וועגען דעם „מהות“ פון דעם מענשליכען שכל*) און וועגען זיין אונשטערבליכקייט. פון איין פלאץ קען מען ארויסדרינגען, אז דער שכל איז ניט מעהר ווי אן אייגענשאפט פון קערפער און שטעהט אין דער זעלבער בעציהונג צום קערפער ווי די פ א ר מ ע פון א זאך צו איהר מאטעריע, ווי די „צורה“ צום „חומר“. פון א זעלבסטשטענדיגער עקזיסטענץ פון שכל אויסערהאלב דעם קערפער קען נאר קיין רייד ניט זיין, אזוי ווי עס קען ניט זיין די פ א ר מ ע פון א זאך אהן דער זאך. מיט דעם טויט פון קערפער ווערט נאטירליך אויך דער שכל פערשוואונדען. דאס איז אייגענטליך א ריין מאטעריאליסטישער בעגריף פון שכל. אין א צווייטען פלאץ מאכט אריסטאטעלס א חלוק צווישען דעם מאטריעלען אדער דעם פאסיווען שכל, וואס עקזיסטירט בלויז אין מעגליכער עקזיסטענץ און דעם שכל וואס איז ארויס פון מעגליכען און ווירקליכען צושטאנד, דער „טהעטיגער שכל“, וועלכער איז אונשטערבליך.

די מפורשים פון אריסטאטעלסען האבען געזוכט צו פערענטפערען די דאזיגע סתירה, יעדער אויף זיין אופן. דער רלב"ג ברענגט די מיינונגען פון א ל כ ס נ ד ר, ט ה ע מ י ס ט י א ו ס און א ב ן ־ ר א ש ד. לויט א ל כ ס נ ד ר

*) אונטער דעם ווארט „שכל“ ווערט ביי די מיטעל־אלטערליכע פילאזאפען פון די פערשיעדענע שוהלען פערשטאנען די ספעציעל מענשליכע פעהיגקייט זיך צו בילדען א ל ג ע מ י י נ ע אידעען, אוניווערזאלס, אויף דעם סמך פון די איינצעלנע איינדריקע וואס ער קריעגט דורך זייע חושים. די דאזיגע פעהיגקייט, וואס שיידט אונטער דעם מענשען פון די אנדערע חיות, איז עס, לויט זיי, די מענשליכע נשמה, אזוי אז דער ווארט „שכל“ האט דא די זעלבע בעדייטונג וואס דאס ווארט נשמה.

גאט איז ריינער שכל און דער גאנצער אוניווערזום איז גאט'ס א שכל'דיגער געדאנק. די הימלישע קערפערס זיינען לעבעדיגע וועזענס און יעדער פון זיי האט א „שכל“, וואס איז אויף איהם ממונה. אונזער וועלט, די וועלט פון אונטער דער לבנה, די וועלט פון די פיער עלעמענטען, האט אויך אזא שכל, וועלכער הייסט „שכל הפועל“.

איז דער שכל ניט מעהר ווי אן אייגענשאפט פון דעם לעבעדי־
גען מענשליכען קערפער. די אייגענשאפט ווערט ארויסגערו־
פען אין ווירקליכקייט דורך דער ווירקונג פון דעם וועלט־שכל,
פון גאט אליין, וועלכער ווירקט אבער בלויז, ווען דער מענש
לעבט, ווען דער מענש בעזיצט די כלים, די חושים, צו בעגריי־
פען זאכען. מיט דעם טוידט ווערט דער מענשליכער שכל
פערשוואונדען, ווייל עס ווערען פערשוואונדען די חושים. קיין
אונשטערבליכקייט איז ניטא. לויט ט ה ע מ י ס ט י א ו ס
קומט אויס, אז דער שכל איז ניט בלויז אן אייגענשאפט פון
קערפער, נאר א זעלבסטשטענדיגער „עטוואס" וואס געפינט
זיך אין קערפער, וואס איז, אמת, פערבונדען מיט דעם קער־
פער, אבער וועלכער האט א זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ.
ער איז אייביג און אונשטערבליך. א ב ן ־ ר א ש ד, לויט
ווי דער ר ל ב"ג פערשטעהט איהם, מאכט א מין פשרה צווי־
שען זיי. לויט איהם קומט אויס, אז די דאזיגע פארבערייטונג
אדער אייגענשאפט פון דעם קערפער איז דער „שכל־הפועל"
גופא (דע ר„שכל הפועל" איז דער אלגעמיינער שכל פון לעצ־
טען „גלגל", פון „דער וועלט אונטער די לבנה"), וועלכער בע־
העפטענדיג זיך מיט'ן גוף, רופט ארויס די דאזיגע אייגענ־
שאפט פון מעגליכקייט אין ווירקליכקייט *). דער מענשלי־
כער שכל איז א טהייל פון דעם אלגעמיינעם „שכל הפועל".
נאכ'ן טוידט ווערט דער מענשליכער שכל, אויב ער איז ענט־
וויקעלט, פעראייניגט מיטן' שכל הפועל, און בלייבט אונ־
שטערבליך, אבער קיין אינדיווידועלע אונשטערבליכקייט איז
ניטא.

דער רלב"ג צוגליעדערט די דאזיגע מיינונגען, די אלע
„דאפירם" און „דאגעגענס", ווייזט ארויס זייערע שוואכקיי־
טען און סתירות, און קומט צום שלום, אז קיינע פון זיי קען
ניט אויסהאלטען קיין גרינדליכע קריטיק. ער זאגט דאן ארויס
זיין אייגענע מיינונג:

דער שכל וואס איז געבארען מיט דעם מענשען איז

*) „הוא יחשוב שזאת ההכנה הוא השכל הפועל בעצמו, אלא שמצד
דבקותו בנו הוא הכנה וימצא לו כוח על שישכיל מה שבכאו".

ניט מעהר ווי א פעהיגקייט אָדער אייגענשאפט פון דעם מענשליכען קערפער. די אור־מאטעריע (חומר היולי), וואס איז דער מאטעריעלער יסוד פון אַלץ וואָס עקזיסטירט אונטער דער לבנה, האט צווישען די איבריגע אויך די אייגענשאפט ארויסצוענטוויקלען פון זיך דעם שכל. מיר וועלען די דאָזיגע אייגענשאפט פון דער מאטעריע א נאָמען געבען דער „אור־שכל" (שכל ההיולאני). זי, די דאָזיגע פעהיגקייט, געפינט זיך אין א צושטאַנד פון מעגליכקייט (אין כוח") און ווערט אונטער געוויסע אומשטענדען ארויסגערופען אָדער ארויסענטוויקעלט אין דער ווירקליכקייט (אין „פּועל"). בלויז ווען די אור־מאטעריע בעזיצט שוין לעבענס־קראפט (כוח החיוני) און פארשטעלונגס־קראפט (כוח המדמה), בלויז דאן קען זי זיך אויך ערווערבען די פעהיגקייט ארויסצובריינגען פון זיך דעם שכל. ווארום ווען ניט, וואָלט דאָך אַלץ וואָס עקזיסטירט און בעשטעהט פון מאטעריע אויך געמוזט בעזיצען דעם שכל. מיר זיינען דארום געצוואונגען אָנצונעהמען, אז בלויז די מאטעריע, וואָס האָט דערגרייכט א געוויסע מדרגה, אז בלויז זי איז פעהיג ארויסצוענטוויקלען פון זיך דעם שכל, וועלכער געפינט זיך ביי איהר אין דער מעגליכקייט.

דער „שכל ההיולאני" אדער דער מאטעריעלער שכל ווערט ארויסגערופען פון כוח אין פּועל דורך דער ווירקונג פון דעם „שכל־הפּועל". ער, דער „שכל־הפּועל", איז די אורזאכע און די קראפט, וואס רופט ארויס די בעוועגונג אין דעם אור־שכל פון דער אור־מאטעריע, ווען זי, די לעצטע, געפינט זיך אין דעם נויטיגען צושטאנד, ווי עס איז שוין אויבען בעמערקט געוואָרען.

דער „שכל ההיולאני" איז איינער און דער זעלבער ביי אַלע מענשען, ווייל, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, איז ער דאָך ניט מעהר ווי אן אייגענשאפט אין דער אַלגעמיינער אור־מאַטעריע. דער „שכל־הפּועל" ווידער, וואָס ווירקט אויף דעם שכל ההיולאני", איז אויך איינער און דער זעלבער פאר אַלע מענשען, ווייל ער איז דאָך דער א ל ג ע מ י י נ ע ר שכל פון דער ג א נ צ ע ר וועלט פון אונטער דער לבנה. דערפון

איז אָבער נאָך ניט געדרונגען, אַז אַלע מענשען דאַרפען האָבען די זעלבע און גלייכע שכל'ען. דאָס ווענדט זיך אָן דעם, אויף וויפיעל יעדער מענש בעזונדער זוכט צו בעפריעדיגען זיין פערלאנג נאָך וויסען און פאָרשען. וואָס מעהר איינער לערענט און שטודירט, וואָס מעהר איינער פערטיעפט זיך אין אַלערליי פראַגען, אַלץ מעהר ענטוויקעלט ער ארוים זיין שכל, אַלץ א גרעסערען, אַלץ א שטאַרקערען, אַלץ אן אומפּאַסענדערען שכל ערוואָרבט ער זיך. דער רלב"ג רופט דאַרום אָן דעם מענשליכען אינדיווידועלען שכל, — „שכל הנקנה", דער ערוואָרבענער שכל.

דער „שכל הנקנה" איז אַלזאָ ניט מעהר ווי דער סכום, דער סך־הכול, פון וויסען, וואָס דער מענש האָט זיך ערוואָרבען אין פערלויף פון זיין לעבען. דאָס דאָזיגע וויסען, די דאָזיגע שכל'דיגע בעגריעפע, זיינען לויט דעם רלב"ג ניט בלויז פאָרשטעלונגען, נאָר ווירקליכקייטען, רוחניות'דיגע רעאַליטעטען, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען, וועלכע קענען ניט ווערען פערשוואונדען מיט דעם מענשענ'ס טוידט. דער „שכל הנקנה" איז א רעזולטאַט פון דער ווירקונג פון דעם „שכל הפועל", וועלכער איז דורכאויס ווירקליכקייט, אונקערפּערליך און אונשטערבליך; ער, דער „שכל הנקנה", מוז דאַרום אויך זיין אונקערפּערליך און אונשטערבליך. ווען מען רעדט פון מענשליכער אונשטערבליכקייט, ווערט געמיינט די אונשטערבליכקייט פון דעם ערוואָרבענעם שכל. מען דאַרף אָבער וויסען, אַז קיין נייע בעגריעפען, „מושכלות", קען זיך דער „שכל הנקנה" ניט ערווערבען נאָכ'ן טוידט, ווייל עס פעהלען איהם דערצו די כלים. דער „שכל ההיולאני" שטאַרבט אָפּ מיט דעם מענשען.

די אַלע שכל'דיגע בעגריעפע בלייבען לעבען נאָכ'ן טוידט ניט בלויז אַלס איינצעלנע, יעדער בעזונדער, נאָר זיי בילדען מיט זיך עטוואָס גאַנצעס און האַרמאָנישעס אין צוזאַמענהאַנג איינער מיט דעם אַנדערען. ביין לעבען, צוליעב די שטערונגען פון גוף, איז אונזער וויסען נויטוועגדיגערווייזע בעגרענצט און ניט קלאָהר. מיר ווייסען די זאכען מצד זייערע

פּרטים און מיר קענען די אַלע פּרטים ניט פערבינדען אין איין גאַנצעם; מיר זעהען און פערשטעהען איינצעלנע ערשיינונ־גען, איינער מעהר, דער אנדערער וועניגער, אָבער מיר זעהען ניט די גאַנצקייט, די איינהייט, פון די איינצעל־ערשיינונגען. וועז פון מענשען בלייבט נאָר ריינער שכל, דער „שכל הנקנה". פערשווינדען די הינדערניסע מצד דער מאַטעריע, און ער קען זעהן די זאַכען אין זייער גאַנצקייט. אין דעם בעשטעהט דער מענשליכער גליק פון השארת הנפש. אויף אַזוי וויים און נור אויף אזוי וויים ווערט דער שכל הנקנה בעהעפט מיט דעם „שכל הפּועל" אבער ער ווערט ניט פערשוואונדען אין איהם.

דער „שכל הנקנה" ווערט ניט פערשוואונדען נאָר'ן טויט אין דעם „שכל הפּועל" אַלס א טייל פון איהם, ווי דאָס ווילען האבען אנדערע פילאָזאָפען. דער מענש קען אזא הויכע מדרגה ניט דערגרייכען. דערצו וואלט נויטיג געווען, אז ער זאָל וויסען און בעגרייפען אַלץ וואָס עס איז דאָ צו וויסען און בעגריי־פען, אַלץ וואָס דער „שכל־הפּועל" בעגרייפט, אַלץ וואָס עס געפינט זיך אין דער וועלט פון אונטער דער לבנה. ער וואָלט געמוזט וויסען און פערשטעהן אַלע נאַטירליכע ערשיינונגען, די מיליאָנען גרויסע און קליינע ערשיינונגען, ניט נאָר אַלס פּרטים, נאָר אויך אין זייער צוזאַמענהאַנג איינער מיט דעם אנדערען. נאָר דאַן וואָלט ער געקענט ווערען א י י נ ס מיט דעם „שכל הפּועל". דערצו, אויב מען זאָל אָננעהמען, אז דער אינדיווידועלער שכל פעראייניגט זיך מיט דעם „שכל־הפּועל", מוז ער דאָך פערלירען זיין אינדיווידואליטעט, און עס וואָלט דאַן ניט געקענט זיין קיין חילוק צווישען איין שכל און דעם אַנדערען, עס וואָלט ניט געווען קיין חלוק צווישען דעם פּיעל - וויסענדען און דעם אונוויסענדען. עס וואלט גע־מיינט, אז וויסען און אונוויסען איז איינס און דאָס זעלבע. עס וואָלט אויסגעקומען, אז דער „שכל־הפּועל", אין וועמען די אלע שכל'ען פעראייניגען זיך, איז אי וויסענד, אי אונווי־סענד אין איינער און דער זעלבער צייט.

דער „שכל הנקנה" פּיהרט, אלזא, א זעלבסטשטענדיגע, אינדיווידועלע עקזיסטענץ. יעדער מענש, אין אנדערע ווער־

טער, האָט אַן אינדיווידועלען שכל אָדער נשמה און איז אינ־דיווידועל אונשטערבליך. נאַטירליך, יעדער לויט זיין מדרגה נאָך, יעדער לויט דעם סכום פון וויסען און גוטע מעשים וואָס ער האָט זיך ערוואָרבען. יעדער האָט „עולם הבא“, כאָטש ניט אַלע גלייך.

* * *

איידער דער רלב"ג קומט צו דער פראגע פון „ידיעה און בחירה“ בעהאַנדעלט ער די פראַגע פון חלומות, וואהרזאָגעריי און נבואה. געלעהרטער און פילאָזאָף וואָס ער איז געווען, איז ער דאָך בלויז אַ קינד פון זיין צייט און האָט זיך ניט געקענט איז גאַנצען בעפרייען פון די גלויבענס, וואָס מיר אין אונזער שטאָלץ רופען „אבער־גלויבענס“, פון זיינע צייט־גענאָסען. ער גלויבט אין דער ווירקונג פון די הימלישע קערפּערס אויף די פּאַסירונגען פון אונזער וועלט. און אויב די אַסטראָלאָגען טרעפען ניט שטענ־דיג מיט זייערע פּראָרויסזאָגונגען, איז עס „מחמת מיר זיינען אַזוי וויט פון יענע הימלישע קערפּערס סיי אין דער מאַ־טעריע און סיי אין רוים“. אז מיר קענען זיי ניט בעגרייפען פאָלשטענדיג מיט אונזערע חושים און מיר זיינען דארום ניט פעהיג אויסצושטודירען זייערע אייגענשאַפטען. ער גלויבט אויך אין דער מעגליכקייט פון וואהרזאָגעריי, און ער ווייס אפילו צו דערצעהלען פון חלומות וואָס זיינען מקוים גע־וואָרען. וועגען נבואה איז דאָך שוין ניטאָ וואָס צו רעדען, „וואָרים אַלע פעלקער זיינען אויף דעם מסכים“.

נון, וואָס איז אַלזאָ אַזוינס נבואה? אויך דער רמב"ם בעהאַנדעלט די דאָזיגע פראַגע, אָבער ער, דער רמב"ם בעהאַנדעלט איהר פון דער ריין - פּסי־כאָלאָגישער זייט. פאַר איהם איז די פראַגע, וועלכע גייסטיגע פעהיגקייטען מוז אַ מענש בעזיצען, אום ער זאָל ראוי זיין צו נבואה. ער קומט צום שלוס, אַז אַ נביא קען זיין נאָר אַזאַ מענש, ביי וועמען דער שכל און די פאַנ־טאַזיע האָבען דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון ענטוויקלונג.

דער רלב"ג גיט זיך אָפּ א חוץ מיט דער פּסיכאָלאָגישער זייט פון דער פראגע אויך מיט איהר פילאָזאָפישער זייט. ביי איהם איז די פראגע פון נבואה פערבונדען מיט דער פראגע פון פּאַראויסבעשטימונג און דעם מענשליכען פרייען ווילען: ווי אזוי איז די נבואה און פאראויסזאָגונג בכלל מעגליך, אויב מען זאָל אננעהמען, אז דער מענש האט א פרייען ווילען? אויב דער נביא צי, להבדיל, דער וואהרזאגער, קען וויסען פון פאראויס, וואס עס וועט פּאַסירען, דאן וועט עס דאך הייסען, אז די פּאַסירונגען זיינען פון פאראויס בעשטימט, אז זיי זיי־נען אונפערמיידליך, און אויב דאס איז אזוי, האָט דאך דער מענש קיין פרייען ווילען ניט. און אויב א מענש האָט קיין פרייען ווילען ניט, טאָ וואס איז די פּעולה פון דעם נביא'ס שטראפען און ווארנען?

עס איז קלאָהר, אז דער נביא קען ניט וויסען פאראויס אזעלכע פּאַסירונגען, וואס זיינען ריינער צופאַל. אונטער דעם ווארט „צופאל" ווערט פערשטאנען א פּאַסירונג וואס קען פּאַרקומען אי אזוי אי אנדערש, און ביי א פּאַסירונג וואס קען זיין אי אזוי און אי אנדערש, איז דאָך ניט שייך ווי־סען. ווייל אונטער דעם ווארט „וויסען" פערשטעהען מיר עטוואס בעשטימטעס, זיכערעס, אין וואס עס קען קיין ספק ניט זיין, וואו עס איז ניטאָ קיין צווייערליי מעגליכקייטען. „וויסען און מעגליכקייט" זיינען אַ תרתי דסתרי, א סתירה אין זיך גופא, וואס שליסען אויס איינע די אַנדערע.

ווי קען, אלזאָ זיין אי נבואה און אי פרייער ווילען, און וואס פאר א זינן האט נבואה, אויב קיין פרייער ווילען איז ניטאָ? ווי קריכט מען דאָ ארויס פון דעם פּלאָנטער?

דער ר ל ב " ג זאָגט ארויס אַ געדאנק, וועלכער וואָלט געקלונגען העכסט מאָדערנע, ווען ער וואָלט איהם ארויסגעזאָגט אין מאָדערנע ווערטער און אין א מאָדערנע טערמינאָלאָגיע: די וועלט און איהרע פּאַסירונגען, קליינע ווי גרויסע, ווערען רעגיערט דורך אייביגע, פעסטגעשטעלטע געזעצע; זיי זיינען אונפערמיידליכע פאלגען פון אורזאכען.

קיינע צופעלע זיינען ניטאָ. אפילו אזעלכע פאסירונגען, וועל־כע ווייזען אונז אויס צו זיין ריין צופעליגע האָבען אויך א גע־וויסען סדר און אָרדנונג. די מענשליכע האנדלונגען ווערען אויך רעגולירט פֿון די דאָזיגע אלגעמיינע געזעטצע. אָבער דער מענש בעזיצט שכל, און דורך איהם קען ער אין געוויסע פעלע דורכזעטצען זיין ווילען געגען דיא נאַטירליכע געזעטצע. דער מענשליכער שכל, און דער פרייער ווילען אלס רעזולטאַט פֿון איהם, זיינען גופא א טהייל פֿון דיא בעשטימענדע אורזאכען. דער מענשליכער שכל גופא איז א טהייל פֿון דער יעניגער נאַ־טור, וועלכער בעאיינפלוסט איהם אין זיינע האנדלונגען. אויף אזוי וייט וויא דער איינפלוס פֿון שכלווירקט, און נור אויף אזוי וייט, האָט דער מענש א פרייען ווילען. געברויכט אָבער דער רלב"ג דיא שפּראך און דיא טערמינאלאגיע פֿון די מיטעלאלטערליכע פילאָזאָפען, און אָט ווי דער דאָזיגער גע־דאנק קומט ארויס :

אלע פאסירונגען אויף דער וועלט ווערען רעגולירט פֿון דיא הימעלשע קערפּערם, וועמעס איינפלוס קען ניט אויסגע־מיטען יוערען. דיא פאסירונגען, וועלכע ווייזען אונז אויס וויא צופעליגע זיינען אין דער אמת'ן אויך בעגרענעצט און רעגולירט פֿון זיי, אפילו ווען איינער איז מזל'דיג און דער אנ־דערער ניט איז אין דעם אויך פאראנען א סדר*). דער מענש אָבער, זייענדיג בעשאנקען מיט'ן שכל וואס מאכט איהם פאר א שותף מיט דיא הימעלשע וועזענס און בעזיטצענדיג א פרייען ווילען קען קעמפּפען געגען זייער ווירקונג. די דאָזיגע צופעליגע פאסירונגען קענען דארום בעטראכט ווערען פֿון צוויי זייטען ; 1) זיי זיינען אונפערמיידליך מצד דער וויר־קונג פֿון דיא הימעלשע קערפּערם און 2) זיי זיינען מעגליכע

*) ונאמר שכבר יראה במה שבקרי ובהזדמן שיש לו סדור מה, עד שנבר ימצאו אישים רבים תרבינה הצלחות כל איש ואיש מהם המתחדשות לו בקרי. והם האנשים הנקראים טובי המזל. וימצאו אנשים אחרים תרבינה רעות כל איש ואיש מהם המתחדשות לו בקרי, והם האנשים הנקראים רעי המזל. וזה ממה שיחייב שיהיה למה שבקרי הגבלה וסדור באופן מה (מלחמות ה', מאמר ב', פרק ב').

מצד דעם מענשליכען שכל און פרייען ווילען. דער מענש איז טאקע דארום בעשאנקען געווארען מיט'ן שכל, כדי ער זאל זיך קענען בעפרייען פון דעם איינפלוס פון די הימעלשע קערפערס*).

דער נביא אדער וואהרזאגער קען פאראויס זאגען דיא פאסירונגען נאר אויף אזוי ווייט וויפיעל זיי זיינען אב־היינגיג און בעשטימט פון דעם איינפלוס פון די הימעלשע קערפערס. דער נביא קען אבער ניט פאראויסזאגען די פאסי־רונגען אויף וויפיעל זיי זיינען אבהיינגיג פון מענשליכען פרייען ווילען. דער נביא זעהט, למשל, אז אן אונגליק איז אונפערמיידליך אין א בעשטימטען לאנד אדער שטאדט, דאס הייסט אונפערמיידליך לויט די בעשטימונגען פון די הימעל־שע קערפערס. דער נביא ווארנט די מענשען פון דעם לאנד אדער פון דעם שטאדט, און די מענשען האבען דעם פרייען ווילען צו האנדלען אזוי, אז דער אונגליק זאל אויסגעמידען ווערען. דערפאר קען טרעפען, אז א נביא זאל נביאות זאגען וועגען דעם חורבן פון א לאנד אדער שטאדט, און די נביאות זאל ניט מקויים ווערען, ווי עס האט פאסירט מיט דעם נביא יונה און די שטאדט נינוה.

די פראגע איז איצטער, פון וועמען און ווי אזוי קריגט דער נביא זיינע ידיעות? דער נביא איז, לויט דעם רלב"ג, ניט מעהר ווי א מענש ביי וועמען דער שכל איז ענטוויקעלט צו דער העכסט־מעגליכער מדרגה. דאס איז נאך אבער ווייניג. ער דארף דערצו נאך בעזיצען די פעהיגקייט צו קוקען אויף זאכען פון א ריין שכל'דיגען שטאנדפונקט, ניט ווערענדיג

*) ... הנה יחויב שיהיו אלו המקרים מוגבלים ומסודרים מצד אחד, ובלתי מוגבלים ומסודרים מצד אחר. ואולם הצד אשר הם מוגבלים ומסודרים... הם מצד הגרמיים השמימיים. ואולם הצד אשר הם בו אפשריים ובלתי מוגבלים ובלתי מסודרים הוא השכל והבחירה הנמצאים בנו, כי השכל והבחירה יש להם שיניעו אותנו אל זולת מה שהוא מוגבל מפאת הגרמים השמימיים... הנה השגיח השם יתברך בנו, כששם בנו שכל בעל תכלית, להגיענו אל זולת מה שהוא מוגבל מפאת הגרמים השמימיים. (מלחמות ה', מאמר ב', פרק ב').

בעאיינפלוסט פון די אנדערע גייסטיגע פעהיגקייטען. ווי צום ביישפּיעל פון דער פאַנטאַזיע. וואָס מעהר ביי איינעם איז ענטוויקעלט דער שכל און וואָס מעהר ער האָט די פעהיגקייט „מתבודד צו זיין דעם שכל", דאָס הייסט, צו זעהען זאכען נאָר דורך דעם שכל, אלץ אַ גרעסערער נביא וועט ער זיין. ווי דער לעזער זעהט איז דער רלב"ג ניט מסכים מיט'ן רמב"ם, וועלכער זאָגט אז דער נביא מוז אויך האָבען אַן ענט־וויקעלטע פאַנטאַזיע. לויט דעם רלב"ג איז עס גאָר אַ שטערונג צו נבואה. דער נביא איז אַ מענש, ביי וועמען דער שכל שפּיעלט די איינציגע ראָלע. דער נביא קען דארום ניט זיין קיין אונוויסענדער מענש, ער מוז שטודירען און דערפאַר האָבען טאַקע די נביאים געהאַט תלמידים. דער וואהרזאָגער, דאַגעגען, איז אַ מענש ביי וועמען די פאַנטאַזיע איז הויך ענטוויקעלט און זי שפּיעלט ביי איהם די הויפּטראָלע. דער וואהרזאגער און חלומות־זעהער קענען זיין אונוויסענד, און עס וועט זיי ניט שטערען.

זייענדיג אַ מענש ביי וועמען דער שכל איז ענט־וויקעלט צו דער העכסטער מדרגה און אין דער זעלבער צייט בעזיצענדיג די פעהיגקייט צו קאָנצענטרירען אלע גייסטיגע פעהיגקייטען אין דעם שכל, ווערט דער שכל פון דעם נביא בעהעפט מיט דעם „שכל הפועל", פון וועמען ער קריגט די השפּעה און זיינע ידיעות. עס פערשטעהט זיך, אז ער קען פון דעם „שכל הפועל" ניט קריגען מעהר ידיעות ווי ער גופא, דער „שכל הפועל". ווייס. און אַזוי ווי דאָס וויסען פון דעם „שכל הפועל" איז פאָלקאָמען, און אַזוי ווי פאָלקאָמענער וויסען הייסט בעשטימטעס און זיכערעס און ניט עטוואָס וואָס איז אין ספק, קען דער „שכל הפועל" ניט וויסען זאכען וואָס זיינען בלויז מעגליך. קען דארום דער נביא אויך ניט וויסען אזעלכע זאכען.

און פונקט ווי אַ מענש וואָס בעזיצט וויסען האָט אַ תשוקה מיטצוטיילען זיין וויסען צו די אַנדערע מענשען, אַזוי האָט דער „שכל הפועל" אַ תשוקה צו זיין גנעדיג און מיט־טיילען זיין וויסען צו די מענשען וואָס זיינען ראוי דערצו.

דער „שכל הפועל“ קריגט זיין וויסען פון די שכל'ען פון די העכערע וועלטען, וועלכע וויעדער קריגען זייער וויסען פון דעם וועלט־שכל, פון גאט אליין. דער העכערער שכל איז גנעדיג צום ניעדריגערען און טיילט איהם מיט א טייל פון זיין וויסען (מלחמות ה', מאמר ב', פרק ו').

* * *

איצטער קומט די פראגע וועגען גאט'ס וויסען. וועגען דעם זיינען דא מיינונגס־פערשיעדענהייטען. מאנכע ווילען אויסטייטשען אריסטאטעלס'עס מיינונג, אז גאט וויים איבערהויפט קיין זאך ניט, ניט די ערשיינונגען בדרך כלל און ניט די פרטים. גאט איז אין זיין וועזען אן אבסאלוטע איינהייט, און ער קען דארום ניט וויסען מעהרערע זאכען. אנדערע מיינען, אז גאט וויים די ערשיינונגען בדרך כלל, לויט ווי זיי מוזען פארקומען צוליעב זייער נאטור; ער וויים זיי אבער ניט מצד זייערע פרטים, וועלכע זיינען בלויז מעגליך און ניט נויטווענדיג.

דער רלב"ג ברענגט א גאנצע רייהע פון זייערע ארגומענטען, פון וועלכע דא וועלען געבראכט ווערען איינינע:

1) די פרטים פון די ערשיינונגען ווערען בעגריפען דורך דעם „שכל ההיולאני“, דורך די חושים און דעם דמיון. גאט בעזיצט אבער ניט קיינע חושים און ער קען זיי דארום ניט וויסען. דער סיללאגיזם וועט זיין אזוי: גאט האט ניט קיין חושים; אלע וואס בעגרייפען איינצעל־ערשיינונגען מוזען האבען חושים; פאלגליך, גאט וויים ניט די איינצעל־ערשיינונגען.

2) איינצעל־ערשיינונגען קומען פאר אין דער צייט, וואס דאס מיינט ענדערונג און בעוועגונג. ביי גאט איז עס ניט שייך, פאלגליך קען ער ניט וויסען קיין איינצעל־ערשיינונגען.

3) אויב גאט וויים די איינצעל־ערשיינונגען מוזען מיר זאגען איינס פון די דריי: 1) אז ער פיהרט זיי אויף דעם בעסט־מעגליכען אופן; 2) אז ער האט ניט ביכולת זיי צו פיהרען אויף דעם בעסטען אופן; 3) אז ער קען זיי יע פיהרען

אויף דעם בעסטע אופן. נאָר ער וויל ניט צוליעב קנאה אדער ניט־פערגינען. די ביידע לעצטע זיינען אויסגעשלאָסען, ווייל ביי גאָט איז ניט שייך ניט־קענען און ניט־פערגינען, זיי זיינען געגען דעם בעגריף פון דעם וועזען פון גאָט. בלייבט ניט אנדערש ווי אנצונעהמען, אז גאָט פיהרט זיי אויף דעם בעסט־מעגליכען אופן. דאָס איז דאָך אבער געגען דער ערפאהרונג, ווייל מיר זעהען ווי גרויסע עולות און אונרעכטע ווערען בעגאנגען, ווי די גוטע ליידען און די שלעכטע זיינען גליקליך. מוזען מיר דארום אננעהמען, אז גאָט וויים איבער־הויפּט ניט די איינצעל־ערשיינונגען.

די וואָס האלטען זיך אז די מיינונגען פון דער תורה בעהויפּטען, אז גאָט וויים אלץ, די כללים און די פּרטים. זיי האָבען אויך ארגומענטען, וועלכע זיינען גאנץ וויכטיגע: 1) גאָט איז דאָס פאָלקאָמענסטע, וואָס מיר קענען זיך פאָר־שטעלען. ווי איז אלזאָ מעגליך, אז ער זאָל ניט וויסען? איז דען ניט אונוויסענהייט פון די גרעסטע חסרונות? 2) ווי אזוי קענען מיר זיך פאָרשטעלען, אז דער מייסטער פון א זאַך זאָל ניט וויסען זיין שעפּפונג? דער קינסטלער וויים זיין שעפּפונג סאי בדרך כלל און סאי בדרך פּרט.

דער רמב״ם האלט זיך מיט דער מיינונג, אז גאָט וויים אלץ, אלע פּרטים. די טענות פון די פילאָזאָפען פער־ענטפערט ער דערמיט, וואָס גאָט'ס וויסען איז אנדערש ווי אונזער וויסען. דער טעות פון די פילאָזאָפען, מיינט דער רמב״ם, בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי מישען צונויף אונזער מענשליכען וויסען מיט גאָט'ס וויסען, און דעריבער קומען זיי מיט זייערע טענות. דער אמת איז אָבער, אז גאָט'ס וויסען איז אין גאנצען אנדערש ווי אונזערער. ער איז אנדערש אין דעם „ווי אזוי״ (איכות) און ניט בלויז אין דעם „וויפיעל״ (כמות). מיר געברויכען, אמת, דעם זעלבען וואָרט פאָר גאָט'ס און אונזער וויסען, אבער דאָס איז דערפאָר ווייל מיר האָבען ניט אין דער מענשליכער שפּראַך קיין פּאסענדערען וואָרט. און ווייל די פילאָזאָפען מישען צונויף דעם געטלי־כען און דעם מענשליכען וויסען, מיינען זיי אז פּונקט ווי מיר

קענען ניט בעגרייפען זאכען סיידען דורך אונזערע חושים. אזוי איז אויך מיט גאט; פונקט ווי מיר קענען ניט בעגרייפען דאס אונענדליכע. אזוי איז אויך מיט גאט; פונקט ווי מיר קענען ניט וויסען א זאך סיידען ווען זי האט שוין פאסירט און קענען ניט וויסען דעם אויסקום פון דעם מעגליכען אזוי אויך מיט גאט.

דער רלב"ג טרעט ארויס שארף געגען דעם רמב"ם, הויפטזעכליך פאר זיין בעהויפטונג, אז דאס וואס גאט וויים פון פאראויס, אז א בעשטימטע זאך וועט פאסירען, מיינט עס נאך ניט אז זי מוז פאסירען, ווייל גאט וויים דעם אויסקום פון דעם מעגליכען. ער בעשולדיגט דעם רמב"ם, אז ער בעהאנדעלט די פראגע ניט ווי א פילאזאף, נאר ווי א טעאלאג. „צוליעב דער תורה איז ער געצוואונגען געווארען אנצונעהמען אזא מיינונג". דער רלב"ג פרעגט: וואס מיינט דער רמב"ם מיט זיין בעהויפטונג, אז גאט וויים דעם אויסקום פון די מעגליכע פאסירונגען? מיינט ער צו זאגען, אז גאט וויים, דאס די מעגליכע פאסירונג וועט ממתמא פארקומען אזוי און ניט אנדערש, כאטש עס קען זיין אויך אנדערש, דאן איז עס בלויז א מיינונג און ניט קיין וויסען. אויב ער מיינט צו זאגען, אז גאט וויים אז א געוויסע פאסירונג וועט פאסירען אזוי און פונדעסטוועגען פאסירט זי אנדערש, דאן רופען מיר עס אונוויסען (סכלות) און ניט וויסען. אויב ער מיינט, אז גאט וויים דאס א בעשטימטע פאסירונג קען פאסירען אי אזוי אי אנדערש, דאן רופען מיר עס ספק און ניט וויסען. (מלחמות ה' מאמר ג' פרק ב'). דער רלב"ג טרעט ארויס בכלל געגען דעם רמב"ם'ס אטריבוטען־לעהרע. דער רמב"ם בעהויפטעט, אז די אלע „תוארים", וואס מיר ווענדען אן אויף גאט ווי חכם, גוטער, בארמהערציגער און אזוי ווייטער, דריקען ניט אוים דעם אמת'ען וועזען פון גאט. מיר געברויכען די דאזיגע ווערטער בלויז דערפאר, וואס מיר האבען קיין בעסערע ניט. אין דער אמת'ען האבען גאט'ס חכמה און אונזער חכמה, גאט'ס וויסען און אונזער וויסען, גאט'ס בארמהערציגקייט און אונזער בארמהערציגקייט קיין אינערליכען שייכות

ניט. זיי שיידען זיך אונטער אין מ י ן, און ניט בלויז אין מדרגה. דער רלב"ג פרעגט: אויב אזוי, קען מען דאָך זאָגען, אז גאָט איז א קערפּער און דערביי ערקלערען, אז קערפּער ביי גאָט איז אנדערש ווי ביי אונז? אויב גאָט'ס וויסען איז ניט אונזער וויסען איז דאָך גאָט'ס אונוויסען ניט אונזער אונוויסען, קענען מיר דאָך פּונקט אזוי זאָגען, אז גאָט איז אונוויסענד און דערביי ארויסגעהן מיט אַ ערקלערונג, אַז גאָט'ס אונוויסען איז אנדערש ווי אונזערער. אויב אונזערע בעגריפע קענען ניט אנגעווענדעט ווערען אויף גאָט, קענען מיר דאָך איבערהויפּט ניט דענקען וועגען איהם און זיינע אטריבוטען.

דער אמת איז, לויט דעם רלב"ג, אז אונזער וויסען און גאָט'ס וויסען, אונזער חכמה און גאָט'ס חכמה זיינען די זעלבע אין מ י ן, אין זייער ע צ ם; זיי שיידען זיך בלויז אונטער אין דער מדרגה. גאָט'ס וויסען, גאָט'ס חכמה און גאָט'ס גוטסקייט זיינען אונענדליך העכער און גרעסער ווי אונזערער. גאָט איז דאָס פּאָלקאָמענסטע און דאָס בעסטע וואָס מיר קענען זיך פאָרשטעלען, און אַלץ וואָס איז גוט, קלוג און שעהן שרייבען מיר איהם צו אין דער העכסטער מדרגה.

אויב גאָט'ס וויסען איז דאָס העכסטע און דאָס פּאָלקאָמענסטע און שיידעט זיך ניט אונטער אין וועזען פון אונזער וויסען, איז קלאָר, אז ער קען ניט וויסען דאָס וואָס איז מעגליך אי אזוי און אי אנדערש, אז ער קען ניט וויסען די מעגליכע פּאַסירונגען. דאָרטען וואו עס איז דאָ דער פּאָלקאָמענסטער וויסען קען ניט זיין קיין רייד פון א מיינונג, אַ טעות אָדער א צווייפעל.

גאָט וויים אלץ וואָס עס קומט פאר אין דעם גאנצען אוניווירזום מיט דעם העכסט־מעגליכען, העכסט־קלאָהרען, העכסט־אומפּאסענדען וויסען. ער מוז דאָס אלעם וויסען, ווייל דער אוניווערזום איז דאָך א געטליכע מחשבה, און עס איז דאָך אונמעגליך, אז גאָט זאָל זיין אייגענע מחשבה ניט וויסען. ער וויים דיא אלע זאכען לויט וויא זיי זיינען איינגעאָרדענט

פון דיא נאַטירליכע געזעטצע, אויף אזוי וויט וויא זיי זיינען אונפערמיידליך אין דעם אלגעמיינעם סדר פון די זאכען. ער וויים אָבער ניט דיא מעגליכע פאסירונגען אויף וויפיעל זיי זיינען אבהייננגיג פון דעם מענשליכען פרייען ווילען. ער וויים אלעס, די כללים און די פרטים; ער וויים אויך וואָס עס וועט פאסירען אין פאל דער מענש וועט אויס־קלייבען צו האנדלען אזוי אָדער אנדערש; ער ווייס אָבער ניט וויא אזוי דער מענש וועט אויסקלייבען צו האנדלען. אין דעם איינ־אָרדנען פון דער וועלט האָט גאָט בעשאָנקען דעם מענשען מיט א פרייען ווילען, און ער האָט דיא ברירה צו האנדלען ווי ער וויל. דאָס, זאָגט דער רלב"ג, קען בשום אופן ניט בע־טראַכט ווערען אלס א פחת, אלס א פערמינערונג, פון גאָט'ס ווימען, ווייל ניט וויסען דאָס וואָס מען קען ניט וויסען הייסט ניט אונוויסען.

אין דער פראגע פון „ידיעה און בחירה", פון גאָט'ס וויסען און דעם מענשליכען פרייען ווילען, קומט דער רלב"ג צום שלום. אז דער מענש האָט אַ פאָלשטענדיגען פרייען ווילען בנוגע זיינע האַנדלונגען, אויף וויפיעל זיי זיינען אבהייננגיג פון זיין פרייען ווילען, און אז אויף אזוי פיעל ווי דער מענש איז פריי וויים גאָט ניט, וויא זיין, דעם מענשען'ס, אויס־וואהל וועט זיין.

עס פערשטעהט זיך, אז דער רלב"ג געפינט דאָס זיין מיינונג איז איבעראיינשטימענד מיט דער מיינונג פון דער תורה בנוגע דער דאָזיגער פראגע. ער מיינט, און ניט מיט אונרעכט, אז דיא גאנצע תורה בעגרינדעט זיך אויפ'ן גערדאנק דאָס עס געפינען זיך האַנדלונגען, וואָס זיינען ניט אונפער־מיידליך נאָר מעגליך, און אז זיי זיינען אבהייננגיג פון דעם מענשליכען פרייען ווילען. ווען אלץ וואָלט געווען אונפער־מיידליך, פון פאָראויס בעשטימט, וואָס פאַר א זינן וואָלטען געהאַט דיא פערזאגען און דיא פערבאטען? גאָט וויים, וואָס עס וועט פאסירען אין פאל דער מענש וועט אויסקליי־בען דאָס גוטע אָדער דאָס שלעכטע, אָבער ער וויים ניט וויא

ער וועט אויסקלייבען. ער לערנט איהם דערפאר ווי אויס־צוקלייבען און ווארנט איהם דורך דיא נביאים, אז ער זאָל אויסקלייבען דאָס גוטע.

* * *

איצט קומט דער ר ל ב״ג צו דער פראגע וועגען גאָט׳ס השגחה, ער בריינגט 1) דיא מיינונג פון א ר י ס־ט א ט ע ל ס ע ן, אז גאָט׳ס השגחה בעציהט זיך בלויז אויף דעם מין אָבער ניט אויף דעם יחיד; 2) דיא מיינונג וויא דאָס רוב פערשטעהן דיא תורה, אז גאָט׳ס השגחה איז אויף יעדער יחיד, און 3) די מיינונג פון ר מ ב״ם, אז גאָט׳ס השגחה בעציהט זיך בכלל אויף דעם גאנצען מין מענשען. נאָר די איינצעלנע גליקליבע, וועמעס שכל׳ען עס קענען זיך בעהעפטען מיט׳ן „שכל הפועל״, שטעהען אונטער א ספּע־ציעלע אינדיווידועלע השגחה. דעם רלבג׳ס מיינונג איז נוטה צום רמבם׳ס.

בעטראכטען מיר דיא נאַטור, זעהען מיר ווי יעדע זאך געפינט זיך אין א בעשטימטען סדר און אָרדנונג, אין דעם בעסטען סדר און אָרדנונג. אין דער לעבעדיגער וועלט איז אַלעם איינגעריכטעט צום בעסטען פון דיא אַלע פערשיעדענע ברואים, אז יעדער פון זיי זאָל אָם בעסטען קענען פארטזע־צען און ענטוויקלען זיין מין. יעדער לעבעדיגער וועזען ווערט בעשאפען מיט ספּעציעלע אָרגאַנען, וועלכע פּאַסען זיך פאר איהם אָם בעסטען און האָבען דיא עובדא איהם צו פערהיטען פון שאדען. איין מין חיה בעזיצט הערנער, דער צווייטער מין קאָפּיטעס, דער דריטער שטאַרקע צייהנער און קינבאקען, כדי זיי זאָלען האָבען מיט וואס זיך צו שיצען פון זייערע שונאים אָדער צו קריגען זייער נאַהרונג. אנדערע מינים חיות בעזיטצען אינסטינקטען, וועלכע ווארנען זיי פון געפאהר, וויא א שעפּסעלע וואָס אַנטלויפט פון א וואָלף, כאָטש זי האָט איהם פריהער קיינמאָל ניט געזעהן. פויגלען ווייסען אינ־כטינקטיוו זיך צו בעהאַלטען פון רויב־פויגלען. ווינטער פלי־הען זיי, די פויגלען אין די ווארעמע געגענדען; זומער

קעהרען זיי זיך צוריק אין דיא קעלטערע געגענדען. קורץ, יע־דער מין פון דיא חיות האט זיך זיינע ספעציעלע ארגאנען און אינסטינקטען, וואס פאסען זיך פאר איהם אם בעסטען איהם אויסצוהיטען פון געפאהר. אין דעם, אין דעם דאזיגען וואונדערבארען סדר און ארדנונג, דריקט זיך אויס די געטלי־כע השגחה. די דאזיגע השגחה איז פערשפרייט אויף דעם מין בכלל.

בעטראכטען מיר דיא נאטור גענויער, וועלען מיר אויס־געפינען, אז וואס העכער א בעשטימטער מין שטעהט אויף דער מדרגה פון זיין ענטוויקלונג, אלץ פיעלפאכער און פער־שיעדענארטיגער זיינען זיינע ארגאנען און אינסטינקטען, וואס פערהיטען איהם פון שלעכטס און שאדען. אין אנדערע ווערטער ווען עס הייסען, אז דער העכערען מין קריגט א גרע־סערע השגחה. אבער דאס איז ניט דערפאר, ווייל גאט איז בע־סער צו איין מין וויא צום אנדערען, גאט איז צו אלעמען גלייך גוט, ווארים גאט'ס גוטסקייט איז גרענצלאז. דאס נעהמט זיך דערפון. וואס דער העכערער מין חיה, טאקע צוליעב דעם וואס ער געפינט זיך אויף א העכערע מדרגה, איז מעהר פעהיג מקבל צו זיין דיא השפעה פון דער געטליכער השגחה.

דער מין מענש שטעהט אויף דיא העכסטע מדרגה פון אלע אנדערע מינים חיות, און ער בעזיצט דארום דיא בעסטע וואפע געגען שאדען און שלעכטס, ער בעזיצט דעם שכל. זייענדיג דיא העכסטע חיה, קריגט ער דיא גרעסטע השגחה.

כל זמן דער מענש געפינט זיך אויף א ניעדריגע מדרגה פון דער ענטוויקלונג, כל זמן זיין שכל איז ניט גענוג שטארק ארויסענטוויקעלט, קריגט ער ניט קיין אינדיווידועלע השגחה. ער בעקומט בלויז די דאזיגע השגחה, וואס דער גאנצער מין מענש בכלל, אלס מין, קריגט. קוים האט אבער איינער ארויס־ענטוויקעלט זיין שכל צו א זעהר הויכער מדרגה, קריגט ער א אינדיווידועלע השגחה און ניט בלויז דיא השגחה פון דעם מין. דער הויך־ענטוויקעלטער מענש איז פשוט מעהר פעהיג מקבל צו זיין די געטליכע השפעה. זיין שכל קען זיך, אזוי צו זאגען, בעהעפטען מיט דעם „שכל הפועל“, און דורך דעם גופא קען

ער בעסער בעגרייפען דיא שלעכטע פּאָלגען, וואָס געוויסע האנדלונגען זיינע וועלען ארויסרופען, און ער וועט אַזוי ניט האנדלען. אין אנדערע ווערטער, ער קריגט מ מ י ל א און אלס א פּ ו ע ל י ו צ א פון זיין ענטוויקעלטען שכל א אינדיווידועלע השגחה. דיא השגחה פון גאָט אויף דעם מענ־שען איז אלזאָ א דאָפּעלטע: אן אלגעמיינע השגחה אויף דעם גאנצען מ י ן מענש בכלל און א אינדיווידועלע השגחה אויף דיא יחידים, וואָס דערהויבען זיך אויף דער נויטהיגער מדרגה. יעדער איינער קען זיך אָבער דורך לערנען, דורך פּאָר־שען, דורך שטודירען און דורך גוטע מעשים דערהויבען צו יע־נער מדרגה.

דיא פראגע בלייבט אָבער, וויא קומט עס וואָס מיר זעהן אָפט וויא שלעכטע מענשען לעבען אין וואוילטאָג און גוטע ליידען? וויא קומט עס, וואָס מאַנכע שלעכטע ליידען און מאַנכע זיינען גליקליך? ווי קומט עס ענדליך, וואָס אויך צווישען דיא גוטע געפינען זיך סאַי אַזעלכע וואָס ליידען און סאַי אזעלכע וואָס ליידען ניט? איז דען דאָס אלעס ניט ריינער צופאל? ווי קען עס שטימען מיט דעם בעגריף פון השגחה?

דער רלב"ג געפינט אויף דעם א תירוץ, וואָס איז אין פּאָלשטענדיגער הארמאָניע מיט זיין פילאָזאָפיע. ער טהיילט איין דעם מענשען אין דעם מענשען אלס חיה, מיט אלע זיינע ניעדעריגערע בעדירפניסע און אינסטינקטען, און אין דעם מענשען אלס מענש, אלס שכל'דיגער וועזען. אלס חיה איז דער מענש אונטערוואָרפען די אויביגע פעסטגעשטעלטע געזעצע פון דער נאַטור, וועמעס פאָלגען עס זיינען אונפערמיידליך. אלס חיה בעשטעהען דיא מענשליכע פערגעניגענס אין גוט עסען, און גוט שלאָפען, אין עשירות, און דעריבער איז אין דעם ניט שייך קיין ספּעציעלע השגחה. דאָס ווערט רעגולירט פון דיא הימעלשע קערפּערס, און דארום קענען זיין סאַי גוטע מענשען וואָס ליידען און סאַי גוטע מענשען וואָס זיינען גליק־ליך, סאַי שלעכטע מענשען וואָס ליידען און סאַי שלעכטע

מענשען וואס זיינען גליקליך. אין דעם איז ניטא קיין סדר, ווייל אין דעם איז ניטא קיין ספעציעלע השגחה.

אלס מענש, אלס שכל'דיגער וועזען, בעשטעהען די מענשליכע פערגעניגענס און דער מענשליכער גליק אין וויסען און אין ערווערבען זיך שכל'דיגע בעגריפע, „מושכלות". בנוגע דעם קען שוין ניט פאסירען, אז דער מענש וואס לערנט, שטודירט און פארשט זאל זיך ניט ערווערבען קיין שכל'דיגע בעגריפע, ווערהערענד דער וואס טהוט עס ניט זאל זיך יע ערווערבען. אין בעצוג צום ריין מענשליכען גליק, צו ריין מענשליכע פערגעניגענס, אין בעצוג פון ערווערבען זיך שכל'דיגע בעגריפע, קריגט יעדערער ווי ער פערדיענט. אין דעם איז דא בעשטראפונג און בעצאהלונג, און אלץ געהט אין א סדר און אין אן ארדנונג, דורך השגחה *).

* * *

דער רלב״ג איז ניט צופריעדען מיט דעם אריסטאטעלשען בעוויז פון גאט'ס עקזיסטענץ; ער געפינט אין איהם חסרונות. דער אריסטאטעל'ישער בעוויז איז, ווי עס איז שוין אונז בעקאנט, צום ערשטען אריינגעבראכט געווארען אין דער אידישער פילאזאפישער ליטעראטור דורך אבן־דאוד און שפעטער פון רמב״ם. בקיצור

*) אלא שכבר נראה במעט עיון כי הגמול והעונש האמתיים אינו באלו הטובות והרעות המורגשות. וזה שהגמול והעונש הנמצא לאדם במה שהוא אדם ראוי שיהיו בטובות האנושיות, לא בטובות והרעות אשר אינן אנושיות. ובחיות הענין כן, יהיו הטובות האנושיות בקנין הצלחת הנפש, כי הוא לאדם במה שהוא אדם, לא בקנין הערב במזונות ודברים המורגשים לפי שההזון וההרגש אינן לאדם במה שהוא אדם. והיו גם כן הרעות האנושיות בהעדר הצלחת הנפש, רצוני לאמר שיבצר ממנה שלמותה לא באלו הטובות והרעות המורגשות והמסודרות מהגרמיים. ולפי שקנין ההצלחה הנפשיית נמשך בעצמות לפעולות הטובות והישרות, והעדרו נמשך לפעולות המגונות; הוא מבואר שהגמול והעונש האמתי, והוא הטוב והרע הנמצא באדם במה שהוא אדם, הולך בסדר וישר לא יפול ממנה דבר. מלחמות ה', מאמר ד', פרק ו').

איז דער דאָזיגער בעוויז אזוי: יעדער זאך וואס בעוועגט זיך מוז האָבען א בעוועגער; דער בעוועגער מוז האָבען א צווייטען בעוועגער; דער צווייטער א דריטען און אזוי כסדר ביז דער אונענדליכקייט. וואס דאס איז דאך אונמעגליך. מיר מוזען דארום סוף כל סוף דערגרייכען מיט אונזער שכל צו א פּונקט, וואס איז דער אָנפאנג פון דער גאנצער רייהע פון בעוועגונגען. דאס הייסט פון א בעוועגער, וועלכער ווערט אליין ניט בעוועגט. דיעזער בעוועגער קען גיט זיין קיין קערפּער, ווייל א קערפּער קען זיך ניט בעוועגען אהן א בעוועגער; ער מוז זיין אייביג און אונענדליך, ווייל אויב ניט, וואלט ער ניט געקענט ארויסרופען די אייביגע און אונענדליכע בעוועגונגען פון די הימעלשע קערפּערס; ער קען ניט זיין קיין קערפּערליכע קראפט, ווייל א קערפּער מוז זיין ענדליך און דאס וואס איז ענדליך קען ניט פּראָדוצירען קיין אונענדליכע קראפט. יענער בעוועגער, וואס איז דער אָנפאנג פון אלע בעוועגונגען, קען אלזא ניט זיין קיין קערפּער, ניט קיין קערפּערליכע קראפט, מוז זיין אייביג און אונענדליך. אין אנדערע ווערטער: דער דאָזיגער אונבעוועגטער בעוועגער איז גאָט.

דער רלב״ג ארגומענטירט: ס'איז ניטאָ קיין אור־זאכע פאר וואס עס זאל ניט מעגליך זיין, אז א פּשוט'ע קערפּערליכע קראפט זאל ניט ארויסרופען אן אייביגע בעוועגונג. עס איז אמת, מיר דאָ, אויף דער ערד, זעהען, אז יעדע בעוועגונג מוז געבראכט ווערען צו א שטיל־שטאנד, אויב זי ווערט ניט שטענדיג בעוועגט. אבער, טענה'ט ער, מען קען ניט ברענגען קיין ראיה פון דיא בעוועגונגען אויף אונזער ערד אויף דיא בעוועגונגען פון דיא הימלי־שע קערפּערס. דאָ, אויף דער ערד, ווערט די בעוועגונג געשטערט דורך אנדערע פיזישע קרעפטען: זי דארף ארבייטען געגען דער ווידערשטאנדס־קראפט פון דער לופט, פון דער צוציהונגס־קראפט און אזוי ווייטער. ווען מיר זא־לען זיך אבער קענען פארשטעלען א צושטאנד, וואו די דאָזיגע הינדערניסע וואלטען ניט געווען, וואלט יעדער קערפּער, וואס

איז איינמאל דורך וועלכע ניט איז אורזאכע געבראכט גע־וואָרען אין בעוועגונג, שטענדיג און אייביג געבליבען אין דעם צושטאַנד פון בעוועגונג. דער ר ל ב " ג בעווייזט דאָרטען אויף א מאַטעמאַטישען אופן דעם וואויל־בעקאַנטען פיזישען געזעץ, אז יעדער קערפער וואס איז איינמאל גע־בראכט געוואָרען אין בעוועגונג, וועט שטענדיג פאָרטזעצען זיין בעוועגונג, סיידען ער וועט אפּגעשטעלט ווערען פון אן אנדער קראַפט.

אויב דאס איז אזוי, אַרגומענטירט דער ר ל ב " ג, איז ניטאָ קיין אורזאכע, וואָרום די הימלישע קערפּערס, וועל־כע זיינען ניט געמאַכט פון די פיער עלעמענטען, וועלכע דאַרפען ניט איבערקומען דעם ווידערשטאַנד פון דער לופט, וועלכע ווערען ניט געצויגען דורך דער צוציהונגס־קראַפט צום צענטער פון דער ערד, פאַר וואס זיי זאָלען זיך ניט בעוועגען אייביג אפילו ווען זיי האבען געקראָגען דעם ערשטען שטוים צו זייער בעוועגונג פון א ריין פ י ז י ש ע ר קראַפט, וועלכע מוז ניט דוקא זיין אונענדליך. דער אַריסטאָטעלישער בעוויז פון ד'ע בעוועגונג קען בשום אופן ניט בעווייזען, אז די בע־וועגענדע קראַפט מוז דוקא זיין אן אונענדליכע און א אונ־קערפּערליכע, אז זי מוז דוקא זיין א געטליכע; אז די קראַפט איז דוקא א ש כ ל ' ד י ג ע.

דער רלב"ג בעגרינדעט דאָרום זיין בעוויז פון דער עק־זיסטענץ פון גאָט אויף דער פּלאַנמעסיגקייט און צוועקמעס־סיגקייט אין דער נאַטור:

יעדע פיזישע ערשיינונג מוז האבען אן אורזאכע. די וועלט, וועלכע איז א פיזישע ערשיינונג, מוז דאָרום האבען אן אורזאכע.

די אורזאכע קען ענטוועדער זיין א בלינדע ריין מעכאַ־נישע קראַפט, וואס ווירקט על פי מקרה, דורך'ן צופאַל, אהן א סדר און אהן א כונה אָדער א שכל'דיגע קראַפט, וואס האט א פּלאַן און א סדר אין איהר טהעטיגקייט. בעטראַכטען מיר די וועלט און איהרע ערשיינונגען, אנפאַנגענדיג פון די קלענ־

סטע און ענדיגענדיג מיט די גרעסטע. זעהט מען אין זיי א פּלאַן און א שכל, א צוועקמעסיגקייט און א כונה. אלץ איז איינגעאָרדענט אויף'ן בעסטען מעגליכען אופן. די טויטע און די לעבעדיגע נאַטור, אונזער ערד און די גאַנצע פּלאַנעטען־סיסטעם, אלץ פיהרט זיך מיט א סדר, אלץ איז צום בעסטען. און דאָס שליסט דאָרום אוים די מעגליכקייט פון א ריינעם צופאל. אויב די וועלט וואָלט געווען א רעזולטאַט פון דער צופעליגער טהעטיגקייט פון א ריין מעכאַנישער קראַפט, וואָלט זי, די וועלט, ניט אַרויסגעצייגט אזא מין פאָלקאָמענהייט. די פאָלקאָמענהייט פון דער וועלט בעווייזט אז זי איז די פאָלגע פון א פּלאַנמעסיגער טהעטיגקייט, די אַרבייט פון א שכל. א קראַפט וואָס וואָלט אַרבייטען בלויז צופעליג, מעכאַניש, אָהן א שכל, וואָלט נאָר אין א קליינעם טהייל פון די פעלע גע־קענט אַרויסברענגען פאָלקאָמענע רעזולטאַטען. די פאָלקאָ־מענהייט וואָלט געווען א צופעליגע אָבער ניט קיין שטענדיגע ערשיינונג.*)

די פראַגע איז איצטער: איז די דאָזיגע שכל'דיגע קראַפט אן אפּגעזונדערטער כח אויסערהאַלב דער וועלט אָדער זי איז די אור־קראַפט וואָס ליעגט אין דער וועלט גופא, אלס א טהייל פון איהר און איז איינס מיט איהר? איז די דאָזיגע קראַפט א „שכל נבדל", א בעזונדערע אינטעליגענץ, אָדער ניט? צו איז אפשר ניט מעגליך צו בעטראַכטען די וועלט אלס אן אַרויסענטוויקלונג פון דער דאָזיגער קראַפט פונקט

*) והנה הפועל אשר לא יכון בו תכלית, הנה הגעת התכלית בו הוא מיוחס אל ההזדמן והקרי. והוא מבואר שהוא מן השקר שתהיה זאת ההויה הנפלאה מיוחסת אל ההזדמן והקרי, כי מה שזה דרכו לא יהיה מגיע בו השלמות אלא מעט, ובמעט מהזמן ובמעט מהדברים. ואולם זאת ההויה ימצא בה מהשלמות שיעור נפלא, והוא גם כן בהרבה מהדברים ותמיד, ולזה הוא מבואר שאי אפשר בה שתהיה מפועל לא יכון בה תכלית. ובהיות הענין כן, הנה לא תשאר אלא שתהיה זאת הפעולה מפועל מכון בה התכלית אשר בעבודה היתה, ולזה היה שתתישר כל ההויה אל תכלית היותר שלם (מלחמות ה', מאמר ה', חלק ג', פרק ד').

ווי די חיות און די צמחים ענטוויקלען זיך ארויס פון דער זריעה? צי זאל מען אפשר דעם גאנצען אוניווערזום בעטראכטען ווי א געבארען־ווערען פון דער אור־וועלט־זריעה אין וועלכער אלץ איז שוין געווען בכוח (אין דער מעגליכקייט) און איז נאכדעם ארויס בפועל (אין דער ווירקליכקייט)? דער גאנצער אוניווערזום איז געווען, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, ווי אן איי, וואס איז נאך ניט אויסגעבריהט געווארען, וואו אלץ איז שוין אבער געווען, פון אויבען, אין כוח. אפילו די דאזיגע שכל'דיגע קראפט, וואס מען זעהט ארויס אין דער פלאנמעסיגקייט פון דער וועלט איז שוין געלעגען אין דער וועלט־איי גופא.

דער רלב"ג ארגומענטירט טיעף און אויספיהרליך דיא דאזיגע פראגע, און קומט נאך א לאנגע רייהע פון ארגומענטען צום שלום, אז דיא שכל'דיגע קראפט קען ניט ליגען אין דער וועלט־זריעה גופא, אויב אפילו מען זאל אננעהמען, אז אזא וועלט־זריעה האט באמת עקזיסטירט. ער בעווייזט, אז דיא שכל'דיגע קראפט, וואס ווירקט אין דער דאזיגער היפאטעטישער וועלט־זריעה וואלט געמוזט זיין אויסערהאלב איהר. ער געפינט, אז ניט בלויז וואלט יענע קראפט געדארפט זיין אויסערהאלב דער היפאטעטישער וועלט־זריעה, נאר אז דיא קראפט וואס ליגט אין דיא זריעה פון דיא צמחים און די חיות מוז אויך זיין געטליך און אויסערהאלב דער זריעה ניט אין איהר. ער מיינט, אז יענע וואונדערבארע קראפט, וואס ליעגט אין דעם קערענדיל פון דיא צמחים, וואס מאכט מעגליך, אז פון דעם קערענדיל זאל ווערען א גאנצער בוים; אז יענע וואונדערבארע, אונזיכטבארע קראפט, וואס מאכט מעגליך, אז פון דאס ביסעל פליסיגקייט זאל זיך קענען ארויסענטוויקלען א חיה אדער א מענש, אז דיא דאזיגע קראפט ליעגט ניט אין דער זריעה גופא, נאר זיא איז א געטליכע. דיא זריעה איז בלויז דיא מאטעריע אויף וועלכער דיא געטליכע קראפט ווירקט, דיא כלי דורך וועלכע דיא דאזיגע קראפט ארבייט. ער זעהט אין דער ערשיינונג פון פרוכטבארקייט א געטליכע קראפט. ער זוכט צו בעווייזען, אז אויף אן אנדער

אופן קען דיא דאזיגע ערשיינונג ניט פערשטאנען און ער־קלערט ווערען. ער זעהט דיא ווירקונג פון דער געטליכער קראפט אין דעם, וואס אין דעם טראפען פון דער מענשליכער זריעה ליגט שוין בכח דער גאנצער צוקונפטיגער מענש, מיט אלע זיינע ארגאנען, געפיהלען און שכל.

ניט קיין בלינדע מעכאנישע קראפט, נאר א בעוואוסטע, שכל'דיגע קראפט איז דיא אורזאכע פון דעם אוניווערזום. דאס זעהט מען דערפון, וואס דיא וועלט האט א סדר און אן ארדנונג, א ציעל און א תכלית. א זאך וואס איז בעשאפען געווארען, האט א ציעל און א תכלית; א זאך וואס איז אייביג האט ניט קיין ציעל און קיין תכלית. קוים זעהט מען אין דער וועלט א ציעל און א תכלית, איז עס א סימן אז זי איז בעשא־פען געווארען, אז זי עקזיסטירט ניט פון אייביג.

עס זיינען דא שטארקע ארגומענטען דאפיר, אז דיא וועלט איז אן אויביגע. דער ר ל ב " ג ברייננט דיא אלע ארגומענטען און נאך א גרינדליכען קריטישען אנאליז קומט ער צום שלום, אז זיי זיינען ניט גענוג צו בעגרינדען דיא אויביגקייט פון דער וועלט. איינע פון דיא פעהלערען, וואס דיא אלע פילאזאפען, וועלכע גלויבען אין דער אויביגקייט פון דער וועלט בעגעהען, בעשטעהט אין דעם, וואס זיי אורטהיילען פון א טהייל אויף'ן גאנצען, פון פרט אויף'ן כלל. זיי ווענדען אן דיא געזעצע פון אונזער ערד, וועלכע איז בלויז א טהייל פון דער אוניווערזום אויף דעם גאנצען אוניווערזום. דאס מוז ברייגגען צו טעות'ן און צו פאלשע אויספיהרונגען. דער ר ל ב " ג אילוסטרירט דעם דאזיגען געדאנקען אויף'ן פאל־גענדען אופן: מיר ווייסען אלע, אז א מענש קען ניט לעבען סיידען ער האט פערדייאונגס־ארגאנען, דורך וועלכע ער קריגט זיין נאהרונג. אויף'ן גרונד פון דעם קענען מיר קומען צום שלום, אז דער מענש האט עקזיסטירט איידער ער האט עקזיסטירט. דער געדאנקען־גאנג וועט זיין אזוי: 1) א מענש מוז האבען א מאגען, א לעבער, א הארצען, כדי ער זאל קענען לעבען; 2) דער מאגען, דער לעבער, דאס הארץ קענען ניט עקזיסטירען אליין אהן דעם מענשען; 3) פאלג־

ליד. דער מענש האט געמוזט עקזיסטירען איידער ער האט עקזיסטירט. דאס איז אבער אן אונזינן. און דער טעות נעהמט זיך דערפון, וואס מיר אורטהיילען פון דעם מענשען'ס נאהרונגס־ארגאנען, וועלכע זיינען בלויז א טהייל פון דעם מענשען, אויף דעם גאנצען מענשען. מיר אורטהיילען פון געוויסע טהיילען פון מענשליכען קערפער, וויא דער מענש איז איצטער אויף א צייט ווען ער איז נאך ניט געווען אזוי וויא איצטער. אין דעם איצטיגען צושטאנד פון ז י י ן, מוז דער מענש האבען זיינע פערדייאונגס־ארגאנען וויא זיי זיינען איצטער; אין דעם פראצעס פון ו ו ע ר ע ן, איז דער דאזיגער כלל ניט גילטיג, ווייל אלע ארגאנען האלטען אין ווערען און דאן איז נאך ניט נויטהיג דער מאגען, דער לעבער און דאס הארץ וויא זיי זיינען איצטער. (מלחמות ה', מאמר ו', חלק א', פרק ד').

דאס זעלבע איז בנוגע דער וועלט־ו ו ע ר ע ן. דער גאנצער אוניווערזום דארף בעטראכט ווערען וויא איין גאנצעס, און דיא געזעצע וואס זיינען גילטיג אויף געוויסע טהיילען פון איהם קענען ניט אנגעווענדעט ווערען אויף איהם אין גאנצען. דער פראצעס פון ו ו ע ר ע ן בנוגע דעם אוניווערזום בכלל קען ניט פערגליכען ווערען מיט דעם צושטאנד פון ז י י ן בנוגע געוויסע טהיילען פון איהם. דער ר ל ב "ג בעמערקט, אז אויך דער ר מ ב "ם האט זיך שוין בענוצט מיט דעם דאזיגען ארגומענט, אבערביין ר מ ב "ם איז ער מעהר אלגעמיין. דער ר מ ב "ם מיינט, אז דיא נאטירליכע געזעצע פון א י צ ט ע ר, נאכדעם וויא דיא וועלט איז שוין בעשאפען געווארען, קענען ניט אנגעווענדעט ווערען אויף פ ר י ה ע ר, ווען דיא וועלט איז נאך ניט געווען. דער רלב"ג מיינט, אז די געזעצע מעגען זיין איינע און דיא זעלבע, אבער אז מען קען ניט אנווענדען דיא געזעצע פון א פרט, פון א טהייל, אויף'ן כלל, אויף'ן גאנצען.

די וועלט איז אלזא א ב ע ש א פ ע נ ע. זי איז בעשאפען געווארען פון א שכל'דיגער קראפט, וואס שטעהט

אויסערהאַלב דער וועלט. און וואס האָט געהאט דערביי א שכל און א כונה. מאַנכע זיינען מיט דער מיינונג, אז עס זיי־נען בעשאַפען געוואָרען און חרוב געוואָרען וועלטען איינע נאָך דער אַנדערער און אז די וועלט איז בשום אופן ניט די ערשטע. די זעלבע שאַפענדע קראַפט האַלט אין איין שאַפען, און די וועלט מוז אונטערגעהן, ווייל מאַטעריע איז אונטערוואָרפען דעם פּראָצעס פון צופאַלען און אונטערגאַנג. אַנדערע זיינען מיט דער מיינונג, אז די וועלט איז שטענדיג אין א צושטאַנד פון ו ו ע ר ע ן, ניט פון ז י י ן: דאָס מיינט, די וועלט איז ניט איינמאַל פאַר אַלע מאָל בעשאַפען געוואָרען אויף איי־ביג, נאָר אז זי ווערט יעדע מינוט פון דאָס ניי בעשאַפען, זי איז אין אונאויפהערליכער פּראָצעס פון ווערען. זי איז געגלי־כען צו א פליסענדען טייך, וואו דאָס וואַסער וואָס מיר זעהען אין דעם איצטיגען מאָמענט איז ניט דאָס זעלבע וואָס מיר האָבען געזעהן מיט א מאָמענט פריהער. דעם ר ל ב"ג'ס מיי־נונג איז, אז די וועלט איז די ערשטע און אז זי איז בעשאַפען געוואָרען איינמאַל פאַר אַלע מאָל: זי געפינט זיך שטענדיג אין א צושטאַנד פון ז י י ן און ניט פון ו ו ע ר ע ן. ער מיינט, אז א צושטאַנד פון ו ו ע ר ע ן הייסט זיין און ניט זיין אין איין און דער זעלבער צייט, וואָס דאָס איז אן אונמעגליכקייט.

די וועלט איז א בעשאַפענע. די פראַגע, ווארום זי איז ניט בעשאַפען געוואָרען פריהער, געפינט דער ר ל ב"ג פאַר ניט וויכטיג. איינמאָל האָט זי דאָך געמוזט בעשאַפען ווערען, און ווען מיר זאָלען זיך פאָרשטעלען, אז זי וואָלט בעשאַפען גע־וואָרען מיט מיליאָנען יאָהרען פריהער, וואָלט דאָך נאָך אַלץ געבליבען דיזעלבע פראַגע: פאַר וואָס איז זי ניט בעשאַפען געוואָרען נאָך פריהער.

דער ר ל ב"ג זוכט צו בעגרינדען זיין מיינונג, אז די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען. ער ברייננט פערשיעדענע ראיות אויף דעם. איינע פון די דאָזיגע ראיות איז, אז ווען די וועלט וואָלט געווען אייביג און דער מענש וואָלט געווען פון אייביג, וואָלט שוין דער מענש געדאַרפט דערגרייכען א פיעל העכערע מדרגה פון קולטור און וויסען.

די וועלט איז בעשאפען געווארען און זי האט דארום אן אנפאנג, אבער דערפון איז נאך ניט געדרונגען, אז זי מוז האבען אן ענדע. זי איז ענדליך בנוגע איהר אנפאנג, אבער זי איז אונענדליך בנוגע איהר ענדע. זי קען צושטערט ווערען, אויב גאט וועט אזוי וועלען, אבער זי מוז ניט צושטערט ווערען.

איז די וועלט בעשאפען געווארען פון עטוואס אדער פון גארנישט? דער רלב"ג בריינגט ארגומענטען געגען די דאזיגע ביידע השערות. זיי זיינען ביידע אונמעגליך. פון גארנישט קען ניט ווערען עטוואס, און די וועלט האט דארום ניט געקענט ווערען פון גארנישט. ע איז אבער אויך אונמעגליך אנצונעהמען די השערה, אז עטוואס האט עקזיסטירט פון אייביג, איידער די וועלט איז בעשאפען געווארען, א חוץ גאט. דאס וואלט געמיינט, אז עס איז דא עטוואס געטליכעס א חוץ גאט. דער רלב"ג געהט זיך פערנאנדער מיט דעם רמב"ם און די אנדערע אידישע פילאזאפען, וואס האבען בעהויפטעט, אז די וועלט איז בעשאפען געווארען פון גארנישט. ער מאט אזא מין פשרה: עס האט זיך געפונען א מין עטוואס, אן אור־מאטעריע, וואס האט ניט געהאט קיין שום פארם און קיין שום בעוועגונג. מאטעריע אהן פארם און אהן בעוועגונג געפינט זיך ניט אין ווירקליכער עקזיסטענץ. ווייל מאטעריע עקזיסטירט דאן, ווען זי האט פארמע און בעוועגונג. הייסט עס, אז מען קען ניט זאגען, אז די אור־מאטעריע האט עקזיסטירט צוזאמען מיט גאט, ווייל זי האט ניט געהאט קיין פארמע און האט ניט עקזיסטירט אין ווירקליכער עקזיסטענץ. דער חילוק צווישען זיין, דעם רלב"ג'ס, מיינונג, און די פלאטאנישע טעאריע פון מאטעריע בעשטעהט אין דעם, ווי דער רלב"ג גופא ערקלערט, וואס לויט פלאטא האט די מאטעריע געהאט בעוועגונג און פאלגליך פארמע, ווערענד לויט דעם רלב"ג

אין די מאַטעריע פאַרמלאָז און בעגונגסלאָז*). די אנוועגדונגען וואָס ווערען געמאַכט געגען פּלאַטאָ'ס טעאָריע זיינען דאַרום ניט גילטיג געגען דעם רבל"ג'ס מיינונג.

אין דעם לעצטען קאַפּיטעל פון זיין ווערק זוכט דער רלב"ג צו בעווייזען, אַז זיינע מיינונגען זיינען אין איינפערשטענדנים מיט די מיינונגען פון דער תורה.

*　　*　　*

דער ר ל ב"ג איז געווען דער גרעסטער און מען קען איהם אויך רעכענען פאַר דעם לעצטען פון די אידישע פילאָזאָפען אין דרום פראַנקרייך. די אידישע קולטור אין פראַנקרייך, סאַי די תלמודישע פון צפון פראַנקרייך, סאַי די פילאָזאָפישע און וויסענשאַפטליכע פון דרום־פראַנקרייך, איז מיט געוואַלט איבערגעריסען געוואָרען דורך די שוידערליכע רדיפות און די מעהרערע גירושים. דער לעצטער גירוש איז פאַרגעקומען אונטער דער הערשאַפט פון ט ש אַ ר ל ס דעם זעקסטען ביין ענדע פון פערצעהנטען יאָהרהונדערט. פראַנקרייך האָט ארויסגעטריבען די אידען פון יעדען נייען פּראָווינץ, וואָס זי האָט אננעקסירט. פאַר קנאַפּע דריי הונדערט יאָהר זיינען כמעט ניט געווען קיינע אידען אין פראַנקרייך. ערשט ביין ענדע פון זיעבצעהנטען יאָהרהונדערט, ווען ל ו א י ם דער פערצעהנטער האָט פערכאַפּט ע ל ז א ס, וואו עס האָט זיך געפונען א בעדייטענדע אידישע בעפעלקערונג, האָבען זיך פון דאָס נייע אנגעפאַנגען צו בעווייזען אידען אין פראַנקריין. לכתחילה האָט לואים געהאַט בדעה אין גאַנצען ארויסצוטרייבען די אי־

---

*) ...כדי מפני שכבר היה מחויב בזאת ההויה אשר התבאר חיובה במופתים רבים, שתהיה אם יש מיש אם יש מאין, וכבר התבאר שאי אפשר שתהיה באחד מאלו הפנים, הנה לא ישאר אלא שתהיה יש מאין מצד, ויש מיש מצד. והנה זאת החלוקה היא אשר נעלמת מהקדמונים. ואולם היותה יש מיש היא שתהיה מגשם; ואולם היותה יש מאין שתהיה מגשם נעדר כל צורה... וזה כי מה שיתחוייב מהספק לאפלטון... הוא מפני מה שהיה מניח לזה הגשם תנועות מה. (מלחמות ה', מאמר ו', חלק א', פרק י"ז).

דען פון ע ל ז א ס, אבער ער איז שפעטער געווארען ווייכער און האט זיי דארטען געלאזען וואוינען, פאר וואס זיי האבען איהם געדארפט גאנץ פיין בעצאהלען.

מיט דער ענדע פון פערצעהנטען יאהרהונדערט ענדיגט זיך די אידישע קולטור אין פראנקרייך ביז דער נייעסטער צייט.

די אידען אין איטאַליען.

XI.

די אידען פון איטאליען. ר׳ ש ב ת י ד א נ א ל א, און זיין צייט. דער „קליינער יוסיפון” און זיין מחבר. דער תנא „דבי אליהו”. ר׳ נתן בר׳ יהיאל פון רוים און דער „ערוך”. ר׳ הלל בן שמואל פון וועראנא. ר׳ זרחיה אבו־חן.

אידישע קהלות, גרעסערע און קלענערע, האָבען זיך שוין געהאט געפונען אין פערשידענע שטעדט פון איטאַליען לאַנג איידער די צושטערונג פון דעם צווייטען בית המקדש. כל זמן די אידען האָבען געהאט זייער אייגענע לאַנד און זייערע אייגענע מלוכה זיינען זיי בעהאַנדעלט געוואָרען ניט ערגער ווי די בירגער פון אירגענד וועלכען אנדערען לאַנד, וואס איז געשטאַנען אין פריינדליכע בעציהונגען מיט דער רוימישער אימפעריע. ווען די אידען האָבען פערלאָרען זייער זעלבסט־שטענדיגקייט און ארץ ישראל איז ערקלעהרט געווארען אַלס א רוימישע פראווינץ, האָט זיך נאַטירליך זייער לאַגע געענ־דערט צום ערגערען. זיי זיינען בעהאַנדעלט געוואָרען ווי די אונטערטהאַנען פון א בעזיעגטען לאַנד. די אידישע לאַגע איז געוואָרען נאָך ערגער נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע פון די אידען געגען די רוימער, וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט דער פאַלשטענדיגער פערניכטונג פון דעם אידישען מלוכה־לעבען.

פון דער קולטורעלער און ליטעראַרישער טהעטיגקייט פון די איטאַליענישע אידען אין דער צייט פון וועלכער דאַ ווערט גערעדט, ווייסען מיר כמעט גאַר נישט. עס איז אָבער אָנצונעהמען, אַז די אידען האָבען אָנגעפיהרט אַ גאַנץ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדאַ פאַר די לעהרען פון יודענטהום, און אַז זיי זיינען געוויסער מאָסען געווען אין דעם ערפאָלגרייך. דאָס איז צו דרינגען דערפון, וואָס מאַנכע פון די רוימישע אימפּעראַטאָרס האָבען געפונען פאַר נויטיג אָנצונעהמען שטרענגע מאָסרעגעלען ניט בלויז געגען די אידישע פּראָפּאַגאַנדיסטען. נאָר אויך געגען די יעניגע רוימישע אַריסטאָקראַטען, וואָס זיינען בשתיקה אַריבערגעגאַנגען אָדער האָבען אַרויסגעצייגט צופיעל פריינדשאַפט צום יודענטהום.

ווען דאָס קריסטענטהום איז אין פיערטען יאָהרהונדערט געוואָרען די אָנערקענטע שטאַאַטס-רעליגיאָן, איז די אידישע לאַגע געוואָרען נאָך ערגער. די פערפאָלגטע קריסטליכע רעליגיאָן איז אַליין געוואָרען אַ פערפאָלגעריןן, און האָט אין דעם אַריבערגעשטייגט אַלע אַנדערע און פריהערדיגע רעליגיאָנען. מען מוז אָבער צוגעבען, אַז אַפילו אונטער דער קריסטליכער הערשאַפט איז די לאַגע פון די אידען אין איטאַליען צו יענער צייט נאָך געווען ערטרעגליך אין פערגלייך צו זייער לאַגע אין די שפּעטערע יאָהרהונדערטע אין די אַנדערע קריסטליכע לענדער.

שוין אין אַכטען יאָהרהונדערט האָבען זיך אין איטאַליען געפונען אידישע ישיבות, וואו דער באַבילאָנישער תלמוד איז געשטודירט געוואָרען. ווי עס ווייזט אויס, זיינען שוין דאַמאָלס די איטאַליענישע אידען געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון די „גאונים“ און די גרויסע ישיבות פון בבל, כאָטש עס איז ניט אין גאַנצען קלאָהר ווי אַזוי די דאָזיגע פערבינדונג איז פאָרגעקומען. לויט ווי עס ווערט דערצעהלט אין פערשיעדענע קוועלען, זאָל קאַרל דער גרויסער האָבען אַריבערגעבראַכט אַ אידיש־איטאַליענישען תלמודיסט, קלונימוס אָדער זיין זוהן משה פון לוקאַ, קיין מאַינץ, וועלכער האָט דאָרטען געגרינדעט די ערשטע ישיבה.

אויף אזא אופן קומט אויס, אז אין איטאַליען איז געשטאַנען די וויעגעלע פון דעם תלמודישען שטודיום, וועלכער האָט זיך שפּעטער אזוי שטארק ענטוויקעלט אין צפון־פראנקרייך, עלזאס און די רהיינישע פּראָווינצען.

א חוץ תלמודיסטען האָבען זיך אין איטאַליען אויך גע־פונען אידישע געלעהרטע און דאקטוירים, און גיעדעמאַן אין זיין ווערק: „די געשיכטע פון דער אידישער קולטור און ערציהונג אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער", ברענגט די נעמען פון אייניגע אידיש־איטאַליענישע געלעהרטע פון יענער צייט. דער אויבענדערמאָנטער ר' משה בר' קלונימוס פון לוקא איז אויך געווען א פּיטן און עס זיינען פון איהם גע־בליבען הימנען און תפילות.

דער ערשטער פון די אידיש־איטאַליענישע געלעהרטע און טאַקע אויך דער ערשטער העברעאישער שריפטשטעלער איבער וויסענשאפטליכע ענינים אין אייראָפּא בכלל, איז געווען ר' שבתי דאָנאָלאָ, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין יאהר 913 און איז געשטאָרבען מיט זיעבציג יאהר שפּעטער.

ר' שבתי דאָנאָלאָ קען זיך ניט פערגלייכען מיט די אידישע גדולים פון שפּאַניען צו אפילו מיט די דאָ־זיגע פון דרום פראנקרייך. די ספרים וואס זיינען געבליבען פון איהם האָבען בלויז א היסטאָרישען ווערטה.

ווען ער איז אלט געווען צוועלף יאהר איז ער צוזאַמען מיט זיינע עלטערען געפאַנגען געוואָרען פון ים־רויבער. איהם האָט מען אויסגעלייזט, וועהרענד זיינע עלטערען זיינען פער־פיהרט געוואָרען אין אפריקא, וואו מען האָט זיי פערקויפט אלס שקלאַפען.

דער יונגער דאָנאָלאָ האָט זיך גענומען צום שטודירען. אָבער דאַמאלס איז עס ניט געווען אזא לייכטע ארבייט. עס איז געווען שווער צו קריגען ביכער און נאָך שווערער צו קרי־גען רביים. וועלכע זאָלען פערשטעהן די ביכער. די קריסט־ליכע אייראָפּא איז דאַמאלס געלעגען אין דער טיעפסטער אונ־וויסענהייט, און דאָס זעלבע קען אויך געזאָגט ווערען וועגען

די איירָאפּעאישע אידען. אַט וואס דאנאלא דערצעהלט וועגען זיך: „איך האָב זיך זעהר פיעל אנגעשטרענגט צו לערנען און צו פערשטעהן די חכמות פון מעדיצין און אסטראלאָגיע. איך האָב זיך איבערגעשריבען די ביכער פון די פארצייטיגע אידישע געלעהרטע וועגען דעם.*) אבער קיינער פון די אידישע חכמים האָט זיי ניט פערשטאַנען... די אידישע חכמים האָבען פון די דאָזיגע ביכער ניט געהאלטען, ווייל זיי האָבען זיי ניט פערשטאנען... דארום האָב איך בעשלאָסען צו שטודירען און צו פארשען די חכמות פון די גריכען, פון די אראַבער, פון די באביליאנער און די הינדוסען, יעדער אין זיין שריפט און אין זיין שפראך. און איך האָב אויסגעפונען, אז זיי שטימען מיט די ביכער וואס זיינען געשריבען געווארען פון די אידישע חכמים וועגען די חכמות פון די שטערען און די מזלות".

ר' שבתי דאנאלא האָט אנגעשריבען א פירוש אויף דעם ספר יצירה, אונטער דעם נאָמען „חכמוני" אָדער „תחכמני". פון דאָרטען איז צו זעהן, אז ער איז געווען בעקאַנט מיט דער אראבישער פילאָזאָפיע. ער פיהרט דאָרטען דורך דעם געדאנק, אז דער מענש איז אַן „עולם קטן", וועהרענד די גאנצע שעפּפונג מיט גאָט איז דער „עולם גדול". ער פיהרט דורך א פערגלייך צווישען די מענשליכע גליעדער און טהיילען פון דעם אוניווערזום. דעם קאָפּ, צום ביישפּיעל, פערגליכט ער צום הימעל; די אויגען צו די זונן און די לבנה און אזוי כסדר. ער ענדיגט זיין פאַראלעל מיט די פאלגענדע ווערטער: „דאריבער איז דער וואס טויטעט א מענשען גלייך ווי ער וואָלט חרוב געמאַכט א גאנצע וועלט, ווייל דער מענש האָט אין זיך אליין טהיילען פון דער שעפּפונג און דעם רוחניותדיגען געשטאַלט פון גאָט".

דאנאלא האָט אויך געשריבען ביכער איבער מע־

*) דערפון קען מען ארויסדרינגען, אז אין דאנאלא'ס צייטען איז שוין געווען א העברעאישע וויסענשאפטליכע ליטעראטור, וועלכע איז א פנים פערלארען געגאנגען.

דיציז. זיינע מעדיציניש קענטניסע האט ער געקראגען פון גריכישע און סירישע קוועלען. פראגמענטען פון זיין בוך איבער מעדיצין זיינען אפּגעדרוקט געווארען אין „ווירכאָוו'ס ארכיוועז" דורך דעם בעקאנטען געלעהרטען שטיינ־שניידער, אונטער דעם נאָמען: דאָנאָלאָ'ס פאר־מאקאָלאָגישע פראָגמענטען. דאס איז א פּראקטישע אבהאנדלונג ווי אזוי צו פערפערטיגען רפואות פון פערשיעדענע גראָזען און וואָרצלען.

דאנאלא איז ניט געוועז דער איינציגער אידישער שרייבער אין איטאַליען אין יענער צייט. עס זיינען אויך געווען אַנדערע, וועלכע האָבען אָבער ניט געלאָזען זייערע נעמען אויף זייערע ספרים. דער מנהג אַנצוגעבען דיא נעמען פון בעריהמטע מענשען אויף דיא אייגענע ווערק איז, וויא עס ווייזט אויס, אויך געוועז פערשפּרייט אין איטאַליען. איינער פון דיא דאָזיגע ווערק איז דער „קליינער יוסיפון". וועלכער איז לויט דער מיינונג פון גידעמאַן און אַנ־דערע פאָרשער פערפאַסט געווארען פון אַ איטאַליעניש־אידישען שרייבער אין מיטען פון צעהנטען יאָהר־הונדערט. דער נאָמען פון דעם פערפאַסער ווערט אַנגעגעבען אָלס יוסף בן גוריון און פאַר אַ לאַנגע צייט האָבען פיעלע געגלויבט, אַז דאָס איז דער בעריהמטער אידישער היסטאָ־ריקער און גענעראַל יאָזעפוס פלאַוויאוס אָדער יוסף בן מתתיהו. דער דאָזיגער בוך, וועלכער גיט דיא היסטאָריע פון דעם אידישען פאָלק ביז דער צושטערונג פון צווייטען טעמפעל, איז פאַר פיעלע יאָהר־הונדערטע גע־ווען איינער פון דיא בעליעבטעסטע און פּאָפּולערסטע ביכער ביים אידישען פאָלק. ער איז אויך איבערזעצט געווארען אין אידיש און אונזערע מאַמעס און באָבעס פלעגען איהם ליי־ענען צוזאַמען מיט'ן „ספר הישר", „צאינה וראינה" און אַנ־דערע אָזעלכע ספרים.

ער איז געשריעבען אין אַ שעהנעם און לייכטען סטיל, און ווירקליכע היסטאָרישע פּאַססירונגען זיינען דאָרטען צו־נויפגעמישט מיט אַללערליי לעגענדען און מעשיות, וועלכע

האבען ניט קיין שום היסטארישען ווערטה אבער וועלכע מאכען דעם בוך פאר אנגענעהמע און אנציהענדע לעזע־שטאף.

אן אנדער וויכטיגער ספר פון בערך יענער צייט איז דער מדרש „תנא דבי אליהו". ווער עס איז געווען דער אמת'ער מחבר פון דעם דאזיגען מדרש איז ניט בעקאנט. ער איז געשריעבען אין א לייכטען און א רייכען העברייאיש. און איז פול מיט מאראלע לעהרען און גוטע עצות: „און דוא זאלסט ליעב האבען גאט דיין גאט, דאס מיינט דוא זאלסט גאט'ס נאמען מאכען בעליעבט ביי דיא מענשען. דו זאלסט וויסען דיא תורה, לעהרנען דיא תורה, און עהרליך האנדלען מיט דיא מענשען, כדי זיי זאלען זאגען, וואויל איז יענעם וועלכער האט געלעהרענט דיא תורה, וויא שעהן זיינען זיינע מעשים, וויא גוט זיינען זיינע וועגען... אבער ווען א מענש לעהרענט תורה און האנדעלט ניט עהרליך מיט דיא לייטען, און איז ניט פריינדליך מיט דיא מענשען — וואס וועט מען אויף איהם זאגען? מען וועט זאגען, איהר זעהט יענעם למדן, וויא שלעכט עס זיינען זיינע מעשים, וויא מיאוס עס זיינען זיינע וועגען; ניין, מיר ווען ועלען אונ־זערע קינדער ניט לעהרנען דיא תורה. קומט אויס, אז גאט'ס נאמען ווערט צוליעב איהם פערשוועכט. דערפאר האבען דיא חכמים געזאגט, זאל זיך א מענש דערווייטערען פון גזלה, סאי פון א אידען, סאי פון א פרעמדען".

„אט אזוי דארף זיך א מענש אויפפיהרען: בעשיידען ביי זיך אין הויז, פרום אין בית־המדרש, קלוג אין פרומקייט, קליגען זיך אין דער תורה, קלוג אין גוטע מעשים, שעהן און אנגענאהם פאר מענשען, מודה זיין אויפ'ן אמת און דער־ווייטערען זיך פון ליגען. ליעב האבען גאט, צי ער איז צו איהם גוט אדער ניט; טרויערען אויף דעם כבוד פון גאט און דעם כבוד פון דעם פאלק ישראל, האפען און געלוסטען, אז דער כבוד פון ירושלים, דער כבוד פון בית המקדש און דיא אידישע גאולה זאל וואס גיכער קומען".

מיט אזעלכע און עהנליכע דרשות איז דער „תנא דבי אליהו" פול.

איינער פון די וויכטיגסטע ספרים, וואס דאס איטאַליענישע יודענטהום האט פון זיך ארויסגעגעבען אין מיטעלאלטער און וואס האט נאך ניט פערלארען זיין בעדייטונג און וויכטיגקייט ביז היינטיגען טאג, איז דער „הערוך" פון רבי נתן ב"ר יחיאל הרומי.

רבי נתן איז געבארען געווארען אין רוים בערך אין יאהר 1035, און איז געשטארבען אין יאהר 1106. זיין פאטער ר' יחיאל איז געוועזן א גרויסער תלמודיסט און א פּיטן. זיינע ברידער זיינען אויך געוועזן בעריהמטע תלמודיסטען. ער האט זיי אלעמען אריבערגעשטייגט ניט בלויז אין זיינע תלמודישע נאר אויך און הויפּטזעכליך אין זיינע וועלטליכע קענטניסע.

אין זיינע יונגע יאהרען האט ער זיך אפּגעגעבען מיט מסחר, אבער ער האט עס באלד אויפגעגעבען און האט זיך גענומען צום לעהרנען. זיינע רביים זיינען געוועזן זיין פאטער און זיינע עלטערע ברידער, און שפּעטער איז ער אויך געפאהרען אין פראנקרייך, וואו ער האט געלעהרענט ביי דעם בעריהמטען ר' משה הדרשן.

וויא לאנג ר' נתן האט געארבייט אויף דעם „הערוך" איז ניט בעקאנט. עס איז אויך ניט בעוואוסט, צי ער אליין האט די גאנצע ארבייט געטאהן אדער צי ער איז בלויז געוועזן דער רעדאקטאר, וועלכער האט געהאט אונטער זיך א צאהל מיטארבייטער. עס לייגט זיך קוים אויפ'ן שכל, אז איין מענש זאל אליין קענען אויפטאהן אזא ארבייט. דערצו איז נויטהיג אן ענציקלאפּעדישען וויסען. דער „ערוך" איז מעהר וויא א תלמודישער ווערטער-בוך, ער איז א מין ענציקלאפּעדיע פון דער תלמודישער ליטעראטור. אין איהם זעהט מען ארויס ניט בלויז דעם מחבר'ס אלזייטיגע און ברייטע קענטניסע פון דער תלמודישער ליטעראטור, פון דעם תלמוד און זיינע מפורשים, נאר אויך א געוואלדיגע קענטניסע פון שפּראכען. א חוץ די אראמישע, פּערזישע, אראַ-

בישע, גריכישע, לאטיינישע שפראכען, האט דער מחבר — אדער דיא מחברים — אויך געקענט איטאליעניש און זאגאר מאנכע פון דיא סלאווישע שפראכען.

דיא בעדייטונג פון דעם הערוך פאר דעם שטודיום פון דעם תלמוד איז זעהר גרויס. ער ווערט פון מאנכע בעטראכט אלס בענייהע אזוי וויכטיג ווי די ווערק פון דעם „אלפס“ און „רש“י“. פאר דער וויסענשאפטליכער פאר־שונג פון דעם תלמוד און זיין שפראך איז ער אהן שום ספק פון דער גרעסטער בעדייטונג.

פון מאנכע פון זיינע ערקלעהרונגען איז צו זעהן, אז רבי נתן איז אויך בעקאנט געווען מיט דיא וויסענשאפטען פון זיין צייט און אז ער האט אויך געהאט א ידיעה וועגען מעדיצין.

אין דעם דרייצעהנטען יאהר־הונדערט זיינען דיא אי־טאליענישע אידען געקומען אין בעריהרונג און אונטער דעם איינפלוס פון זייערע ברידער אין שפאניען. א געוויסע צייט פריהער איז דער אבן־עזרא געווען אין איטאליען, וואו ער האט אנגעשריעבען מאנכע פון זיינע ווערקע.

אין דער צייט פון דער בענייאונג פון דער גרויסער מחלוקה וועגען רמב“ם און זיין „מורה נבוכים“, האט זיך אין איטאליען געפונען איינער פון די שטארקסטע אנהיינ־גער און פארקעמפפער פון דעם רמב“ם. דאס איז געווען ר' הלל בן שמואל פון ווערונא, וועלכער איז געבארען געווארען אין יאהר 1225 און איז געשטארבען אין 1295.

ר' הלל בן שמואל איז געווען איינער פון דיא בעדייטענדסטע תלמודיסטען פון זיין צייט אין איטאליען. זיין רבי אין תלמוד איז געווען ר' יונה גערונדי, איינער פון די אנפיהרער פון דעם ערסטען קריעג געגען דעם רמב“ם, וועל־כער האט אבער שפעטער חרטה געקראגען אויף דעם. ר' הלל אליין איז געווען זעהר פרום און דארום האט איהם קיינער ניט געקענט חושד זיין אין אפיקורסיש, ווען ער האט זיך אריינגעווארפען אין דעם קאמפף פאר דעם רמב“ם.

ר׳ הלל ווערט בעטראכט אלס איינער פון די וויכטיגסטע אידישע פילאָזאָפען אין מיטעל־אלטער. כאָטש ער זאגט ניט ארויס קיינע נייע געדאנקען. זיין הויפּט־ווערק איז זיין ספר „תגמולי הנפש“ (די בעצאהלונג פון דער נשמה), וואו ער בעהאנדעלט די פראגע פון אונשטערבליכקייט און בעצאהלונג און בעשטראפונג.

אין דעם דאָזיגען ספר צייגט ר׳ הלל ארויס א ברייטע בעקאנטשאפט מיט דער אידיש־אראבישער פילאָזאָפיע בכלל און מיט דעם מורה נבוכים בפרט. אין זיינע אנזיכטען איז ער נוטה צום אריסטאָטעליאַניזם, כאָטש ער איז ניט אין גאנצען פריי פון פלאַטאָנישע מיינונגען און אנזיכטען.

נאָך א בעדייטענדע פערזענליכקייט האָט אין יענער צייט געלעבט אין איטאליען, דאָס איז געווען ר׳ זרחיה אבן־חן. ער איז געווען א געבאָרענער פון באַרצעלאָנאַ, שפּאניען, אבער ער האָט זיך בעזעצט אין רוים און האָט דאָרטען פּראקטיצירט אלס דאָקטאָר.

ר׳ זרחיה אבן־חן צייכענט זיך אויס מיט זיין שאַרפען קריטישען שכל און מיט זיין פרייען גייסט. אין זיינע פירושים וואָס ער האָט געשריעבען אויף „איוב“ און „משלי“ ערלויבט ער זיך ארויסצוטרעטען זעהר שאַרף געגען די פריהערדיגע קאָמענטאַטאָרס. וועגען רמב״ן שרייבט ער: „דער רמב״ן האָט בלויז געוואוסט דעם תלמוד און האָט קיין שום אהנונג ניט געהאַט פון דער פילאָזאָפיע, דערפאַר איז ער ארויסגעטראָטען געגען דעם רמב״ם. ער האָט בעסער געדאַרפט שווייגען און ניט ריידען וועגען זאכען וואָס ער וויים ניט.“ ער רופט זיך אָפּ זעהר שאַרף אויך וועגען דעם אבן־עזרא און דעם רד״ק.

ווי זיין פריינד ר׳ הלל פון וועראָנאַ איז אויך זרחיה אבן־חן געווען א שטאַרקער אנהענגער פון רמב״ם בפרט און פון דער פילאָזאָפיע בכלל, אָבער ער איז געווען פיעל פרייער אין זיינע אנזיכטען און מיינונגען ווי זיין פריינד. דאָס האָט געפיהרט צו א צוזאמענשטויס צווישען זיי ביידען אויף זייערע עלטערע יאָהרען. אין דער צייט,

וואס ר' הלל האט געזוכט צו בעווייזען, אז דעם רמב"ם'ס מיינונגען שטימען איין אין אלע פרטים מיט די מיינונגען פון די חכמי התלמוד און ער האט אויף אזא אופן געוואלט כשר'ען דעם רמב"ם, האט זיך ר' זרחיה אבן־חן דערפון אויסגעלאכט. ער שרייבט צו זיין פריינד אין א בריעף: „ווען איינער האלט זיך אן די מיינונגען פון די פילאזאפען, זאל ער זיי ניט צונויפ־מישען מיט די מיינונגען פון דעם תלמוד. דעם טעות האט שוין געמאכט דער רמב"ן, וועלכער איז אמת געווען א גרויסער תלמודישער גאון, אבער ער האט קיין אהנונג ניט געהאט פון די וויסענשאפטען און א פשיטא שוין פון דער פילאזאפיע. און אויב דו ווילסט אויך געהן אויף דער דאזיגער וועג, טא קעהר זיך צוריק צו דעם לאנד פון דיינע עלטערען, רוף ארוים דיינע מלאכים וואס דארפען טבילה, וויקעל זיך איין אין טלית און תפילין און שטודיר דעם „ספר יצירה", דעם „בן־סירא" און נאך אזעלכע ספרים."

ר' זרחיה אבן־חן האט געהאט פיעלע תלמידים און אנ־הענגער אין איטאליען. דער וויכטיגסטער צווישען זיי איז געווען ר' עמונאל הרומי.

XII.

ר' עמאנועל הרומי און זיין צייט. די בעציהונגען צווישען די אידישע און די קריסטליכע געלעהרטע. יהודה רמאנא און ר' בנימין ב"ר משה. דער איינפלוס פון די אידיש־שפּאַנישע און פון די איטאַליענישע פּאָעטען אויף עמנועל'ען. עמנואל'ס פּאָרנאָגראפישע ליעדער. זיינע ליעבע־ליעדער. זיינע תפלות. זיין „עדן ותופת" (גן־עדן און גהינום) אין פערגלייך מיט דאנטע'ס „געטליכע קאָמעדיע".

ר' עמנואל בן שלמה בן יקותיאל הרומי איז געבאָרען געוואָרען אין רוים אין יאָהר 1270 און איז געשטאָרבען אין פּערמא צווישען 1330 און 1335. ער האָט אָפּגעשטאַמט פון א רייכער און אנגעזעהענער משפּחה, פון דער פאַמיליע ציפּראַני, וועלכע האָט געשפּיעלט א גרויסע ראָלע אין דעם לעבען פון דער אידישער קהלה אין רוים.

עמנואל איז געבאָרען געוואָרען אין אַ גינסטיגער צייט. גינסטיג אין דעם קולטורעלען זינן. דער דרייצעהנטער און פיערצעהנטער יאָהרהונדערט זיינען געווען די גלאַנץ־עפּאָכע פון דער אידיש־איטאַליענישער קולטור אין מיטעל־אלטער. די פרישע ווינטען פון דער נייער צייט, וואָס האָבען אָנגעפאַנגען בלאָזען איבער איטאַליען האָבען אויך ניט געלאָזען אונבעריהרט די איטאַליענישע אידען. די אידען פון איטאַליען האָבען צו יענער צייט פון זיך ארויסגעגעבען אַ גאַנצע רייהע פון געלעהרטע און אויפגעקלעהרטע מענשען, וועלכע האָבען געשפּיעלט ניט קיין קליינע ראָלע אין דער

אלגעמיינער ערוואכונג פון דער אויפלעבונגס־צייט. א חוץ זייערע אייגענע ספרים, האבען די דאזיגע אידישע געלעהרטע זיך אפגעגעבען מיט איבערזעצונגען פון אראביש און העב־רעאיש אין לאטייניש און איטאליעניש. זיי האבען געזוכט צו בעקאנען פון איין זייט די קריסטליכע וועלט מיט די ווערק פון די אראבישע און אידישע דיינקער, וועהרענד פון דער אנדערער זייט האבען זיי אויך געזוכט צו בעקאנען די אידען מיט די ווערק פון די קריסטליכע דענקער.

די בעציהונגען פון די דאזיגע אידישע געלעהרטע צו דער קריסטליכער אינטעליגענץ איז געווען א ברייטע און אן אלגעמיין־מענשליכע, אויב ניט קיין זעהר פריינדליכע. דאס זעלבע קען אויך געזאגט ווערען וועגען די בעציהונגען פון דער קריסטליכער אינטעליגענץ צו דער אידישער. ביידע צדדים זיינען ביי זיך געווען זיכער, אז נאר זיי זיינען אויף דער ריכטיגער וועג, וואס פיהרט גלייך אין גן־עדן אריין, אבער דאס האט זיי פון דעסטוועגען ניט געשטערט צו טאלע־רירען איינע די אנדערע און צו לערנען איינע פון די אנדערע. איבערהויפט איז עס געווען דער פאל מיט די אידישע גע־לעהרטע, וועמעס ליעבע צו דער וויסענשאפט איז געווען גרע־סער ווי זייער קנאה פאר דעם גלויבען.

אינטערעסאנט אין דער דאזיגער בעציהונג זיינען די ווערטער פון יהודה ראמאנא אדער ר׳ יהודה הפלוסוף אין זיין הקדמה צו דיא „מאמרים“ וואו ער האט איבערזעצט אויסציגע פון די קריסטליכע פילאזאפען: אוגוסטין, אלבערט דער גרויסער, טהאמאס אקווינא און אנדערע. ער שרייבט: „אזוי ווי איך זעה, אז אונזער פאלק בעריהמט זיך מיט דער גרויסקייט פון זיין חכמה און בילדונג, און ער מיינט, דאס די אנדערע פעלקער בעזיצען ניט די אמת׳ע וויסענשאפט, געפין איך פאר נויטיג איבערצוזעצען פון זייערע אבהאנדלונגען איבער די וויסענשאפטען, כדי צו בעווייזען זייער חכמה און פערשטאנד. איך האב די דאזיגע אבהאנדלונגען ניט צוזא־מענגעשטעלט אין א געהעריגען סדר, ווייל מיין הויפט אויפ־

גאבע איז געווען צו בעווייזען די פאָלקאָמענהייט פון זייערע געלעהרטע.“

דער דאָזיגער יהודה ראמאנא איז געווען א אינגערער צייט־גענאָסע פון עמנואל׳ען. ער איז געבאָרען גע־וואָרען אין יאָהר 1292 און איז געשטאָרבען אין צווייטען העלפט פון פיערצעהנטען יאָהרהונדערט. א חוץ איבערזע־צונגען האָט ער אויך געשריעבען אָריגינעלע ספרים איבער פערשיעדענע ענינים. עמנואל זאָגט וועגען איהם: „ער איז דער קרוין פון זיין צייט“. ער דערצעהלט אויך, אז ער האָט פון איהם אלץ געלערענט.

אן אנדער גרויסער אידישער געלעהרטער פון יענער צייט אין רוים איז געווען ר׳ בנימין ב״ר משה, וועמען עמנואל בעצייכענט „אלס דער פאָטער פון אלע מאַטהעמאַ־טיקער“. דערצו האָבען זיך דאָמאָלס אויך אויפגעהאַלטען אין רוים די פראַנצויזישע אידישע געלעהרטע און פּאָעטען ווי יעקב אנאטאלי און קלונימוס בן קלונימוס.

אזא איז געווען די צייט אין איטאליען, ווען עמנואל איז געבאָרען געוואָרען. עס פערשטעהט זיך, אז עמנואל האָט א חוץ א גוטע אידישע ערציהונג פון ביבעל און תלמוד אויך גע־קראָגען א גרינדליכע וועלטליכע ערציהונג, שטודירענדיג פי־לאָזאָפיע, די וויסענשאַפטען און מעדיצין, וועלכע איז דאָ־מאָלס כמעט אין גאַנצען געווען א אידישע חכמה און געלעגען אין אידישע הענד.

ווי עס ווייזט אויס האָט זיך עמנואל אָבגעגעבען מיט דער מעדיצינישער פּראַקטיק. אין איינע פון זיינע ליעדער דער־צעהלט ער פון א שפּאַס, וואָס ער האָט געהאָט מיט א שטאָלצע פּאַציענטין זיינע, וועלכע האָט געוואָלט שפּיעלען די ראָלע פון א צו גרויסער צנועה: „מען האָט מיר איינגע־לאַדען צו היילען א רייכע פריילין, וועלכע איז שוין קראַנק געווען אכט טעג. איך האָב איהר געטראָפען אין א שעהנע בעט אין זיידענס איינגעוויקעלט. איך האָב איהר בעגריסט און געוואָלט נעהמען איהר האַנד צו טאַפּען דעם דופק. שטאָלץ האָט זי איהר האַנד איינגעוויקעלט אין א זיידענע טוך. דאָס האָט מיך פערדראָסען, און איך האָב בעשלאָסען

פון איהר צו מאכען חוזק. וואס שווייגט איהר? האב איך אנגעפאנגען, די פריילין איז זעהר קראנק. ברייגנט אויף גיך די הערנער פון א וואלף, די זאפט פון א פעלז, א שטראהל פון דער לבנה, די מילך פון א יעהריגער הון, די אויג פון א פלעדער־מויז, די גאל פון א טויב, די פעדערען פון א רויטער ראב... קאכט דאס אלץ אב אין א וואקסענער כלי צוזאמען מיט א צווילינג פון א פעטען מויל־עזעל, פערשפרייט עס אויף דער פעל פון א מילב און לייגט עס אויף איהר בויך פאר א פלאסטער.... דאס איז א זיכערערע רפואה, וואס די גרעסטע דאקטוירים ראטהען".

פון זיין לעבען איז אונז גאנץ ווענינ בעקאנט. פון מאנ־כע פון זיינע ליעדער איז צו זעהן, אז ער האט געפיהרט א רייכען, גליקליכען לעבען. ער האט געהאט א פרוי, וועלכע האט אויך אפגעשטאמט פון א רייכער פאמיליע און וועלכע ער האט זעהר ליעב געהאט. אין איינעם פון זיינע ליעדער מאלט ער זיין פרוי אין די שעהנסטע פארבען: „איהר האלז איז פון עלפאנט־ביין, איהרע אויגען טויבען, איהרע צייהנער קריסטאל גאנץ און ווייס. איהר מויל איז האניג, איהרע ליי־פען ראזען; ווען זי שמייכעלט בעווייזען זיך בלומען אויף איהר מויל, און ווען זי רעדט קלינגט עס ווי מוזיק"... אין א צווייטע ליעד ערקלעהרט ער, אז זיין פרוי האט איהם בע־וועגט צו לערנען און צו שטודירען. ער האט ניט געקענט פערטראגען דעם גדאנק, אז אזא פרוי ווי זי איז זאל האבען אי אונגווויסענדרען מאן.

אויף זיינע עלטערע יאהרען האט זיך דאס רעדעל א דרעה געגעבען. ע מ נ ו א ל האט פערלארען זיין גאנצען פערמעגען און ער איז געצוואונגען געווארען צו פערלאזען זיין היים, וואנדערענדיג וויא א בעטלער איבער איטאליען. אין זיינע ליעדער בעקלאגט ער זיך אויף זיין ביטערען מזל, וואס זיינע פריינד האבען איהם פערלאזען און קיינער קימערט זיך וועגען איהם ניט. אונטער דעם יאך פון אלטקייט און ארעמ־קייט איז ער געצוואונגען צו וואנדערען איבער דער וועלט, וואו א טאג און וואו א נאכט, און יעדער מאכט פון איהם

חוזק. ער פערגלייכט זיין איצטיגע לאגע מיט דער לאגע פון זיין יוגענד. דאמאלס האבען איהם אלע גע'חנפ'עט, אלע האַבען איהם געגעבען כבוד, אלע האבען געזוכט זיין פריינדשאַפט. איצטער מיידען זיי איהם אויס, זיי אנטלויפען פון איהם, זידלען איהם, מאכען איהם צו שאנד און צו שפּאָט. „מענשען וועמעס עלטערען איך וואלט מיט מיינע הינט ניט געהאלטען", זיינען איצטער ארויסגעטראטען געגען איהם. זיי רעכטפערטיגען זיין אונגליק, זיי זעהען אין דעם א שטראַף פון גאָט פאר זייערע זינד, ווייל ער האט זיך ניט אויפגעפיהרט מאראליש:

... יאמרו עלי אישים עשירי גאוה זה תם, וזה ישר, וזה יודע;
ובעד חכם לב שללו הזמן, יאמרו אשר מוסר וחק פורע.

(אויף מענשען וואס זיינען שטאלץ מיט זייער רייכקייט, זאגען זיי ער איז עהרליך, גערעכט און קלוג; און אויף א חכם, וועמען דיא צייט האט בערויבט, זאגען זיי, אז ער איז זינדיג און אונמאראליש.)

... ודמיתי זמני אש, ומקריו לעצים, ואני השה לעולה,
ולו אבכה לקורותי יבישון דמעי כל יאור מצור ומצולה.
ולו באתי לספר דאבוני וקורותי אחבר בם מגלה.
ולכן אשמרה מחסום למו־פי ודומיה אלי נפשי תהלה.

(און איך פערגלייך מיין צייט צו א פייער, די פּאסירונגען האלץ, און איך בין דער שעפּס פאר דעם קרבן. און זאל איך וויינען אויף מיינע אונגליקען, וועלען מיינע טרערען אלע טייכען אויסטריקענען. און זאל איך זיי אלע דערצעהלען, וועל איך גאנצע מגלות דארפען שרייבען, דארום וועל איך בעסער שוויינען.)

נאָד דריי יאהר וואנדערען איז עמנואל אנגעקומען אין 1328 קיין פערמא. דארטען האט זיך געפונען א מעצענאט, וועלכער האט דעם וואנדערענדען פּאָעט אריינגענומען צו זיך אין הויז, האט איהם בעזארגט מיט אלעם נויטהיגען און האט איהם געגעבען די מעגליכקייט צוזאמענצוקלייבען אלע זיינע ליעדער און זיי צוזאמענשטעלען אין א בוך. דעם בוך האט עמנואל א נאמען געגעבען „מחברות" (העפטען).

אין גאנצען בעשטעהט דער בוך פון אכט און צוואנציג „מחברות“, יעטווידע פון וועלכע דארף אייגענטליך בע־האנדלען א בעזונדערע טהעמא, אבער זיי קומען ארוים גע־מישט איינע אין די אנדערע. אין דער ערסטער, צום ביישפיעל, בעקלאגט ער זיך אויף דער צייט, וועלכע איז איהם געווען פאלש און האט איהם אזוי שלעכט בעהאנדעלט; אין דער צווייטער בעזינגט ער ער די שעהנע פרוי און פערשפאט די מיאוסע. אין דער דריטער רעדט ער וועגען לוסט און ליעבע, און אזוי כסדר. אבער ניט שטענדיג האלט ער זיך אן די טהעמא. אבער און ווידער קומט ער אין מיטען־דריינען אריין מיט זיינע ליעדער וועגען לוסט און ליעבע. ער איז הויפטזעכליך און פריהער פאר אליז דער פאעט פון לוסט. ווי א קינד פון זיין צייט בעטראכט ער די ליעבע אלס זינדיג און די לוסט אלס א פערברעכען, אבער ער קען זיך פון זייער מאכט ניט בעפרייען. ער האט פיינט די פרוי אלס די קוואל פון זינד, אבער זיין ליעבע צו איהר שטייגט אריבער זיין שנאה.

אום די אלע ליעדער, וועלכע „זיינען געזונגען געווארען אין פערשיעדענע צייטען, אין דער יוגענד, אין די מיטעלע יאהרען און אויף דער עלטער“ זאלען טראגען דעם כאראק־טער פון איין גאנצען בוך, זוכט זיי עמנואל צוזאמענ־צופלעכטען דורך צוויי־געשפרעכען און ערצעהלונגען, וועלכע זיינען ניט שטענדיג לויט אונזער געשמאק.

אין זיינע ליעדער איז עמנואל שטארק בעאיינ־פלוסט געווארען פון די אידיש־שפאנישע פאעטען, הויפטזעכ־ליך פון אלחריזי, אבער נאך מעהר איז ער בעאיינ־פלוסט געווארען פון די איטאליענישע פאעטען פון יענער צייט. ער אליין האט געשריבען איטאליענישע ליעדער אויך, און איינער פון זיינע צייט־גענאסען שטעלט איהם אין חברותא מיט דעם גרויסען איטאליענישען פאעט דאנטע, וועמעס פריינד ער איז געווען. פון די איטאליענישע פאעטען האט ער אויך איבערגענומען די וועג צו ריידען וועגען ליעבע און לוסט אין אזעלכע ווערטער און אויסדריקע, וועלכע דער־

מאַנען איינעם אַן די פּאַחאַבנע מעשה׳לעך פון אַ באַקאַ־טשיע . . . אין דער דאָזיגער הינזיכט איז ער ניט בלויז דער ערסטער, נאָר טאַקע אויך דער איינציגער צווישען די העברעאישע פּאָעטען, וואָס האָט זיך עטוואָס אַזעלכעס ערלויבט.

עמנואל איז אָבער אַ קינסטלער און אַן אונפּער־גלייכבאַרער מייסטער פון דער העברעאישער שפּראַך. ער פערשטעהט ווי אַזוי איבערצוגעבען זיין פּאָרנאָגראַפיע אין אַזעלכע ווערטער און אויסדריקע, אַז זי איז ניט אַבשטויסענד; זי קומט אַרויס שעהן און עלעגאַנט. זיינע אַלע ליעדער פון דעם דאָזיגען סאָרט זיינען געשריעבען אין אַ רייכען, אידיאָ־מאַטישען העברעאיש, פול מיט דונקעלע אַנצוהערעניסען און אַלערליי צווייזייטיגע אַנדייטונגען. און ווען איהר שטויסט זיך אַן וואָס ער מיינט, מוזט איהר אַ שמייכעל טהאָן. דאָ זיי־נען אַ פּאָאַר ביישפּיעלע:

אל תתמהה, דוד, אל איש חיקי, אם לא קראתי בשלומו —
שונה טעמו, נגלה מומו, יען מלך אל־קום עמו...

אדער

עפרת־חן, נפן פורחת, מפניך לבי נחת
הראיני נא את מראיך, כי על חשקך מראי משחת.
נדמה חשקך אל תוך קרבי ברך עם אש מתלקחת.
השמיעני, רעיה, קולך ופדיני מרדת שחת
הביאיני אל גן־עדנך, הגמיאיני רוקח מרקחת
ממגד שדים מעל ומתהום רובצת תחת. . .

עמנואל איז וויציג, שאַרף און בייסענד, אָבער זיינע וויצען און זיין סאַטירע איז זעהר אָפט אונמעגליך איבערצו־זעצען אין אַן אַנדער שפּראַך.

עמנואל האָט אָבער אויך פיעלע טיעף־לירישע ליעדער, וועלכע דערמאַנען איינעם אַן היינע. ניט מיט אומרעכט ווערט ער פון מאַנכע, ווי פון גרעטץ און אַנדערע פער־גליכען צו היינע. דאָ וועלען מיר ברייננגען איינינע פון די דאָזיגע ליעדער אין אַ אידישער איבערזעצונג:

אַך, ווי גוט איז מיר! מיין שעהנע
האט מיך היינט צו זיך פערבעטען.
פון איהר וואלד די פרוכט פארשפראכען —
ווי עס שרעקט מיין הארץ פאר פריידען.

ביי איהר לוסט ווען איך שטעה נאהענט
קען ניט טרעפען מיר קיין סבה.
וואס איז אונגליק, ווען זי שיינקט מיר
אלע זיסקייט פון איהר ליעבע?

זי אליין איז גאר מיין גורל,
וואס מיין מזל טהוט בעשערען.
זי—מיין לוסט, מיין פרייד די העכסטע,
זאמעלפונקט פון מיין בעגעהרען.

ביי איהר ברוסט שווייגט יעדעם אונגליק,
איהרע לאסקעס שטייגט אלץ איבער.
נעהמט, איהר פריינד, אייך שטעדט און לענדער,
מיר — איין קוש בלויז פון מיין ליעבער*).
(איבערזעצט פון אברהם רייזען).

און האט איז א צווייטע ליעד פון דעם זעלבען מין:

איז עס מעגליך, ליעבסטע, אז די אויגען דיינע
זיינען גאר ארויף אין הימעלס־ליכט,
כ'זעה אין דיינע אויגען אוועגדליכען הימעל
און דעם טאג אויך זעה איך אין דיין העל געזיכט.

ס'הענגט מיין לעבען אויף א רינגעל פון דיין אויער—
זאל עס זיין די ארבייט פון א כשוף גאר?
און דערצו נאך, שעהנהייט, אויסער אויגען־שטערען
זעה איך דיינע צייהנער, ווי דער האגעל קלאר.

---

*) דער העברעאישער טעקסט פון די לעצטע צוויי שורות איז פאלגענדער:

יקחו רעי מצפה, גלעד
לי מעפרה מיץ־פה,גיל־עד

די ווערטער „מצפה" און „גלעד" זיינען נעמען פון ביבלישע שטעדט; אין דער צווייטער שורה איז „מיץ־פה" א קוש און „גיל־עד" אויביגע פרייד. דאס איז איינע פון די ווארט־שפּיעלען אויף וועלכע עמנואל איז אזא מייסטער.

פרעג איך דיך, דו ליעבסטע, צי די אויגען דיינע
זיינען הימעלס־שטערען אין געפאנגענשאפט—זאג!
אדער דיינע אויגען זעהען אויס ווי שטערען
און דיין ליכטיג פנים—דער געשטאלט פון טאג.

(איבערזעצט פון אברהם רייזין.)

אין איינע פון זיינע ליעדער־ראמאנצען בעקלאגט ער זיך אויף דעם עלטער: „דיא האנד פון דעם עלטער האט מיך גע־טראפען. וואס טויג מיר דיא ליעבע, וואס זיינען פאר מיר דיא שעהנהייטען? דיא פיילען פון עלטער האבען דיא געט־ליכע ליעבע־פלאמען פון מיין הארצען אויסגעלאשען“. איצ־טער, אויף דעם עלטער, ווילען זיי, דיא שעהנהייטען, מעהר אויף איהם ניט קוקען, ווילען פון איהם ניט וויסען. גאנץ אנדערש איז עס אבער געוועזען אין דיא יונגע יאהרען. דא־מאלס האבען זיי איהם אללע געליעבט: „ניט געוועזען קיין שעהנהייט, וואס זאל מיר ביישטעהן, ניט געוועזען קיין פעס־טונג וואס איך האב ניט געקענט בעצווינגען“.

אם תסתתר במסתרים, האנכי לא אראנה?
לו תחבא אף תוך הים, משם ידי תקחנה.
אם תגביה כנשר או בין כוכבים תשים קנה
או כעת במרום תמריא, משם ידי תורידנה.

(און ווען זיא פערבארגט זיך אין דיא געהיימסטע פלעט־צער, וועל איך איהר דען ניט זעהן? און ווען אפילו זיא בע־האלט זיך אין ים, פון דארטען האב איך איהר גענומען. הויך וויא אן אדלער אדער צווישען דיא שטערען, אז זיא פלעגט מאכען איהר נעסט, און אפילו ווען אין הימעל זיא האט גע־שוועבט, פון דארטען פלעג איך איהר ארויסקריגען).

נאך דער דאזיגער הקדמה דערצעהלט ער איינע פון זיינע ליעבעס־ערפאהרונגען:

איך בין אין א וועג מיר שפאצירען געגאנגען
ביז וואנען איך בין אין איהר גארטען פערגאנגען.
דאס האט מיך מיין מזל געפיהרט צו בעגליקען,
דיא בלומען צו קלייבען, א רויז אויסצופליקען.

געזעהען האב איך דארטען, געשוועבט וויא אין לופטען,
א ליכטיגע שעהנהייט מיט אללערליי דופטען.
זיין קונסט האט דער שעפער אין איהר בלויז פערזאמעלט,
דיא וועלט האט דיא גאנצע פערגעסען ער דאמאלט.

ער האט אזא שעהנהייט געשאפען בלויז איינמאל,
א צווייטע אזעלכע געמאהלט האט ער קיינמאל.
און וויא אויף דער וועלט איז דיא שעהנהייט געקומען
דאן האבען דיא בערג אללע זינגען גענומען.

אזוי וויא דער כ ר מ ל איהר קאפ דער געקרוינטער
וויא מ ן איהרע ליפען נאך זיסער, בע'חנטער.
איהר שולטער — א לבנה, וואס פול אויפגעגאנגען,
איהר בויך איז אזוי וויא א בייט פרישע זאנגען.

דערצו איהרע באקען וויא בליהענדע פירות,
זיי האבען געלויכטען וויא שטראהלענדע מנורות.
דיא אויגען וויא שווערדען מיט בלענדענדען פינקעל
זיי האבען פערלויכטען אין איטליכען ווינקעל.

מיין בליק איז געבליבען פערווירט און דערשראקען:
וואס מיינען דיא אויגען: זיי טרייבען צו לאקען?
וויא שווער צו בעשיידען — זיי רופען און טרייבען,
דאך האב איך געגלויבט זיי הייסען מיר בלייבען...

איך האב נימ פערשטאנען פון וואנען זאל שטאמען
אין הארצען דער פייער, ווער צינדט דארטען דיא פלאמען?
צי איז עס איהר לוסט בלויז, וואס האט מיך פערנומען
צי איז דאס פון הימעל א פייער געקומען.

געזאגט האב איך: שעהנהייט, דיין חן ווער קען צעהלען?
דוא האסט מיך פערוואונדעט און דוא קענסט מיך היילען.
ערבארעם זיך, ליעבסטע, און שיינק מיר א פיילכעל!...
זיא האט מיר געענטפערט מיט א שמייכלענדען מיילכעל:

„מיין פריינד קענסטו ווערען מיט צווייערליי וועגען,
און וועלכען וועג ווילסטו, וועל איך, זינגער, דיך פרעגען.
מיין קערפער אויף צווייען איהם וועל איך צוטהיילען
פון ביידע דיא טהיילען זאלסטו איינעם זיך וועהלען.

דער גארטיל וועט גרענעצען צווישען זיי ביידען
צי ווילסטו דעם אויבען, צי אונטען פאר פריידען?"

איך האב ניט געוואוסט וויא אזוי זיך צו נעהמען,
מיר האט זיך גערדאכט, אז זיא וויל מיך פערשעהמען.

און ווייל זיא מיינט כ'בין א זינדיגער שלעכטער
האב איך געענטפערט צו זיין דער גערעכטער.
צוליעב דיין כבוד, אום דיך צו דערהויבען
וועל איך, א מיין שעהנהייט, בלויז נעהמען דעם אויבען.

זיא האט אויסגעהערט מיר מיט ליעבליכען שמייכעל:
וויא באלד דוא בעזיצט אזא'ן איידעלען שכל,
דא לייג איך מיין גארטיל אוועק גאר צו פיסען,
און זאלסט פון דיאביידע מלוכות געניסען...
דאן בין איך מיט איהר אין איהר חדר אריין
געגעסען איהר פרוכט, געטרונקען איהר וויין.

אך, איצט איז דאס אלעס אוועק וויא א שאטען,
דיא מיידלעך דיא שעהנע זיי לאכען און שפאטען.
זיי ווילען מיך מעהר שוין ניט הערען גערדיינקען,
און זייער ליעבע צו אנדערע זיי שיינקען.

דיא אפפער פון מיר איז זיי שוין דערווידער
מיין גוטסקייט צו זיי, זיי קעהרען נישט ווידער.
מיין אונגליק איז פרעמד זיי — וויא מ'וואלט זיי ניט מיינען,
און ווען איך זאל ניט שטארבען — זיי וועלען ניט וויינען.

און ווען איך זאל ווערען אין קנעכטשאפט געפאנגען
זיי וואלטען מיך אויסלייזען דאן ניט געגאנגען.
ווייל מיין גאלדענע האאר אויף דיא עלטערע יאהרען —
זיי זיינען אין זילבער פערוואנדעלט געווארען.

(איבערזעצט פון אברהם רייזין).

אזעלכע ליעדער פון לוסט און ליעבע זיינען געווען אין גאנצען ניי פאר דער העברייאישער ליטעראטור. עס איז אמת, עס איז געווען א צייט, לאנג צוריק, גאר אמאל, ווען דאס אידישע פאלק האט זיך ניט געשעהמט צו זינגען וועגען לוסט און ליעבע און עס האט פון זיך ארויסגעגעבען א „שיר־השירים", א גאנצע זאמלונג פון לוסט און ליעבעס־ליעדער, וועלכע קענען זיך גאנץ גוט פערגלייכען מיט דיא בעסטע אין דער וועלט־ליטעראטור. דאס איז געווען, ווען דאס אידעשע

פאלק איז נאך געווען יונג, מיט יונגע כוחות, מיט מוטה צום לעבען, ווען עס האט געפיהרט א געזונדען, נאטירליכען לע־בען אין זיין אייגען היים אויף זיין אייגען לאנד. דיא שרעק־ליכע אידישע היסטאריע, דיא אויביגע צרות און רדיפות, דער שטענדיגער וואנדער־לעבען, דיא אונזיכערהייט מיט'ן מאר־גענדיגען טאג, האט פערוואנדעלט דיא העברייאישע מוזע אין א קלאג־ליעד. אין העברייאיש האט מען אנגעפאנגען צו שרייבען קנות, תפלות און סליחות. די ערד איז געווארען פאר דיא אידען א גהינום. האבען זיי זיך געווענדעט צום הימעל. דיא העברייאישע ליעד האט געשטורעמט געגען דיא אונגע־רעכטיגקייטען פון דער וועלט, האט בעוויינט דעם צער און דיא צרות פון לעבען, האט געקלאגט אויף דער שכינה וואס איז אין גלות, אויף דעם בזיון פון דער תורה און אויף דעם לאנגען, ביטערען גלות פון פאלק ישראל. זיא האט געוויינט און ביטערע טרעהרען פערגאסען, בעטענדיג הילפע, ווארטענ־דיג אויף דער ישועה, זוכענדיג יושר און גערעכטיגקייט. זיא, דיא העברייאישע מוזע, האט געשוויגען וועגען לוסט און ליעבע, אזוי וויא זיא וואלט זיך געשעהמט מיט אזעלכע זינ־דיגע מחשבות. דער שיר השירים גופא, דיא ליעד פון דיא ליעדער, איז אויסגעטייטשט געווארען וויא א ליעבע צווישען דער שכינה און דעם פאלק ישראל, אלס א מין הייליגע, געט־ליכע ליעבע, וואס האט גאר קיין שייכות ניט מיט די פשוטע מענשליכע ליעבע. די פערפאלגטע און אונטערדריקטע גלות־קינדער האבען ניט געקענט פערשטעהן, וויא אזוי מען קען גאר זינגען וועגען דיא זינדיגע תאוה.

ביי מאנכע פון דיא אידיש־שפאנישע פאעטען וויא ביי משה אבן־עזרא, ר' יהודה הלוי און אלחריזי געפינט מען שוין ליעדער וועגען פשוט'ע מענשליכע ליעבע, אבער ביי זיי איז געווען א שטילע, צנועה'דיגע ליעד, וועלכע האט זיך געהיט פון נבול־פה, פון „גראבע" אנצוהערעניסען, פון חוצפה'דיגע אויסדריקע. וויא ר' עמנואל הרומי האט זיי געברויכט. ביי מאנכע פון דיא מקובלים געפינען זיך שוין עהנליכע עראטישע אויסדריקע, אבער זיי ווענדען עס אן

אויף דיא בעציהונגען צווישען דער שכינה און דעם פאלק ישראל, וועלכע ווערען פערגליכען צו א ליעבענדע פּאארעל. זיי, דיא דאָזיגע מקובלים, האבען געפונען אן אויסוועג פאר זייער עראטיק דורך דעם וואס זיי האבען איהר פערהייליגט...

עס פערשטעהט זיך, אז אזעלכע ליעדער וויא עמנואל הרומי'ס ליעבעס - ליעדער האבען גאר ביי פיעלע פון זיינע צייט־גענאסען ארויסגערופען אן אונצופריעדענהייט. זיי האָ־בען אין דעם געזעהען ניט מעהר וויא פשוט'ע, שמוטציגע נבול־פה, וואס פאסט אפשר פאר גויעשקע ריטטער אבער בשום אופן ניט פאר א אידען. ער אליין דערצעהלט, אז מען האט איהם גערופען „קדש" (קאדייש—אויסגעלאסענער) און פושע (זינדיגער). דאס איז וואהרשיינליך אויך איינע פון דיא אורזאכען, ווארום ער איז געבליבען פערלאָזען און אליין אויף זיינע עלטערע יאהרען, ווען ער איז געווארען פערארעמט. דער פאקט איז, אז מיט אן ערך הונדערט יאהר שפּעטער האט דער מחבר פון „שולחן ערוך", ר' יוסף קארו, געפונען פאר נויטהיג ארייזצושטעלען א דין, אז מען טאר ניט לייענען דיא ליעדער פון עמנואל הרומי, „מחמת זיי זיינען מליצות און משלים פון פשוטע פלוידערייען און תאוה".

די דאָזיגע בעציהונג צו עמנואל הרומי'ס ליעבעס־ליעדער איז טאקע אויך דיא אורזאכע, ווארום זיין פּאָעזיע האט גע־האט אזא קליינעם איינפלוס אויף דער ווייטערער ענטוויקלונג פון דער העברייאישער פאעזיע און ווארום ער איז געבליבען כמעט אין גאנצען אונבעקאנט ביז דעם לעצטען יאהר־הונ־דערט, כאטש ער איז אהן צווייפעל איינער פון דיא גרעסטע אידעשע פּאָעטען אין מיטעל־אלטער.

עס וועט אבער זיין א גרויסער טעות און אן אונרעכט צום פאעט, אויב דער לעזער וועט בלייבען ביי דעם איינדרוק, אז מעהר וויא אזעלכע ליעבעס־ליעדער האט עמנואל הרומי ניט געשריבען. עמנואל הרומי איז געוועזן א גוטער איד און נאציאנאלען זינן און זאגאר א פרומער איד. זיין הארץ האט איהם געבלוטעט אויף דיא אידעשע צרות, און אין מעהרערע פון זיינע ליעדער דריקט ער אוים זיין צער וועגען דעם: „בע־

טראכט דיא פיין פון דיין ארעמען פאלק, וועלכער ווערט גע־טראטען אהן רחמנות; וויא אן איינזאמער פויגעל, פון זיין נעסט פערטריבען. וויא שטויב פערדרעבענט. קעהר אום דיין פאלק, וועלכער ווערט צווישען פעלקער ניט גערעכענט, קעהר איהם אום צוריק צו דיין וואהנונג".

ר' עמנואל הרומי איז דער מחבר פון אייניגע ריהרענדע תפלות. דיא פאלגענדע איז איינע פון זיי:

וועז דיין האנד האט מיך געטראפען
וועל איך, גאט, צו דיר אלע האפען.
און פון דיר וועל איך ענטרינען
אום ביי דיר א הילף געפינען.

אין דיין טאג פול דונער בליצען
זוך איך מיר ביי דיר צו שיצען.
אין ד י י ן צארן־טאג דעם שווארצען
לויכט דיין ליכט מיר אין מיין הארצען.

(איבערזעצט פון אברהם רייזין).

*　*　*

מיט דעם אנקומען פון דעם עלטער האט עמנואל הרומי אלץ מעהר און מעהר אנגעפאנגען טראכטען וועגען דער ניש־טיגקייט פון לעבען, וועלכער מוז זיך ענדיגען מיט דעם אונ־פערמיידליכען טויט. זיין נשמה ווערט אזוי וויא דורכגע־דרונגען מיט דעם אויביגען וועלט־שמערץ. דיא אלטע, אלטע טענה: וואס טויג דער לעבען, ווען ער מוז זיך ענדיגען מיט דעם טויט? ער קוקט אויפ'ן בית־עולם און בעטראכט דיא קברים: ..ווען איך בעטראכט דיא קברים, ווערט מיין הארץ צוגאנגען, בלייבט שטעהן פערגליווערט, איך דערמאן זיך אז דיא וואס ליעגען דארטען, איך דערמאן זיך זייער לעבען. דארטען געפינען זיך חכמים, וואס האבען גע'שמט אויף דער וועלט. דארטען געפינען זיך אויך בהמות אין מענשליכען גע־שטאלט. דארטען געפינען זיך רשעים, דארטען געפינען זיך אויך צדיקים... דארטען געפינען זיך קליין און גרויס, און אללע לעבעדיגע געפינען דארטען זייער בעט. דארטען זיינען אללע גלייך, פירסטען און ארעמע. דער קנעכט איז פריי פון

זיין האר. און דער אויסגעמאַטערטער געפינט דאָרטען זיין רוה... מיין הארץ ווערט אין מיר פערווירט, ווען איך זעה עס; איך קען זיך מעהר ניט פרעהען, ווען איך זעה זייער בראָד. עס טהוט מיר וועה. וואָס העלפט דער פערלייקענען, איך מאַך יעדען טאָג דיא זעלבע רייזע וואָס זיי. דיא צייט פיהרט מיר און שפּאָט פון מיר וויא זיא האָט עס געטאָהן מיט זיי. איך וועל געהן אין גרוב ניט בעסער וויא זיי. דיא צייט וועט מיר מאַכען טרינקען גאַל און ביטערניס, ווי זיא האָט עס געטאָהן מיט זיי...

און אָט איז אַ צווייטע ליעד וועגען דער זעלבער טהעמאַ: „מיינע טעג זיינען שוין פאַריבער און פאַרגאַנגען. און מיין הארץ איז נאָך פערשטאָפּט און אומריין. דער טוידט דערנעהענטערט זיך מיט יעדער מינוט, און דאָס הארץ וויל דערפון ניט וויססען. עס טראַכט וועגען פליהען אין דיא הימלען, און עס פערגעסט אַז עס מוז געהן אין גרוב. ער מיינט צו נאַרען דיא מענשען מיט זיין פאַלשקייט, און פערגעסט, אַז ער נאַרט זיך אַליין, וויא איינער וואָס וויל בלינד מאַכען זיין שונא און נעהמט זיך אַליין אַרויס אַן אויג...“

אין נאָך אַ ליעד לאָזט ער ריידען אַ טוידטען צו דיא לעבעדיגע: „דוא, וואָס דו ליעגסט אויף אַ בעט פון העלפאַנטביין, ערוואַך אויב דוא שלאָפסט. זעה, דער וואָרם טרינקט מיין בלוט, און זיין צאָהן איז אין מיין פלייש. געדיינק, נעכטען בין איך וויא דוא געווען פעט, מאָרגען וועסטו וויא איך ליעגען אין גרוב. וואָס וועסטו זאָגען, ווען עס וועט קומען דער ביטערער טאָג. ווען דו וועסט זעהן ווי דער גהינום רוישבערט“.

דער טוידט, דער גהינום און דער גן־עדן דאָס זיינען דיא טהעמאַן, וועלכע אינטערעסירען עמנואל הרומי אויף זיינע עלטערע יאָהרען. דער אַכט און צוואַנציגסטער טהייל פון זיין ווערק הייסט „התופת והעדן“, דער גהינום און דער גן־עדן. וואָס איז אין געוויסע הינזיכטען אַ נאָכאַהמונג פון זיין פריינד דאַנטע׳ס גרויסע ווערק „דיא געטליכע קאָמעדיע“.

* * *

ר' עמנואל הרומי האט אנגעפאנגען צו שרייבען זיין „גיהנום און גן־עדן” מיט אן ערך דרייסיג יאהר שפעטער וויא זיין פריינד דאנטע האט געשריעבען זיין „געטליכע קאמעדיע”. דאנטע האט אנגעפאנגען שרייבען זיין ווערק אין דעם יאהר 1300, ווען ער איז נאך געווען א יונגער־מאן פון פינף און דרייסיג יאהר; עמנואל האט געשריעבען זיין ווערק בערך אין דעם יאהר 1331, ווען ער איז שוין געווען אן אלטער מאן פון אריבער זעכציג. עס קען דארום גאר קיין ספק ניט זיין, אז עמנואל איז געווען דער נאכאהמער פון דאנטע און ניט פערקעהרט.

דאנטע האט איינגעזעהן די טראגעדיע פון דעם מענש־ליכען לעבען, ווען ער איז נאך געווען יונג. ער פאנגט אן זיין ווערק מיט דער פאלגענדער הקדמה: „אויפ'ן מיטען וועג פון אונזער לעבען האב איך זיך געפונען אין א פינסטערען וואלד, ווייל איך האב פערלארען דעם גלייכען וועג”. אין דעם פינסטערען וואלד פון דעם מענשליכען לעבען פיהלט ער זיך פערלארען, ארומגערינגעלט פון א טיגער, א לייב און א וואלף—סימבאלען פון די מענשליכע תאוות, שוואכקייטען און צווייפלען. עמנואל איז אין זיינע יונגע יאהרען געווען גאנץ ווייט פון אזעלכע פינסטערע מחשבות. דאמאלס האט ער געלעבט און געזונגען וועגען ליעבע און לוסט. ערסט אויף זיינע עלטערע יאהרען, ווען א אינגערער פריינד זייגער איז פלוצלינג געשטארבען, ערסט דאמאלס האט ער זיך דער־מאנט אן דעם טויט און וואס פאר א זינדיגען לעבען ער האט געפיהרט. ער פאנגט אן זיין ווערק מיט די פאלגענדע ווערטער: „נאכדעם ווי פון מיינע יאהרען זיינען זעכציג פער־גאנגען, און די שלוחים פון דעם טויט האבען זיך געאיילט צו מיר”, און אזוי ווייטער.

ביידע, דאנטע און עמנואל הרומי, שרייבען וועגען דער זעלבער טהעמא, אבער זיי שרייבען וועגען איהר גאנץ אנדערש און פערשיעדען. עמנואל האט געבארגט ביי דאנטען זיין טהעמא און דא און דארטען אויך מאנכע אויסדריקע און

בילדער, אבער ניט מעהר. אין אלעם איבריגען זיינען זיי ווייט איינער פון דעם אנדערען ווי דער מזרח פון מערב. איינער, דאַנטע, איז אַ פרומער, טיעף־גלויביגער, זאָגאר אַ פערביסענער קריסט, וועלכער פערגינט קיינעם ניט דעם גן־עדן א חוץ זיינע אייגענע קאַטאָליקען; ער בעזיצט אַ טיעף־רעליגיעזע און מיסטישע נאַטור. דער צווייטער, עמנואל, איז אמת אַ גלויביגער און פרומער איד, אָבער איהם פעהלט די פערביסענ־קייט און דער פאַנאַטיזם. ער געפינט אין זיין גן־עדן אויך אַ פּלאַץ פאר די פרומע ניט־אידען, פאר די „חסידי אומות העולם“. ער איז ווייט ניט אזוי רעליגיעז און אויך ניט אזוי מיסטיש געניינט ווי זיין פריינד דאַנטע.

דאַנטע פילאָזאָפירט אין זיין „געטליכע קאָמעדיע“ און איז זיך מפלפל וועגען אלערליי קריסטליך־טעאָלאָגישע פראַגען פון זיין צייט; עמנואל זוכט די דאָזיגע טהעאָלאָגישע פראַגען אויסצומיידען. דאַנטע רעדט אין אלעגאָריען און אין סימבאָלען, עמנואל רעדט פּשוט. דאַנטע איז שרעקליך ערנסט און זיין שפּראַך איז שטענדיג פייערליך; עמנואל׳ס שפּראַך איז לייכט און צייטענווייז שפּאַסהאַפטיג. דאַנטע׳ס „קאָמעדיע“ איז אַ שוידערליכע טראַגעדיע; עמנואל׳ס „גיהנום און גן־עדן“ איז אַפּט אַן אמת׳ע קאָמעדיע: זיין הומאָר און זיין סאַטירע פערלאָזען איהם קיינמאל ניט. ער ערלויבט זיך צו לצ׳עווען אפילו ווען ער איז אין גהינום און צו מאַכען שפּאַס אין גן־עדן.

דאַנטע׳ס גהינום איז דער קריסטליכער גהינום; עמנואל׳ס איז דער אידישער. דאָס קריסטענטום, וואָס האָט איז זיך איינגעזאַפּט צוזאַמען מיט פיעלע פון די יסודות פון יודענטום אויך פיעלע פון די עלעמענטען פון הײדענטום, האָט זיך אויסגעבילדעט אַ גהינום, וועלכער איז פיעל שרעקליכער ווי דער אידישער. צוזאַמען מיט די שרעקענס פון אידישען גהינום האָט דאָס קריסטענטום אויך אריינגענומען די גהינום־פאָרשטעלונגען פון די הײדנישע פעלקער. דאַנטע׳ס גהינום איז דארום פיעל מורא׳דיגער ווי עמנואל׳ס. אין דער קריסטליכער רעליגיאָן שפּיעלט דער

גהינום איבערהויפט א פיעל גרעסערע ראָלע וויא אין דער אידישער. דער גהינום איז כמעט דער וויכטיגסטער יסוד פון קריסטענטום, און שוין יעזוס אליין שרעקט מיט'ן אייביגען פייער און מיט „צייןקריצענים".

דאַנטע האָט אויסגעקליבען אלס זיין פיהרער אין דיביידע אבטיילונגען פון דעם קריסטליכען גהינום *) דעם רוימי־שען פאָעט ווירגיל. פאַר אַ פיהרער אין גן־עדן האָט ער זיך געמוזט אויסקלייבען אַן אנדערען. ווייל זיין קריסטליכע „ליעבע" מיט זיין ווילדען פאַנאַטיזם האָבען איהם ניט דער־לאָזען, אז ער זאָל ווירגיל'ן, דעם ניט־קריסט, אריינלאָזען אין גן־עדן. עמנואל הרומי קלייבט זיך אויס אלס זיין פיהרער אין גהינום און אין גן־עדן דעם נביא דניאל.

און פאַסירט האָט עס אזוי: זייענדיג פערטיעפט אין טרויער, וואָס דער טויט פון זיין אינגערען פריינד האָט אין איהם ארויסגערופען, אנפאַנגענדיג צו טראַכטען וועגען זיין אייגענעם טויט און וועגען דעם זינדיגען לעבען וואָס ער האָט פערבראַכט, האָט ער זיך ביטער פאַנאַנדערגעוויינט. וואו איז דניאל און זיין חכמה? וואו איז ער וואָס וויים אלע סודות? ווי גוט עס וואָלט געווען. ווען ער וואָלט געקומען און איהם דערצעהלט וויפיעל ער האָט נאָך צו לעבען און וואָס זיין חלק וועט זיין נאָכ'ן טויט.

פלוצלינג האָט עמנואל דערזעהן געגען איהם אַן אלטען מאַן, וועמעס פנים עס האָט געלויכטען זיעבען מאָל ווי די זון און ער האָט אויסגעוויזען ווי אַ מלאך פון הימעל. פון שרעק און פחד איז עמנואל געפאַלען אויף זיין פנים, האָט אַנגענו־

---

*) דער קריסטליכער גהינום האָט צוויי הויפט־אבטיילונגען: 1) דער „אייביגער פייער", וואו עס ברענען די נשמות פון די רשעים אהן שום האָפנונג, אז זיי וועלען ווען־עס־איז אויסגעלייזט ווערען פון זייערע יסורים; 2) דער „ריינינגונגס־פּלאַץ", וואו אלע מענשליכע נשמות, אפילו פון די צדיקים, מוזען דורכגעהן, געלייטערט און גערייניגט ווערען איידער זיי זיינען זוכה אריינצוקומען אין גן־עדן.

מען דעם ברעג פון דעם מאַן'ס מאַנטעל און געקושט דיא שטויב פון זיינע פיס:

„זאג מיר, מיין הארר, ווער ביזטו און וואָס איז דיין נאָמען?"

„איך בין דניאל," האָט דער מאן געענטפערט. „ווענען דו האסט גערופען. איך בין געקומען דיר צו ענטדעקען אַלע סודות און דיר צו בעלעהרען. זאג, וואָס איז דיין פערלאנג, און מאַך עס גיך, ווייל איך קען זיך ניט פערזאַמען."

„איך בעט דיר, מיין הארר, ווייז מיר דעם גן־עדן און דעם גהינום, און בעווייז מיר דעם פּלאַץ, וואו איך וועל נאָך מיין טויט רוהען."

„דיין פערלאנג זאל געשעהן," האָט דניאל געענטפערט, וואו ווילסטו פריהער געהן?"

„פריהער וויל איך זעהן דעם גהינום, און דעם גן־עדן צום לעצטען."

און אַט פאַנגען זיי אַן זייער רייזע. עס איז אַ שווערער וועג. זיי געהען דורך אַלערליי קרומע, ענגע, צודרעהטע און פינסטערע וועגען. ער הערט נור דונערען און בליצען, און די קרעכצען און געשרייען פון די געמאַטערטע און געפּייניגטע. עמנואל האַלט זיך פעסט אַן דעם ברעג פון דניאל'ס מאַנטעל. ענדליך קומען זיי צו אַ צובראָכענעם בריק, וועלכער ליעגט איבער אַ בייזען שטראָם, וואָס זוכט אַלעמען צו פערשלינגען. ביים ברעג פון בריק שטעהט אַ טויער און ביים טויער דער שאַרפער קלינג פון אַ זיך־דרעהענדען שווערד. דורך דעם דאָזיגען טויער, פאַרביי דעם שאַרפען שווערד מוזען אַלע זינדיגע נשמות דורכגעהן: „דער וואָס קומט דאָרטען אריין קומט אריין, אבער ארויסגעהן געהט קיינער."

זיי זיינען אריבער דעם בריק און אריין אין גהינום גופא. דאָרטען האָט עמנואל דערזעהן אַ גרויסען פייער, וואָס ברענט ווי אַ טייך פון שוועבעל, וואו אַלע זינדיגע נשמות פּרעגלען זיך. יעדער זינדיגער האָט זיין נאָמען אויסגעקריצט אויפ'ן שטערען. עמנואל רעכענט אוים אַ גאַנצען צעטעל פון ביבלישע נעמען, וועלכע זיינען בעקאַנט אַלס זינדיגע, וואָס ער

האט דערקענט אין גהינום. ער פערגעסט אבער אויך ניט אריינצורעכענען אין דעם צעטעל פון די זינדיגע נשמות פּלאַטאָ'ן, אַריסטאָטעל'ען, היפּאָקראַטוס'ען און אנדערע געלעהרטע און פילאזאפען, ווייל זיי זיינען געוועז שטאָלץ אויף זייער וויססענשאפט, און האבען פערלאזען דיא אמת'ע וועג. אין דעם איז ער ניט פיעל בעסער פון דאנטע'ן, ווע‍לכער האט פאר זיי אויך קיין אנדער פלאץ ניט געפונען ווי דעם גהינום.

דאס אינטערעסאנטעסטע פון עמנואל'ס גהינום פאנגט זיך אז, ווען ער בעשרייבט די יסורים פון מאנכע פון זיינע צייט־גענאסען. דארטען איז ער בייסיג און גאליג, און קריטיקירט אהן רחמנות די מדות פון זיין צייט.

געהענדיג אין גיהנום האט עמנואל דארטען דערקענט זיינעם א גוטען בעקאנטען. געוועזן אן אנגעזעהענער מענש און זעהר רייך, און איצטער בראט ער זיך אין גהינום. עמנואל האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט איהם מיט וואונדער געפרעגט: „ווי קומסטו, וואס איז געוועזן דער צירונג פון זיין דור, ווי קומסטו אהער?" יענער דערצעהלט: „איך האב אלץ געקליבען און געקליבען רייכטימער. האב זיך אויסגעבויט א גרויסען פאלאסט, אויך גערטנער און וויין־גערטנער. מיינע צימערען האב איך מיט גאלד און זילבער בעפּוצט. איצטער וואוינט אין זיי אן אנדערער. איך האב געלעבט גליקליך און פרעהליך, געגעסען די בעסטע שפּייזען און די טייערסטע וויינען געטרונקען, פערגעסען די תורה און א רע פערבאטען, ניט געהאָלפען דעם אָרעמאן, ניט געשטיצט די אלמנה, ניט געהערט דעם געשריי פון יתום..." ער דער־צעהלט דאן, וואס ער בעטראכט פאר איינע פון די ערגסטע בעשטראפונגען: „דאס איז געוועזן מיט צוויי יאהר צוריק. צוויי מענשען זיינען אריינגעקומען און האבען ווי אויף די פליגלען פון אן אדלער מיר געבראכט אין אנקאָנא אין מיין פאלאסט. איך האב זיך דערפרעהט. איך האב געמיינט, אַט איז ענדליך געקומען א סוף צו מיינע פלאגען, אבער איך האב געהאט א ביטערען טעות: מיינע צרות האבען זיך ערסט

אַנגעפאַנגען. זיי האָבען מיר אַריינגעפיהרט אין דעם באָדע־צימער, וואָס איך האָב אַליין געבויט. דאָרטען האָב איך געזעהן, ווי מיין פרוי טהוט זיך אויס איהרע טייערסטע בגדים אום איהר קערפּער צו וואַשען. און איהר נייער מאַן איז געשטאַנען דערביי... וואָס איך האָב דאַמאַלס אויסגעליטען קען קיין מויל ניט אויסרעדען און קיין אויער ניט אויסהערען. פון מיינע אויגען האָבען אָנגעפאַנגען רינען די טרערען. „דו וויינסט, דאָס איז נאָך גאָרנישט“, האָבען די מענער מיט רציחה אויסגערופען. מיט געוואַלט האָבען זיי מיר אַריינגעשלעפּט אין שלאָפצימער. דאָרטען האָב איך דערזעהן אַן אויסגעפּוצט בעט, און אין איהר איז מיין ווייב געלעגען מיט איהר נייעם מאַן. פעט און זאַט, גליקליך און צופריעדען, מיט איהר לינקער האַנד אונטער איהר קאָפּ און מיט זיין רעכטער האַנד האַלזט ער איהר. און אַ שטימע האָט אויסגערופען: „אַ פרוי [illegible] פער׳קנס׳ט, און אַן אַנדערער וועט מיט איהר לעבען“.

דאָס איז די שטראָף פאַר דעם האַרטהערציגען, וועלכער וויל פון זיינע עשירות ניט העלפען די אָרעמע און די געדריקטע. זיין רייכקייט פאַלט אַריין אין די הענד פון פרעמדע, און ניט סתם פרעמדע, נאָר אין די הענד פון זיין ווייב׳ס געליעבטען.

עמנואל לאָזט קיינעם ניט דורך. ער רעכענט זיך דאָרטען אָפּ מיט די פאַנאַטיקער, וואָס ווילען ניט וויסען פון די חכמות און פערפאָלגען די פילאָזאָפיע; מיט די צבועקעס, וואָס שפּיעלען די ראָלע פון פרומאַקעס און טהוען אָב אין דער שטיל אַלע ניעדערטרעכטיגקייטען; מיט די פיינע בעלי בתים, וואָס קומען אין די שוהלען נאָר אום שבת און יום טוב, כדי צו קריגען כבוד; מיט די רבנים און לומדים, וואָס לערנען תורה כדי זיך אויסצופיינען און צו הערשען איבער דעם עולם. זיין „גהינום“ איז אַ בייזע סאַטירע אויף דעם דאַמאָלסדיגען אידישען לעבען פון איטאַליען, וועלכע פּאַסט זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג.

פון דאָרטען, דערצעהלט עמנואל, זיינען מיר געגאַנגען ווייטער, און מיר האָבען געטראָפען אַ געמיינדע פון בלינדע. איך האָב דערקענט צווישען זיי אַן ערך פון הונדערט און

צוואַנציג. דאַס זיינען געווען גרויסע לייטע און פיהרער פון זייער פאָלק. דניאל האָט מיר ערקלערט: אַט די דאָזיגע מענשען האָבען געהאַט אויגען און ניט געוואָלט זעהן. זיי האָבען ניט געוואָלט וויסען פון די חכמות און די וויסענשאַפ־טען, דערפאַר דאַרפען זיי טאַפּען ביי טאָג ווי אין דער פינסטערניס.

א פּאַסענדע שטראָף קריעגט דער צבועק, וועלכער שפּיעלט די ראָלע פון א שעהנעם מענשען, פון א למדן און א פרומען, און טהוט אָפּ אין דער שטיל אַלע געמיינהייטען און נבלות. עמנואל שילדערט איהם ווי „אַן אַלטען מאַן, וואָס זעהט אויס גרויס". אויף זיין קאָפּ א קרוין פון דערנער, אונטער זיין נאָז „קטורת" פון מענשליכער צואה און א בייזע שלאַנג האַלט זיין „ערלה". ער ווערט געשמיסען מיט ריטער און דערנער, געשליידערט פון א הויכען טהורם און צושמעטערט אויף א פעלז. דאָ ברענט מען איהם אין פייער און דאָ צורייסען איהם בייזע וועלף, דאָ שיסט מען איהם מיט קופּערנע פיילען און דאָ ווערט ער פערשלעפּט פון טייכען פּעך און שוועבעל.

ניט פיעל בעסער איז דער פּלאַץ פון די דאָזיגע רבנים, וועלכע האָבען זיך אַבגעגעבען מיט דער תורה, כדי דערפון זייער פרנסה צו ציהען און זיך איבער'ן עולם צו גרויסען. „און אַז מיר זיינען געגאַנגען ווייטער, האָבען מיר געזעהן מענשען וואָס ליעגען אין דער פינסטערניס, זייער זון און לבנה שיינט מעהר פאַר זיי ניט. אהן געשטאַלט און אהן אויס־זעהן ליעגען זיי אין א פינסטערען ווינקעל, א ערנידריגטע מלוכה, אַרומגערינגעלט פון טויט־שרעקען. דאַס זיינען די, וואָס האָבען געלערענט תורה, תלמוד, מדרשים און פירושים, כדי צו מאַכען דערפון א האַק צום גראָבען, און קרוינען מיט וועלכע צו שטאָלצירען.

עמנואל הרומי געפינט אויך א פּלאַץ אין גהינום פאַר די זעלבסטמערדער: „און אַז מיר זיינען געגאַנגען ווייטער, האָבען מיר געזעהן צאָרן, גרימצאָרן און צרות. מענשען זיינען געפיהרט געוואָרען דורך קאַלד־אייוועגס און געזעגט געוואָרען מיט זעגען. זייערע פּנים'ער ווי שוואַרץ־פערברענטע טעפּ

פער׳חושכ׳ט, שרייען זיי און יאמערען פון צרות און יסורים. דאס איז דער פלאץ פאר די וואס זיינען בעגאנגען זעלבסט־מארד.

עמנואל פערלאזט דעם גהינום א ניעדערגעשלאגענער און צובראכענער. ער קען מעהר ניט צוקוקען די צרות און די יסורים פון די געפייניגטע און ער בעט דניאל׳ן, אז ער זאל איהם פון דארטען ארויספיהרען. ער פערשרייבט אלץ וואס ער האט איין גיהנום געזעהן, כדי די קומענדע דורות זאלען זיך דערפון א מוסר ארױבנעהמען און ניט זינדיגען.״

פון גהינום פיהרט איהם דניאל אריין אין גן־עדן. עמנואל׳ס גן־עדן איז וויט ניט אזוי אינטערעסאנט ווי זיין גיהנום. פאר עמנואל׳ס סאטירע איז דער גהינום א פאסענ־דערע טהעמא ווי דער גן־עדן. אין גהינום געפינט ער די אלע פערזאנען פון וועמען ער קען שפאטען און לאכען, אויף וואס ער האט בעזעסען אזא גרויסען טאלאנט. אין גן־עדן שווייגט זיי בייסענדע סאטירע, און ער איז דארטען עפעס ווי ניט ביי זיך אין דער היים.

אינטערעסאנט איז אבער דארטען איין שטעלע, וואו עמנואל צייגט זיך ארויס צו זיין פיעל טאלעראנטער ווי דאנטע: „און ווען מיר האבען אין די גאסען פון גן־עדן ארומ־שפאציערט, בעטראכטענדיג די גרויסקייט פון די חכמים, האב איך דערזעהן מענשען וואס זיינען פול געווען מיט שטאלץ און שעהנקייט, שעהנער ווי די זון און די לבנה. זיי זיינען ארומגעגאנגען אין דער וועלט פון די מלאכים. איך האב קיינעם פון זיי ניט דערקענט. איך האב געפרעגט, ווער זיי זיינען, און מיין פיהרער האט מיר געענטפערט: דאס זיינען די פרומע פון אנדערע פעלקער, וואס האבען זיך געשטארקט מיט זייער חכמה און שכל... זיי האבען מיט זייער שכל אויס־געפונען, ווער עס האט זיי בעשאפען, און וואס איז דער תכלית פון זייער זיין...״

עס פעהלט דארטען, אין עמנואל׳ס גן־עדן, אויך ניט דער אידישער קרעכץ אויף דעם לאנגען און ביטערען גלות: „מיר האבען דארטען געזעהן צעהן חופות פון „תכלת״ און פורפור־

וואָל געשטריקט, פון אינוועניג מיט גיז־גאָלד אויסגעקלעפּט, מיט אַלע טייערע שטיינער בעהאַנגען, און פון סאַפּירען געשניטען. און דאָרטען זיינען געשטאַנען צעהן הויכע שטוהלען מיט גיז־גאָלד געפּלאַסטערט, מיט גאָלד געקעסטעלט און מיט'ן בעסטען „תרשיש" אויסגעפּילט. דערביי זיינען געלעגיין קרוינען, וועלכע האָבען פערשעהמט די זון מיט זייער ליכט. איך האָב געפרעגט: „צו וועמען בעלאַנגען די חופּות, די שטוהלען און די קרוינען?" און דניאל האָט מיר געענט־פערט: דאָ זיצען די צעהן מאַרטירער פון דער מלוכה". „און וואו זיינען זיי איצטער, איך וואָלט זיי וועלען אַנקוקען." „זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען מיט דעם מלאך מ י כ א ל; זיי קניען און בעטען פאַר דעם רבונו של עולם, אז ער זאָל זעהן דעם צער פון דאָס ביסעלע וואָס איז געבליבען און ער זאָל זיי שיקען דעם ערלייזער. וואָרום זיי האָבען געזעהן די פּיין פון דעם אידישען פאָלק, וואָס איז זעהר פירכטערליך. און זיי טהוען ניט שווייגען ביז גאָט'ס גנאָדע וועט זיך פון הימעל ניט ענטפּלעקען צו דערגעהנטערן די גאולה, צו אויפבויען י ר ו ש ל י ם, אז די זאָל ווערען צו לויב צווישען לענדער."

* * *

א חוץ פּאָעזיע האָט עמנואל אויך געשריעבען וועגען אַנדערע ענינים, הויפּטזעכליך פּירושים אויף געוויסע טיילען פון דער ביבעל, ווי משלי, איוב, תהלים און די מגילות. עמנואל האָלט זעהר שטאַרק פון זיינע פּירושים, ער מיינט אז זיי צו פערדאַנקען וועט ער זוכה זיין צו א שטוהל אין גן־עדן. ער דערצעהלט, אז ווען ער איז מיט דניאל'ן אריין אין גן־עדן האָט זיך דוד המלך דערפרעהט מיט איהם, האָט איהם געהאַלזט און געקושט, ווייל ער האָט געגעבען דעם ריכטיגען פּירוש. אַזוי האָט זיך אויך מיט איהם דערפרעהט דער נביא י ח ז ק א ל און די אַנדערע נביאים.

זיינע פּירושים אויף דער ביבעל זיינען אבער פערהעלט־ניסמעסיג פון גאַנץ קליינער בעדייטונג. עמנואל האָט זיך געמאַכט אונשטערבליך ניט אלס ביבעל־קריטיקער און ביבעל־ערקלערער, נאָר אלס פּאָעט.

די אידען אין דייטשלאַנד.

XIII.

די קולטור פון די אידען אין דייטשלאנד און די אידישע קולטור פון צפון פראנקרייך. דער פראטעסט געגען די טרוקענע הלכות פון דעם תלמוד. דער ראציאנאליזם און דער מיסטיציזם. דער דייטשער מיסטיציזם און זיין איינפלוס אויף די אידען. די קרייטציגע און זייער איינפלוס אויף דעם גייסטיגען צושטאנד פון דער אייראפעאישער בעפעלקערונג. די גייסטיגע עפידעמיען. אידישע און קריסטליכע אבערגלויבענס. ר׳ יהודה החסיד האלט מעהר פון „עבודה" ווי פון תורה. ר׳ יהודה החסיד אלס פאעט. ר׳ יהודה החסיד און זיינע תלמידים. דער „ספר חסידים" און זיין קולטור־היסטארישע בעדייטונג.

דיא קולטור פון דיא אידען אין דייטשלאנד אין מיטעל־אלטער איז כמעט אין אַלע פרטים דיא זעלבע, וואס דיא אידישע קולטור אין צפון־פראנקרייך. ביידע זיינען זיי ווייניג בעאיינפלוסט געווארען פון דער פילאזאפיש־וויסענשאפטליכער קולטור, וואס דיא אידען פון שפאניען האבען ענטוויקעלט, — דיא אידען פון דייטשלאנד נאך ווייניגער וויא דיא אידען פון צפון־פראנקרייך. ביידע שטאמען זיי אפ פון דעם זעלבען שורש, ציהען דיא זעלבע יניקה און ענטוויקלען זיך מעהר אדער ווייניגער אויף דעם זעלבען אופן און אין דער זעלבער ריכטונג. ר׳ קלונימוס פון לוקקא, ווען קארל דער גרויסער האט אריבערגעבראכט פון איטאליען און וועלכער

איז געווען דער פּאַטער פון דעם תלמוד'ישען שטודיום אין דיא מערב - אייראָפּעאישע לענדער אַ חוץ שפּאַניען. דער דאַזיגער ר' קלונימוס האָט געעפענט זיין ערשטע ישיבה אין מאַינץ, דייטשלאַנד. רבינו גרשום „מאור הגולה" האָט געקראָגען זיין תלמודישע ערציהונג אין פראַנקרייך, פון דעם פראַנצויזישען תלמודיסט לעאָנטין, אָבער זיין ישיבה, וועלכע האָט געהאַט אַזאַ גרויסע בע־דייטונג, האָט ער געעפענט אין דייטשלאַנד, אין מאַינץ. רש"י, אַליין פון פראַנקרייך, האָט אָבער געלערענט ביי דיא „חכמי לותיר" (לאָטהערינגען), וואָס איז געווען אַ דייטשע פּראָווינץ. די „בעלי התוספות", כאָטש דאָס רוב פון פראַנקרייך, האָבען צווישען זיך געצעהלט אַ היבשע ביסעל דייטשע תלמוד'יסטען. אין זייער וועזען זיינען זיי, דיא דאַזיגעביידע קולטורען געווען, איינע, — כמעט אויס־שליסליך אַ ביבליש - תלמוד'ישע קולטור. דיא זעלבע אַרט ערציהונג, דיא זעלבע חדרים און ישיבות די זעלבע מנהגים און תקנות, דיא זעלבע פרומקייט און די זעלבע בעגריעפע וועגען גאָט און דערגלייכען.

ביין ענדע פון דעם צוועלפטען און אין אָנפאַנג פון דעם דרייצעהנטען יאָהר - הונדערט האָט זיך ביי די דייטשע אידען אָנגעפאַנגען ארויסצוציינגען אַ נייגונג צום מיסטיציזם. אַ פערלאַנג און אַ תשוקה צו קומען אין נעהענטערע בעצי־הונגען מיט גאָט און מיט דיא אויבערשטע וועלטען. דער טרוקענער שטודיום פון דעם תלמוד, דיא אַלע חריפות'דיגע פּלפּולים וועגען דיא פערשיעדענע הלכות, האָט אפשר געקענט בעפריעדיגען דעם מענשליכען שכל, אָבער ער האָט געלאָזען כמעט אין גאַנצען אונבעריהרט דאָס מענשליכע הארץ: ער איז ניט געווען אימשטאַנד איינצושטילען דעם דורשט פון דער מענלישכער נשמה, געבען אַן אויסוועג צו איהר בייינקענים און זוכענעס, צו ערפילען איהר פערלאַנג זיך צו פערליערען אין שעהנקייט און אין פּאָעזיע. דער שטודיום פון דעם תלמוד איז געוואָרען אַ ציעל פאַר זיך. מען האָט „געלערענט" לשם דעם „לערנען"; מען האָט זיך מפלפל

געווען צוליעב דעם פּלפּול. דאָס הארץ איז געבליעבען פּוסט און אונבעפריעדיגט. צוליעב דעם „לערנען“ האָט מען פערנאַכלעסיגט אפילו דעם „דאַווגען“, די תּפילות, ווען דער מענש ווארפט פון זיך אראָפּ זיינע וואָכעדיגע קליידער און טהוט אָן זיינע בגדי שבת, קומט אריין אין אַ העכערע שטימונג און זוכט זיך צו פעראייניגען מיט זיין גאָט.

געגען דער דאָזיגער „פערשטיינערונג פון דעם הארצען“ איז ארויגסעטראָטען ר׳ יהודה החסיד.

אזעלכע בעוועגונגען געגען דער פערשטיינערונג פון דעם הארצען, געגען דעם צו טרוקענעם און שטרענגען „ליגאַליזם“, וואָס רויבט אוועק פון דער רעליגיאָן איהר רעליגיעזיטעט און פּאָעזיע, און מאַכט פון איהר בלויז אַ געזעץ־בוך, זיינען ניט קיין נייעס אין דער אידישער געשיכטע. דאָס איז דיא אייביגע מלחמה צווישען דעם שכל און דיא געפיהלען, צווישען דעם ראַציאָנאַליזם און מיסטיציזם, וועלכע דריקט זיך אוים אין פערשיעדענע עפּאָכען אויף פערשיעדענע וועגען, לויט דעם קולטורעלען און מאַטעריעלען מצב פון יענער צייט און יענעם לאַנד. אין דעם הויך־קולטורעלען, אין פילאָזאָפישען און וויסענשפאַטליכען זינן, יודעטהום פון שפּאַניען איז בעשאַפען געוואָרען אַלס פּראָטעסט געגען דער דאָזיגער טרוקענהייט פון „לערנען“ דער „חובות הלבבות“ פון רבינו בחיי, איינער פון דיא אינטערעסאַנטסטע ביכער איבער עטהיק און פילאָזאָפיע אין דער העברעאישער ליטעראַטור; אין דעם אונוויסענדען, אַבערגלויבישען יודענטהום פון דייטשלאַנד איז בעשאַפען געוואָרען. ווידער אַלס פּראָטעסט געגען דער אויבענדערמאָהנטער טרוקענטקייט. דער „ספר חסידים“ פון ר׳ יהודה החסיד, אַ בוך פון דער העכסטער עטהישער בעדייטונג, געמישט מיט אַלערליי ווילדע און משונה׳דיגע אַבערגלויבענס.

דער מאָטיוו איז בייביידע מחברים געווען דער זעלבער, ביידע האָבען פּראָטעסטירט געגען דער זעלבער זאַך במעט מיט דיא זעלביגע ווערטער: „און ניט וויל איך

האלט זיך פאר׳ן גרעסטען חכם פון מיין דור, ווארום איך בין קליין אין מעשים און אין תורה. עס זיינען פאראנען גרעסערע לומדים און צדיקים פאר מיר, נאר פון זייער צופיעל חכמה זיינען זיי זיך מפלפל אין תלמוד אהן אן ענד", ערקלעהרט ר׳ יהודה החסיד אין דעם „ספר חסידים".

און פונקט וויא רבינו בחיי איז בעאיינפלוסט געווארען פון דיא אראביש־מאהאמעדאנישע מיסטיקער, אזוי איז ר׳ יהודה החסיד בעאיינפלוסט געווארען פון דיא דייטשע קריסטליכע מיסטיקער. „דאס איז געווען נאך די קרייצציגע. דער קריסטליכער עולם האט זיך געפיהלט ענטטוישט און פערבימערט. די קרייצציגע האבען געלאזען הינטער זיך ארימקייט און קראנקהייטען, קריעג צווישען דער קירכע און דעם שטאאט, א שנאה געגען דיא גייסטליכע, וואס האבען זיך אויפגעפיהרט זעהר מיאוס. דיא בעסערע עלעמענטען, דיא עדעלערע מענשען, זיינען געבליעבען אונצופריעדען מיט דער אפיציעלער רעליגיאן און האבען זיך אריינגעלאזען אין אלערליי פאנטאסטישע חלומות, האבען זיך בעשאפען אייגענע וועלטען, ריין פון שמוץ און פון שלעכטס. זיי האבען זיך געזוכט צו בעהעפטען מיט דיא אויבערשטע וועלטען. אם שטארקסטען איז דיא דאזיגע בעוועגונג געווען אין דיא רהיינישע פראווינצען און אין בייערען. וואו ר׳ יהודה החסיד האט געוואוינט (גיעדעמאן).

ריידענדיג וועגען דער ענגער פערוואנדשאפט, וואס האט עקזיסטירט צווישען דעם קריסטליכען און דעם אידישען מיסטיציזם פון דייטשלאנד אין דעם דרייצעהנטען יאהר־הונדערט, בעמערקט גיעדעמאן: „קיינמאל זיינען דיא דאזיגע ביידע רעליגיאנען ניט געשטאנען אזוי נאהענט איינע צו דיא אנדערע אין זייער גייסט וויא אין יענעם יאהר־הונדערט, כאטש דיא שנאה צווישען זיי איז דאמאלס געווען אם שטארקסטען און אין לעבען זיינען זיי געווען אם וויטסטען איינע פון דער אנדערער.

פון דיא קריסטליכע מיסטיקער האָבען אויך די אידישע זיך אויסגעלערענט צו פערגלייכען דיא בעציהונגען צווישען גאָט און דעם מענשען צו דיא בעציהונגען פון א געליעבטען און א געליעבטער. ביי דיא קריסטליכע מיסטיקער זיינען געווען פיעלע, הויפּטזעכליך צווישען דיא פרויען, וועלכע פלעגען בעטראַכטען י ע ז ו ס ע ן אלס זייער געטליכען חתן ניט בלויז אין גייסט נאָר טאַקע אין פלייש. זיי פלעגען אזוי לאַנג זיך פערטיעפען אין זייערע ליעבעס־פאַנטאַזיען מיט יעזוס׳ען ביז זיי פלעגען זיך אריינארבייטען אין אזא מין געשלעכטליכען עקסטאַז ווען זיי פלעגט זיך אויסדרוכטען. אז זיי זיינען געקומען מיט איהם אין נאָהענטער ק ע ר ־ פ ע ר ל י כ ע ר בעריהרונג. ביי דיא אידישע מיסטיקער פון דער זעלבער צייט און אין דיא זעלבע לענדער איז עס אמת ניט געגאַנגען אזוי וויט, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט קיין יעזוס׳ען און אויך ניט קיין הייליגע יונגפרוי, אָבער אין גאַנצען ריין דערפון זיינען זיי ניט געווען. דיא ליעבע צו גאָט ווערט אויך ביי זיי, ביי דיא אידישע מיסטיקער, ניט זעלטען פערגליכען צו די ליעבע צו א פרוי, און גאַנץ אָפט אין ניט קיין איבריגס דעליקאַטע אויסדריקע און ווארט־בילדער *).

די קרייצציגע האָבען אין גאַנצען צוטרייסעלט דעם גע־זעלשאַפטליכען בנין פון יענער צייט. בערך זיעבען מיליאָן נפשות זיינען אומגעקומען דורך די מלחמות, און דורך די קראַנקהייטען און הונגער וואָס זיי האָבען געבראַכט מיט זיך. גאַנצע שטעדט און פּראָווינצען זיינען חרוב געוואָרען, בלייבענדיג כמעט אָהן א בעפעלקערונג. דאָס האָט זיך אויך אָפּ־געדופען אויף דעם גייסטיגען צושטאַנד פון די מענשען. די מענשען האָבען פערלאָרען דעם גלייכגעוויכט פון זייער שכל, און עס האָבען אָנגעפאַנגען אויסצוברעכען גייסטיגע עפּידע־

*) ואותה השמחה כך עזה ומתגברת על לבבו. שאפילו בחור שהיה ימים רבים שלא בא לאשתו ויש לו תאוה מרובה ובשעה שזרעו יורה כחץ, זהו כאין נגד תגבורת תוקף שמחת אהבת ה״. (ספר חסידים).

מיען, וועלכע זיינען געווען אזוי אנשטעקענד וויא אנדערע עפידעמישע קראנקהייטען. מענשען פלעגען ארומגעהן איבער די גאסען טאנצען אין הייליגע התלהבות ביז וואנען זיי פלע־גען פאלען אין אזא מין נכפה־צושטאנד, וואס איז בעקאנט אין דער מעדיצין אונטער דעם נאמען „גרויס־היסטעריע". פלעגען דאן זעהן „זעהונגען", ריידען מיט מלאכים און זאגען נביאות. און דיא דאזיגע „הייליגע טענצער" פלעגען וואנד־רעווען פון שטאדט צו שטאדט און אויף אזא אופן פארשלע־פען די קראנקהייט: די שוואכזיניגע און די צארטע, די עפי־לעפטיקער און דיא היסטעריקער פלעגען זיך אויף זיי פערקו־קען און זיי נאכטהאן. אויך צווישען די אידען האבען זיך בע־וויזען אזעלכע מינים „נביאים" און משוגעים, וועלכע פלעגען ארייגפאלען אין דער נכפה, זעהען מלאכים און זאגען נביאות. א אידישער פרומאק פון דעם דרייצעהנטען יאהר־הונדערט, ר' משה תקו, בייזערט זיך אויף יענע „אפיקורסים". „וואס ווילען זיך מאכען פאר נביאים, רופען אוים די הייליגע נעמען, ביז די נשמה ווערט צושראקען און דער גוף פאלט א פערמאטערטער". ער ערקלעהרט ווייטער: ביי זיי ווערט דאן די נשמה דער עיקר און זיי קענען זעהן אלץ פאראוים, ביז אין א ווײלע ארום געהט פון זיי אוועק דער כוח פון דעם הייליגען שם. וואס זיי האבען ארויסגערופען און זיי בלייבען צומישט" (ציטירט לויט גידעמאן) ר' משה תקו, וועלכער איז אליין געווען ניט פיעל בעסער פון זיי, האט ניט פערשטאנען, אז דאס איז אזא מין נערוועז־קראנקהייט.

אויך בנוגע די אלערליי מינים ארזרזלויירזום, וויא דער גלויבען אין כשוף, שדים, רוחות, מזיקים, דבוקים, אין גוטע און שלעכטע מלאכים, אין פערשיעדענע סגולות און קמיעות, זיינען דיא אידען שטארק בעאיינפלוסט געווארען פון זייערע קריסטליכע שכנים. דאס מיינט ניט צו זאגען, אז דיא אידען האבען דערפון פריהער אין גאנצען ניט געוואוסט. דער גלוי־בען אין שדים, רוחות, מזיקים און מלאכים געפינט זיך נאך אין תלמוד, און האט זיך געפונען ביי אלע פעלקער אין אלע צייטען און אין אלע לענדער. אבער די לעהרען וועגען שדים

און מלאכים וואס געפינען זיך אין תלמוד זיינען גאר נישט מיט גאר נישט לגבי דיא משונה'דיגע לעהרען וועגען דיא דאַזיגע ענינים, וואס מען געפינט אין דיא ספרים פון די אידיש־דייטשע מיסטיקער פון מיטעל־אלטער. דאָקטאר ג י ד ע־מ א ן בעווייזט, אז דאס רוב פון דיא נעמען פון דיא שדים און דיא ניט־גוטע, וואס מען געפינט אין יענע ספרים זיינען גענומען פון לאטייניש, דייטש און פראנצויזיש. דאס איז דער בעסטער בעוויז, אז א גרויסער טהייל פון די דאזיגע אבער־גלויבענס און נארישע אמונות האבען די אידען גענומען פון זייערע קריסטליכע שכנים. דאָקטאר גידעמאן בריינגט אן אינ־טערעסאנטען פאל פון א אידישער קמיע, וואס איז געפונען געווארען אין מ י נ כ ע ן, וואו די „השבעה" (בעשווערונג) איז געמאכט געווארען אין דעם נאמען פון „אלאהי צעבאאת". דער אידישער פלאגיאטאר פון דער קריסטליכער קמיע האט ניט געוואוסט, אז „אלאהי צעבאאת" מיינט פשוט דער העב־רעאישער „אלהי צבאות", און ער האט געמיינט, אז דאס זיי־נען נעמען פון הייליגע מלאכים. גאנץ אפט האט פאסירט, אז דיא קריסטען האבען פריהער גענומען פון די אידען, געמאכט „פערבעסערונגען" און הוספות אויף זייער שטייגער, און דיא אידען האבען דערנאך איבערגענומען די כשרע מציאות פון דיא קריסטען. עס איז געווען א געגענזייטיגער אויסטויש פון אבערגלויבענס.

דאס ערגסטע דערביי איז געווען, וואס די אידישע מיס־טיקער — אין דעם וויעדער זיינען דיא אידען ניט געווען קיין אויסנאהמע — האבען געזוכט זייערע אבערגלויבענס און נארישקייטען צו צוטשעפען און אריינצוטייטשען אין דיא פסוקים פון דער תורה, פונקט ווי דאס האבען געטהאן דיא אי־דישע פילאזאפען פון זייער זייט.ביידע, סאי דיא מיסטיקער און סאי דיא פילאזאפען, האבען זיך ניט בענוגענט מיט דעם פראסטען זינן פון דיא ווערטער, דאס איז געווען פאר זיי ווע־ניג. זיי ביידע האבען דארטען געזוכט אריינצוקוועטשען דורך אלערליי מיטלען זייערע אייגענע געדאנקען און מיינונגען, — דיא ערשטע זייערע „נארישקייטען" און דיא לעצטע זייערע

כלומרשדיגע „חכמות".ביידע האבען געגלויבט, אדער האבען זיך געמאכט גלויבענדיג, אז די תורה האט אן „אינגערען זינן", א פערבארגענע כונה; ביידע האבען געברויכט מעהר אדער ווייניגער די זעלבע מעטהאדען. כאטש זיי זיינען געקומען צו אנדערע אויספיהרונגען. און ביידע זיינען בעגאנגען די זעלבע עולה געגען דעם אמת׳ען זינן פון פסוק, אויב ניט דעם זעלבען פערברעכען געגען דעם געזונדען מענשליכען פערשטאנד. דאס בעווייזט נאר אמאל, אויב אזא בעווייז איז נויטהיג, וואס פאר א קליינע בעדייטונג דער טוידטער „געשריעבענער ווארט" האט ווען ער קומט אין צוזאמענשטויס מיט דיא מיינונגען און נייגונגען פון דעם לעבעדיגען מענשען. דער מענש געפינט שוין לייכט א וועג, וויא אויסצודריידלען און אויס׳צופשט׳לען דעם „געשריעבענעם ווארט" אזוי וויא איהם ווילט זיך.

דורך דעם אבער וואס דיא אידישע מיסטיקער האבען די דאזיגע אלע נארישקייטען, אין וועלכען זיי האבען עהרליך און אויפריכטיג געגלויבט, געזוכט אריינצוקוועטשען אין דעם מיין פון די פסוקים, דורך דעם זיינען זיי בעגאנגען א גרויסען פערברעכער געגען דעם גאנצען אידישען פאלק. זיי איז דורך דעם געלונגען, פאר א לאנגע צייט וועניגסטענס, ארויפצושטעמפלען אויף די דאזיגע נארישקייטען די חתימה פון היילינקייט און אמת. פאר דיא גרויסע מאסען פון פאלק זיינען דיא דאזיגע ווילדקייטען באמת געווארען א מין צווייטע תורת משה, אין וואס מען מוז גלויבען. און דאס האט געפיהרט דערצו, וואס די קריסטען האבען שפעטער בעשולדיגט די אי־דען אין כשוף און אין אבערגלויבען, גאר פערגעסענדיג אז דאס זיינען געווען אריגינעל קריסטליכע פראדוקטען, וועלכע דיא אידען האבען פון זיי איינגעהאנדעלט.

* * *

ר׳ יהודה בר שמואל החסיד פון רע־גענסבורג קען בעטראכט ווערען אלס דער פאטער און גרינדער פון דער דאזיגער מיסטישער ריכטונג אין דייטש־לאנד. אין געוויסע הינזיכטען טראגט ער א שטארקע עהנליכ־

קיים צום ב ע ש "ט. דער גרינדער פון דעם מאָדערנעם „חסידיזם“. כאָטש ר׳ יהודה החסיד שיינט געווען צו זיין א גרעסערער למדן ווי דער לעצטער און אויך א פיעל גרעסערער פּאָעט. פון א צאַרטער און טיעף־פּאָעטישער נאַטור האָט ער זיך ניט געקענט בעפריעדיגען מיט דעם שטודיום פון דיא טרוקענע תלמודישע הלכות און די פּלפּולים. זיין נשמה האָט געבייִנקט נאָך עטוואָס אַנדערס וויא פּלפּול, נאָך עטוואָס העכערעס. איהם האָט זיך געגלוסט צו בעהעפטען מיט דעם בורא, צו ווערען איינס מיט זיין שעפּפער. ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיט׳ן „לערנען“ אַליין קען ער דאָס ניט ער־רייכען. דאָס וואָס ער האָט ניט געקענט דערגרייכען דורך „תורה“, האָט ער געהאָפט צו דערגרייכען דורך „עבודה“. דורך תפלות און גוטע מעשים. ביי איהם איז דאָרום „עבודה“ גע־שטאַנען אויף א פיעל העכערע מדרגה ווי דאָס לערנען פון תורה.

ר׳ י ה ו ד ה ה ח ס י ד איז אין גאַנצען עפּעס ווי א מין סוד. פון זיין לעבען ווייסען מיר כמעט גאָר נישט. אפילו ניט ווען ער איז געבאָרען געוואָרען. מיר ווייסען בלויז, אַז ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1217. ער האָט אָבגעשטאַמט פון א גרויסע פאַמיליע פון לומדים און צדיקים. זיין פאָטער איז אויך געווען א מיסטיק און מען פלעגט איהם רופען „דער חסיד“, דער „הייליגער“ און דער „נביא“. זיין רבי אין תלמוד איז גע־ווען ר׳ יצחק ב"ר שמואל, א תלמיד פון דעם רבינו תם.

אַרום זיין לעבען האָבען זיך אויסגעבילדעט א סך לעגענ־דען. ביז אַכטצעהן יאָהר זאָל ער געווען זיין א פּראָסטער בחור, וואָס האָט אפילו ניט געקענט דאַווענען. פּלוצלונג איז ער געוואָרען א בעל תשובה און א גרויסער צדיק. ער האָט אָנגע־פאַנגען צו טהאָן ניסים און בעווייזען גרויסע מופתים. אליהו הנביא איז מיט איהם געוואָרען א גאַנצער מחותן, און איין מאָל האָט ער ביי איהם פערבראַכט ביים סדר.

ר׳ יהודה החסיד איז געווען איינער פון די גרעסטע און בעסטע רעליגיעזע פּאָעטען, וואָס די אידען פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד האָבען פון זיך אַרויסגעגעבען. עס זיינען פון איהם

געבליעבען איינינע פיוטים און תפילות, וועלכע קענען זיך רעד־כענען צווישען די בעסטע. עס איז די מיינונג פון מאנכע פאר־שער, אז ער איז אויך דער מחבר פון דעם בעריהמטען „שיר היחוד" און „שיר הכבוד". אין דעם לעצטען ליעד געפינען זיך איינינע פערזען וואס דריקען אוים די גאנצע צארטקייט און טיעפקייט פון זיין בייגקענדע נשמה :

נפשי חמדה בצל ידיך,
לדעת כל רז סודיך.
מדי דברי בכבודך,
הומה לבי אל דודיך.

(מיין הארץ גלוסט צו זיין אין דעם שאטען פון דיינע הענד, אום צו וויסען אלע דיינע פערבארגענע סודות, ווען איך רייד פון דיין כבוד, ברוינט מיין הארץ צו דיין ליעבע).

א ספרה כבודך ולא ראיתיך
אדמך אכנך ולא ידעתיך.

(איך דערצעהל דיין כבוד און איך האב דיר ניט געזעהן; איך פערגלייך דיר, איך נען דיר און איך ווייס דיר ניט).

המשילוך ברוב חזיונות,
הנך אחד בכל דמיונות.

(מען האט דיר פערגליכען מיט פיעלע פערגלייכונגען, דו בלייבסט אבער אימער דער איינער).

ביין ענדע פון צוועלפטען יאהר־הונדערט האט זיך ר' יהודה החסיד בעזעצט אין רעגענסבורג, וואו ער האט עטוואס שפעטער געעפענט א ישיבה. פון זיינע בעריהמטעסטע תלמידים זיינען ר' אלעזר פון וואָרמס, א תלמודיסט, מיסטיק און מקובל, דער מחבר פון דעם „רוקח"; ר' יצחק בן משה פון וויען, דער מחבר פון דעם „אור זרוע" און ר' ברוך בן שמואל פון מאינץ, דער מחבר פון „ספר החכמה". זיי אלע, יעדער אויף זיין דרך, האבען פארטגעזעצט די ארבייט פון זייער רבי'ן און האבען אויסגעאיבט א געוואל־דיגען איינפלוס אויף די דייטשע אידען פון די שפעטערע יאהר־הונדערטע. און דורך דעם אויך אויף די אידען פון דיא

סלאווישע לענדער, ווי פּוילען, בעהמען און רוסלאנד. זייער איינפלוס איז אפשר ניט אימער און ניט אין אלע הינזיכטען געווען א ווינשענסווערטהער, אָבער ער קען ניט אפגעלייקענט אדער פערשוויגען ווערען.

ר' יהודה החסיד איז דער מחבר פון פערשיעדענע ספרים, אָבער זיי זיינען על פּי רוב פערלאָרען געגאנגען. מען ווייס פון זיי בלויז דורך די ציטאַטען וואָס זיינע תלמידים און נאָכפאָל־גער האבען פון זיי געבראכט. איינער פון די דאָזיגע ספרים איז דער „ספר הכבוד", א מיסטיש־קאבאליסטישער ספר. פון די ווייניגע ציטאַטען וואָס ווערען פון דעם דאָזיגען ספר גע־בראכט קען מען זיך מאכען א פארשטעלונג פון ר' יהודה החסיד'ס בעגריף פון גאָט. גאָט אליין איז אונבעגרייפליך, ניט די מלאכים און ניט די מענשען קענען איהם זעהן. ווען ער דאַרף זיך ענטפּלעקען פאר דער בעשאַפענער וועלט, פאר דיא מלאכים פּונקט אזוי וויא פאר דיא מענשען, ערשיינט דיא „געטליכע עהרע". וועלכע איז בלויז א מין אפּשטראַהלונג פון גאָט אליין.

זיין בעקאַנטעסטער און וויכטיגסטער ספר איז דער „ספר חסידים", אָבער אויך ער איז ניט אין גאנצען זיי־נער. עס זיינען אין איהם אריינגעקומען שטיקער פון שפּעטע־רע שרייבער.

* * *

„עס זיינען פאראן ביכער, וואָס זייער בעדייטונג און וויכטיגקייט ליעגט ניט אין זייער אינהאלט, נור אין דער צייט ווען זיי זיינען געשריבען געוואָרען. אנדערע ספרים מיט דעם זעלבען אדער עהנליכען אינהאלט ליגען פערוואָרפען צווי־שען „שמות" און קיינער אינטערעסירט זיך מיט זיי ניט, וועהרענד דיא ערשטע פער'כשוף'ען אונז מיט זייער אינטע־רעסאנטקייט. מיר קענען זיך פון זיי ניט אָפּרייסען ביז מיר לייענען דורך אלץ וואָס דאָרטען געפינט זיך. זייערע חסרונות גופא זיינען מעלות, און זייערע פעהלערען זיינען ניט ווייניגער אינטערעסאנט. די דאָזיגע ביכער גיבען אונז מעהר וויפיעל זייערע מחברים האבען אונז געוואָלט געבען. זיי זיינען ווי לע־

בעדיגע עדות אויף דעם גייסטיגען צושטאנד פון פאלק אין א בעשטימטער עפאכע; זיי שפיעגלען אין זיך אפ דעם לעבען פון גאנצע דורות. צו די ביכער פון דעם דאזיגען מין בעלאנגט דער „ספר חסידים“. ווי די חורבות פון אלטע טעמפלען, וואס זאגען עדות אויף דעם אמאליגען גלאנץ און דעם איצטיגען חורבן פון דעם בנין, אזוי זאגט דער „ספר חסידים“ עדות אויף דעם חורבן פון דעם יודענטהום אין דעם דרייצעהנטען יאהרהונדערט. ערהאבענעם און נידריגעם, שעהנעם און מיאוס׳עס, קלוגעם און נארישעם ליגען דארטען צוזאמענגעווארפען און אויסגעמישט; בריליאנטען צווישען שערבלאך, גאלד צווישען זאמד, דופטענדע בלומען שפראצען ארויס פון א פערשימעלטען געמייזעכץ“ (דאקטאר גידעמאן).

עס זיינען דא וועניג ספרים אין דער גרויסער אידישער ליטעראטור פון מיטעל־אלטער, וואס זאלען האבען אזא גרויסען ווערטה פאר דעם קולטור־היסטאריקער וויא דער „ספר חסידים“. אין איהם מעהר ווי אין אירגענד וועלכען אנדערען ספר זעהט מען ארויס שארף און בולט דעם דאמאלסדיגען אידישען לעבען אין צפון־פראנקרייך, דייטשלאנד און אין מאנכע סלאווישע לענדער. מען זעהט דעם דאזיגען לעבען מיט אלע זיינע מעלות און אלע זיינע חסרונות, מיט גאר זיין ליכט און מיט גאר זיין שאטען. מען זעהט דארטען דעם אידען פון זיין וויגעלע ביז׳ן קבר, מיט אלע זיינע מנהגים, גוטע און שלעכטע, מיט אלע זיינע האפנונגען, מיט אלע זיינע גלויבענס און אבערגלויבענס. איהר זעהט איהם, דעם אידען, אין זיינע בעציהונגען צו זיין גאט. איהר זעהט איהם אין זיינע קינדערשע יאהרען, אין זיין ערציהונג; איהר זעהט איהם אין זיין פאמיליען לעבען; איהר זעהט איהם אין זיינע פרנסות, אין זיינע דאגות וועגען חיונה, אין זיין ווארטען, אין זיין האפען און זיין דולדען. איהר זעהט אין איהם ענדליך דעם גרויסען און קלוגען דולדער, וועלכער האט ניט אומזיסט געליטען יאהרהונדערטע פון צרות און רדיפות. ער האט עטוואס געלערענט פון זיינע צרות, ער האט געלערענט לעבענסווייזהייט און פארזיכטיגקייט. איהר געפינט אין „ספר

חסידים" קורצע משלי־מוסר, וועלכע איבערראשען אייך מיט זייער קלוגשאפט, מיט זייער פראקטישקייט און מיט זייער טיעפען ארייננקוקען אין דער מענשליכער נאטור. איהר גע־פינט, אז דער מחבר פון דעם „ספר חסידים" איז געווען ניט בלויז אן אידעאליסט און טרוימער, נאר אויך א מענש, וואס האט געלערענט פון דער לעבענס־ערפאהרונג — אן אמת'ער קינד פון זיין פאלק.

און אין די אלע לעהרען און עצות וואס דער „ספר חסידים" גיט, הערט זיך איין מאטיוו, וואס שטייגט אריבער די אלע אנדערע: אן אונבעגרענעצטע ליעבע און רחמנות צו אלץ וואס לעבט. ניט בלויז דארף מען ליעבען און רחמנות האבען אויף דעם אייגענעם אידישען ברודער, נאר אויך אויפ'ן פרעמ־דען, אויפ'ן ניט־אידען, און ניט בלויז אויף דעם מענשען, נור אויך אויף די בהמות און חיות, אויף די שטומע בעשעפעני־סען. און די דאזיגע אלע הויכע מאראלע לעהרען ווערען אזוי ווי פערצוויגען מיט א שלייער פון אלערליי אבערגלויבענס.

ר' יהודה החסיד איז ניט קיין היסטאריקער. ער בע־שרייבט ניט און דערצעהלט ניט פון די רדיפות און די פייני־גונגען, וואס דאס אידישע פאלק האט געהאט אויסצושטעהן אין זיין צייט אין יענע לענדער; ער איז אויך ניט קיין מקונן. ער בעקלאגט ניט די אידישע ליידען. אבער דא און דארטען זאגט ער א ווארט אדער דערצעהלט א מעשה'לע, וועלכע ענט־פלעקט פאר אייערע אויגען דעם גאנצען שוידערליכען אפ־גרונד אין וועלכען דאס אידישע פאלק האט זיך דאמאלס גע־פונען:

„וואס זייערע מיילער ריידען פאלש און זייערע שבועות זיינען ליגען. אמאל האט מען גוזר געווען אויף די אידען, אז זיי זאלען זיך אויס'שמד'ען, צו פערלייקענען דעם אידישען גאט און אננעהמען די אמונה פון די פרעמדע. האבען זיך די אידען געאיילט צו אנטלויפען פון זייערע פלעצער. האבען זיך געפונען פריצים, וואס האבען זיך ארויסגעשטעלט פאר גוטע פריינד און האבען די אידען איינגעלאדען צו זיך. און ווען די אידען זיינען אהין געקומען, האט מען זיי אויסגע־

הרג'עט". דאָס איז אַן איינפאַכע מעשה'לע, וועלכע רעדט אָבער מעהר ווי גאַנצע בענדער. דאָס וואונדערבאַרסטע דער־ביי איז, וואָס ר' יהודה החסיד שילט ניט און פלוכט ניט. ער ווערט בלויז עמפּערט פון דעם עטהישען פערברעכען, וואָס די דאָזיגע פּריצים זיינען בעגאַנגען און האָבען ניט געהאַלטען זייער וואָרט און זייער שבועה.

„אויב די שונאים האָבען געזאָגט, גיט אונז איינעם פון אייך און מיר וועלען איהם טויטען. ווען ניט וועלען מיר אייך אַלעמען טויטען. זאָלען זיי זיך בעסער אַלע לאָזען טויטען און ניט איבערענטפערען קיין אידישען נפש".

„אַ אידישע פרוי וואָס געהט אין וועג, וואו עס געפינען זיך פרעמדע און זי האָט מורא. אז מען וועט איהר פערגוואַל־טיגען, מעג זי זיך פערקליידען אין די קליידער פון אַ נאַנע".

פון אַזעלכע און עהנליכע שטעלען אין דעם „ספר חסידים" קען מען זיך מאַכען אַ בעגריף וועגען דער שוידערליכער לאַגע פון דיא אידען, וועלכע זיינען דאַמאָלס ניט געוו[illegible] איבער ניט מיט זייער לעבען און ניט מיט זייער עהרע. [illegible]ט געקענט ערוואַרטען, אַז ביי דעם מחבר פון דע[illegible] „ספר חסידים" זאָל זיך ערוועקען אַ געפיהל פון שנאה און נקמה. דאָס וואָלט געווען ניט מעהר וויא נאַטירליך, אָבער ר' יהודה החסיד איז אין גאַנצען פריי פון דעם. זיינע לעהרען וועגען פרעמדע זיינען דורכגעזאַפּט מיט אַ געפיהל פון ליעבע און מענשען־פריינדליכקייט :

„ווען אַ מענש רעדט וועגען דעם שבח פון צדיקים, סאַי אידישע און סאַי ניט־אידישע, דאַרף ער זאָגען „צום גוטען זאָל ער דערמאָהנט ווערען".

„אַ מענש זאָל ניט טהאָן קיין עולה צו אַ **„גברי"**. אַזעלכע זאַכען מאַכען דעם מענשען פאַר אַן אָרימאַן און ער האָט ניט קיין הצלחה אין זיין רייכקייט".

„אַזוי וויא דו מוזט זיך אויפפיהרען עהרליך מיט אַ אידען, אַזוי זאָלסטו זיך אויך אויפפיהרען עהרליך מיט אַ פרעמדען. און אויב דער פרעמדער האָט אַ טעות געהאַט, זאָלסטו איהם צוריקקעהרען. אויב אַ מענש איז אַן אָרימאַן,

זאָל ער בעסער אָנקומען צו לייטען און ניט פערכאַפּען קיין גויעשקע געלדער, וואָרים דאָס איז א חלול השם, מען וועט זאָגען, אַז אידען זיינען גנבים און שווינדלער".

„גאָט נעהמט זיך אָן דיא קריוודע פון דיא בערויבטע, סאַי פון אַ אידען, סאַי פון אַ ניט־אידען. דעריבער טאָהר מען ניט גנב'ענען אפילו פון אַ ניט־אידען".

„אַ איד און אַ „נכרי" וואָס זיינען צוזאַמען, און דער „נכרי" דערצעהלט איהם, אַז ער וויל געהן דאָרטען און דאָר־טען, וואו עס געפינען זיך אידען און ער האָט מורא, אַז זיי וועלען איהם בעשווינדלען, דאַרף איהם דער איד זאָגען, ווער עס איז ע.הרליך און ווער ניט".

דער אַסימילירטער איד שאול פון טאַרסוס, דער „הייליגער פּאול", וויצעלט זיך אין זיינע עפּיסטלען וועגען דעם פּסוק „דו זאָלסט ניט פערשליסען דעם מויל פון אָקס, ווען ער דרעשט". ער פרעגט: צו רעדט דען דיא תורה וועגען אָקסען? עס לייגט זיך איהם ניט אויפ'ן שכל, אַז דיא תורה זאָל לייגען רחמנות אויף אָקסען. ער זוכט דאָרטען אַריינצוגעבען אַן אַנדער כונה אין דעם דאָזיגען פּסוק. וויא אונפערגלייכבאַר העכער שטעהט איבער איהם דער מיטעל־אַלטערליכער אידישער חסיד פון רעגענסבורג:

ווען איינער פערשאַפּט א בהמה אומזיסטען צער דער־מיט וואָס ער בעלאַדעט איהר מיט אַ צו שווערער משא און זיא קען ניט געהן און ער שלאָגט איהר, וועט ער מוזען אָפּ־געבען אויף דעם דין וחשבון, וואָרים „צער בעלי חיים" איז פון דער תורה".

„אַ מענש דאַרף ניט זיין אונדאַנקבאַר אפילו געגען א חיה, אזוי ווי אין פּסוק שטעהט: די פערצוקטע אין פעלד זאָלסטו ניט עסען, צום הונד זאָלסטו איהר געבען. דער הונד האָט געהאָלפען פערטרייבען דעם וואָלף אין וואַלד און ער האָט פאַר דיר גערעטעט די חלב און די פעל, דעריבער קומט איהם דאָס פלייש."

„דער צדיק וויים די זעעלע פון זיין בהמה, דאָס מיינט

ער זאָל מיט איהר ניט ארבייטען, ווען זי איז קראַנק אָדער ווען זי דאַרף געלעגען ווערען."

„אויב א הונד וואָס בייסט ניט איז אריין אין הויז און דער איד וויל איהם ארויסטרייבען, זאָל ער איהם ארויסטריי־בען מיט א קליינע ריטעל. ער טאָר איהם ניט אָפּגיסען מיט הייסע וואסער, שלאָגען מיט א גראָבען שטעקען, פערקוועטשען איהם מיט דער טיהר, אָדער איהם בלינד מאַכען."

„גאָט וועט זיך אָננעהמען דעם צער פון די פערד, וועלכע די רייטער שלאָגען מיט זייערע ספּאָרען."

„עס זיינען פאראן זאַכען, וואָס מען מיינט, אז עס איז ניט קיין זינד, אָבער דאָס איז יע א זינד, ווי, צום ביישפּיעל, צו מאַכען די חיות אנדערש ווי זיי זיינען בעשאַפען געוואָרען. דער „השם יתברך" האָט בעשאַפען אַלעמען ווי זיי דאַרפען זיין, ווי עס איז בעסער פאר זיי.... ער האָט פאר יעדע חיה בעשאַפען איהרע בעדירפניסע און איהר בעשיצונג. ער האָט בעשאַפען די בהמה מיט הערנער, כדי זי זאָל זיך קענען שי־צען פון די חיות און כדי זי זאָל זיך קענען קראַצען מיט זיי און פערטרייבען די פליעגען מיט די ווערים וואָס בייסען איהר. ער האָט בעשאַפען דעם אָקס א לאַנגען עק, כדי ער זאָל קענען פערטרייבען די פליעגען, וואו די הערנער קענען ניט דערגרייכען. דער מענש, די אַפּע און דער בער האָבען הענד. דאַרפען זיי ניט קיין עקען. ווען א מענש שניידט אָפּ דעם עק פון א בהמה און ער מיינט, אז ער האָט איהר ניט פערשאַפט קיין צער, האָט ער איהר אין דער אמת'ען יע פערשאַפט צער, ווייל זי וועט מעהר ניט קענען אַוועקטרייבען די פליגען פון זיך."

עס פערשטעהט זיך, אז ר' יהודה החסיד לייגט פיעל גע־וויכט אויף די בעציהונגען צווישען מענש און גאָט:

„מען דאַרף ליעב האָבען גאָט מיט אזא שטאַרקער ליע־בע, אז מען זאָל אזוי ווי קראַנק זיין פון דער ליעבע. אזוי ווי א מענש, וואָס ווערט קראַנק פון דער ליעבע צו א פרוי, וועגען וועלכע ער טראַכט שטענדיג ביי זיין זיצען, זיין שטעהן, זיין געהן, זיין קומען, אפילו ביי זיין עסען און טרינקען. ער קען

ניט שלאָפען פון ליעבע צו איהר. פיעל מעהר און פיעל שטאַרקער דאַרף זיין די ליעבע צו גאָט... און ווי קען א מענש ליעב האבען גאָט, סיידען ווען ער ווייס איהם? דערפאַר דאַרף א מענש פערשטעהן און לערנען די חכמות און די וויסענשאַפטען, וואָס פיהרען צו א פערשטענדניס פון גאָט, יעדער נאָך זיינע כוחות. און אז א מענש טראַכט זיך אריין אין די גרויסע און אין די וואונדערבאַרע מעשים פון גאָט ברוך הוא, צו וועלכע עס איז ניטאָ קיין שיעור און קיין ענדע, ווערט ער אנגעפילט מיט א ליעבשאַפט און מיט א גרויס געלוסט צו ווי־סען דעם גרויסען, געעהרטען און געפירכטעטען נאָמען."

„דער עיקר פון דער תפלה איז, אז זי זאָל זיין מיט שמחה, און דערפאַר פלעגט דוד המלך שפּיעלען אויף זיין פיעדעל ביי זיינע תפילות און מזמורים."

„א מענש דאַרף מתפלל זיין אין די שפּראַך וואָס ער פער־שטעהט, וואָרום דער עיקר אין זיין כונה און אויב ער פער־שטעהט ניט וואָס ער זאָגט ארויס פון זיין מויל, וואָס פאַר א כונה קען זיין?"

„מען טאָר ניט שמועסען אָדער לצ'עווען אין שוהל, ווען מיר שטעהען פאַר אונזער מלך, דער האַרר פון דער וועלט, זיין נאָמען זאָל געבענשט זיין. וועה איז צו די רשעים, וועלכע טרייבען דאָרטען קאַטאָוועס."

וויכטיג ווי עס זיינען די בעציהונגען צווישען מענש און גאָט, זיינען אבער די בעציהונגען צווישען מענש און מענש נאָך וויכטיגער.

„תשובה און יום כפור פערגעבען בלויז די זינד צווישען מענשען און זיין שעפּפער, ווי צום ביישפּיעל, ווען איינער עסט טרפות אָדער זינדיגט מיט א פרוי און דערגלייכען. די עברות צווישען מענשען און מענשען, ווי וועה טהאָן איינעם, שילטען אָדער בערויבען, ווערען קיינמאָל ניט פערגעבען. אפילו אז ער האָט אומגעקעהרט דאָס געלד וואָס עס קומט איהם, דאַרף ער איהם איבערבעטען. וויל ער איהם ניט מוחל זיין, דאַרף ער ברענגען מענשען און זיי זאָלען פאַר איהם בעטען מחילה. וויל ער אַלץ ניט, איז דער וואָס איז ניט מוחל

א זינדיגער ווארום א מענש דארף ניט זיין קיין אכזר און דארף זיין לייכט צו פערגעבען."

„אויב איינער וועט דיר פרעגען: איך האב געלד, זאל איך עס געבען צו א סופר צו שרייבען א ספר תורה אדער צו ארעמע לייט וואס האבען קיין בגד ניט, ענטפער איהם: ישעיה האט געזאגט, ווען דו זעהסט א נאקעטען, זאלסטו איהם בעקליידען."

„עס איז דא צדקה, וואס וויזט ניט אוס ווי צדקה, און דאס איז די וואס איז אם מעהרסטען בעליעבט ביי גאט. ווי צום ביישפיעל, ווען אן ארעמאן האט צו פערקויפען א חפץ אדער א ספר, וועלכע קיינער דארף ניט, און איינער קויפט עס ביי איהם."

דער גאנצער „ספר חסידים" איז פול מיט אזעלכע און עהנליכע לעהרען. מען דארף זיין בעשיידען; מען טאר ניט ארויסווייזען די אייגענע חכמה און לומדות; מען טאר ניט פערשעהמען יענעם. מען דארף קיין זאך ניט טהאן יענעם, וואס מען וואלט זיך אליין ניט געטהאן. מען טאר ניט לייען אויף פראצענט. מען טאר ניט געבען קיין פאלשע וואג און מאס. מען טאר ניט ארומקראטצען די זילבערנע און גאלדענע מטבעות. ברייננען זיי אלע איז אונמעגליך, ווייל מען וואלט דאן געדארפט איבערזעצען דעם גאנצען בוך. דא וועלען בלויז געבראכט ווערען אייניגע פון זיינע שפריך־ווערטלעך:

„דריי מענשען ווערען דערקענט אין דריי זאכען: דער בעשיידענער, ווען ער ווערט אין כעס; דער גבור אין צייט פון מלחמה, און דער פריינד אין צייט פון נויטה."

„ווען דו ווילסט זיך בעפריינדען מיט א מענשען, פרעג נאר ווער זיינען זיינע פריינד."

„היט דיין צונג מעהר ווי דיינע פיס, ווארום ווען דו ווערסט געשטרויכעלט מיט דיינע פיס, קריגסטו בלויז א וואונד וואס קען זיך אויסהיילען, אבער ווען דיין צונג שטרויכעלט דיר, קענסטו פערלירען דיין קאפ."

„אז איך רייד האב איך חרטה; ווען איך שוויג קען איך קיין חרטה ניט האבען. איידער איך האב גערעדט, בין איך

דער הערשער איבער מיין וואָרט; איז דער וואָרט ארויס פון מיין מויל, ווערט ער דער הערשער איבער מיר."

„דער־צעהל ניט דיין פריינד קיין שום סוד, וואָס דו וואָלסט ניט דערצעהלען דיין שונא, ווארום טאָמער וועט ער ווערען דיין שונא און וועט אויסזאָגען דיין סוד."

„ווילסטו וויסען וואָס איינעם'ס בעשעפטיגונג איז, הער זיך איין וועגען וואָס ער רעדט שטענדיג".

„אויב דו האָסט בעזיעגט דיין חבר פרעה זיך ניט. עס איז בעסער צו זיין א בעזיעגטער ווי א זיעגער".

„ריהם ניט אַ מענשען פאר זיין שונא אין די אויגען, ווייל יענער קען עס ניט פערטראָגען און וועט אָנפאנגען צו ריידען שלעכטס וועגען איהם".

צוזאמען מיט די הויכע עטהישע לעהרען און די קלוגע שפּריך־ווערטלעך געפינען זיך אין דעם „ספר חסידים" זעהר פיעל ווילדע אבערגלויבענס און משונה'דיגע נאַרישקייטען. א גרויסער טהייל פון זיי זיינען איבערגענומען געוואָרען פון די קריסטליכע שכנים.

„א איד איז איינגעשלאָפען אין שוהל און דער שמש האָט איהם פערשלאָסען. אין מיטען נאַכט האָט ער זיך אויפגע־כאַפּט און האָט געזעהן די נשמות איינגעוויקעלט אין זייערע טליתים. צווישען זיי האָט ער געזעהן צוויי מענשען וואָס זיי־נען נאָך ניט געוועזן טוידט. אין א קורצע צייט ארום זיינען זייביידע געשטאָרבען." אזעלכע מינים גלויבענס זיינען אויך געווען פערשפּרייט צווישען די קריסטען וועגען זייערע קירכען.

„איינער האָט אום הושענא רבה ניט געזעהן דעם שאָ־טען פון זיין קאָפּ. האָבען ער און זיינע פריינד געפאסט און געגעבען פיעל צדקה, האָט ער דערנאָך געלעבט פיעל יאָהרען, אזוי ווי אין פסוק שטעהט: צדקה רעטעט פון טוידט.*)

*) אויך ביי די קריסטען איז געווען אזא מין אבערגלויבען. גיעדע־מאַן ציטירט פון ג ר י ם: „ווער עס זעהט ניט דעם שאָטען פון זיין קאָפּ אום ווייכאַכט, דער שטאַרבט דעם זעלבען יאָהר."

„אויב א מענש געגענט אז א שד אדער א מת. וואס וויל איהם מזיק'ען, זאל ער בעהאלטען זיין גראבען פינגער אין פויסט.“

די צואה פון ר' יהודה החסיד, וועלכע איז העכסט וואהר־שיינליך ניט זיינע, איז אנגעפיקעוועט מיט אלערליי דומהיי־טען און אבערגלויבענס: מען טאר ניט מקבר זיין צוויי מתים איינע לעבען די אנדערע, וואס זיינען זיך געווען שונאים, ווייל זיי קענען דארטען ניט איינ־והען. מען טאר ניט גראבען א קבר און איהם לאזען אפען איבער נאכט, ווייל איינער פון די שטאדט־לייט וועט שטארבען. אז מען טראגט ארויס דעם מת פון הויז, טאר קיינער ניט אויסגעהן פריהער. א מענש טאר ניט חתונה האבען מיט א פרוי, וואס טראגט דעם זעלבען נא־מען ווי זיין מוטער אדער זיין נאמען איז ווי איהר פאטער'ס. א הוהן וואס קרעהט ווי א האהן דארף מען קוילען.“

פיעלע פון די אבערגלויבענס וואס געפינען זיך אין „ספר חסידים“ ווערען נאך ביז היינטיגען טאג בעטראכט פאר „תורת משה“ ביי די גרויסע מאסען פון דעם אידישען פאלק, די מאדערנע „פריידענקער“ ניט אויסגעשלאסען. אזא מין „פריידענקער“ וועט זיך ערלויבען צו טהאן אלערליי עברות, ער וועט זיך אפילו בעריהמען, אז ער גלויבט איבערהויפט ניט, אבער ווען א הוהן וועט קרעהען, וועט איהם דאס הארץ שרע־קען און ער וועט זיך איילען איהר צו קוילענען.

XIV

ר׳ אלעזר פון ווארמס — דער וויכטיגסטער תלמיד פון ר׳ יהודה החסיד. די מארטירער פסיכאָלאָגיע פון דעם אידישען פאָלק און די פילאָזאָפיע פון ענטזאגונג. די דייטשע און די שפּאַנישע קבלה. דער „רוקח" און זיין מאראל.

איינער פון די וויכטיגסטע און בעדייטענדסטע תלמידים פון ר׳ יהודה החסיד, וועלכער האָט פאָרטגעזעצט און ווייטער ענטוויקעלט די לעהרען פון זיין רבי׳ן, איז געווען ר׳ אלעזר פון וואָרמס.

ר׳ אלעזר איז געבאָרען געוואָרען אין מאַינץ בערך אין יאָהר 1176 און איז געשטאָרבען אין וואָרמס אין יאָהר 1237. ער האָט אָפּגעשטאַמט פון דער בעריהמטער איטאַליענישער פאַמיליע קלונימוס, וועלכער קאַרל דער גרויסער האָט אריבערגעבראַכט פון לוקא, איטאַליען, קיין מאַינץ, דייטשלאַנד.

פון זיין פערזענליכען לעבען איז אונז גאַנץ ווייניג בעקאַנט, א חוץ וואָס צוויי מערדער, וואהרשיינליך פון די קרייץ־פאָהרער באַנדען, האָבען זיך אריינגעריסען אין זיין הויז, ווען ער האָט געהאַלטען אין שרייבען א ווערק, האָבען ערמאָרדעט זיין פרוי, זיינע צוויי טעכטער און זיין זוהן. ער אליין איז דערביי אויך פערוואונדעט געוואָרען. אזעלכע מאָרדען זיינען דאַמאָלס געווען געוואוינליכע, אַלטעגליכע פּאַסירונגען. דאָס אידישע לעבען נאָך מעהר ווי דאָס אידי־

שע האַב און גוטס איז געווען הפקר, און ר׳ אליעזר דער־צעהלט וועגען זיין איבערלעבונג אין א גאַנץ קאַלטען, געלאַ־סענעם טאָן, כמעט גלייכגילטיג, אָהן שום ביטערקייט און שנאה.

די דאָזיגע כמעט גלייכגילטיגע בעציהונג צו די אונענד־ליכע רדיפות און צרות איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די אידען פון יענער צייט און יענע לענדער, און דאָס האָט זיי געגעבען כוחות פאַרטצוזעצען זייער לעבענס־קאַמפּף. אי־בערהויפּט איז עס געווען דער פאַל מיט די אידישע רעליגיע־זע פאַרשטעהער און זייערע מאָראַלע פּרעדיגער. זיי פלעגען מעהר ניט ווערען עמפּערט, זיי פלעגען מעהר ניט ווערען ענט־ריסטעט און פלעגען מעהר ניט פּראָטעסטירען. זיי האָבען זיך אַזוי ווי איינגעוואוינט דערצו און האָבען קיין בעסערעס ניט ערוואַרטעט. דער מענש איז אַזאַ מין בעשעפענים, וואָס קען זיך איינלעבען אין אַלערליי אַטמאָספערען און קען זיך צופּאַסען צו אַלערליי אומשטענדען און צושטענדען. א מלחמה, צום ביישפּיעל, רופט אַרויס א מלחמה־מאָראַל, א מלחמה־יושר און א מלחמה־פּסיכאָלאָגיע, וועלכע זיינען דורכ־אויס אַנדערש און הימעל־ווייט פון דער מאָראַל, דעם יושר און דער פּסיכאָלאָגיע פון א געוואוינליכער פריעדליכער צייט. דער מענש פון מלחמה־צייט איז אַנדערש אין זיין פּסיכאָ־לאָגיע, ווי דער זעלבער מענש אין פריעדענס־צייט. ער פּאַסט זיך צו און ער לעבט זיך איין אין דער נייער אַטמאָספערע, גאָר ניט בעמערקענדיג ווי דאָס קומט פאָר. ער טראַכט און ער פיהלט אַנדערש: זאַכען וואָס וואָלטען אין איהם פריהער אַרויסרופען עמפּערונג רופען אין איהם איצטער אַרויס בלויז פערצווייפלונג און שפּעטער ווערט ער גאָר אין גאַנצען גלייכ־גילטיג. דער מענש קען ניט לעבען שטענדיג אין א געשפּאַנ־טען און אויפגערעגטען צושטאַנד, ווייל דאָס לעבען פאָדערט פאַר זיך דאָס זייניגע.

דאָס אידישע פאָלק האָט דאַמאָלס שטענדיג געלעבט ווי אין א מלחמה, איז שטענדיג געווען אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט ביטערע בלוטיגע שונאים, „ווי א שעפעלע צווי־

שען זיבעציג וועלף." דאָס איז אָבער ניט געווען קיין מלחמה, וואָס האָט געדויערט א יאָהר, צי צוויי, צי אפילו פינף, — זי האָט געדויערט גאַנצע יאהר־הונדערטע. דאָס איז ניט געווען קיין מלחמה, וואו ביידע צדדים האָבען מעהר אָדער ווייניגער די זעלביגע כוחות און זיי קענען ביידע האָפען אויף א זיעג. דאָס איז געווען אזא מלחמה, וואו איין צד איז געווען אזוי מעכטיג און שטאַרק, דער אַנדערער אזוי קליין און שוואך, אז ער האָט גאָר ניט געקענט חלומ'ען פון א זיעג. דאָס איז געווען אַן איינזייטיגע מלחמה, וואו איינער האָט בלויז געשאָכטען און דער אנדערער האָט בלויז געשריען; וואו איין צד איז געווען דער מערדער און דער אנדערער זיין קרבן. פון איין צד — ק י ן; פון דעם צווייטען — ה ב ל.

און פונקט ווי ביי די „קין"־פעלקער האָט זיך אויסגעארבייט זייער פסיכאָלאָגיע וואָס האָט גערעכטפערטיגט רויב און מאָרד, ווענינגסטענס ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען די אידען, אזוי האָט זיך אויך ביי דעם אידישען פאָלק אויסגעארבייט אַן אייגענאַרטיגע פסיכאָלאָגיע, די פסיכאָלאָגיע פון דעם שטענדיג־פערפאָלגטען און דעם שטענדיג־געפּלאָגטען, וועלכער פאַסט זיך צו און לעבט זיך איין אין די פערפאָלגונגען און ער פאַנגט אָן צו גלויבען, אז אזוי דאַרף עס זיין, אז די פערפאָלגונגען גופא האָבען א זינן, א תכלית און א ציעל. דאָס אידישע פאָלק האָט אָנגעפאַנגען צו גלויבען, אז דורך זיינע צרות ווערט ער געלויטערט און גערייניגט, כדי ער זאָל זיין פּאַסענד פאַר די גרויסע און ליכטיגע צוקונפט וואָס איהם ערוואַרטעט. און קוים האָט ער געקראָגען דעם דאָזיגען גרויסען גלויבען, איז איהם שוין געווען לייכט אריבערצוטראָגען זיינע צרות, זאָגאַר קוקען אויף זיי גלייכגילטיג, אויב ניט מיט פעראַכטונג. א פערברענטע ספר תורה האָט איהם געקענט פערשאַפען מעהר צער ווי א פערברענטע אידישע שטאָדט.

די דאָזיגע מאַרטירער־פסיכאָלאָגיע האָבען די אידען ניט געקראָגען מיט א מאָל. אין די ערסטע צייטען פון זייער נא־

ציאָנאַלען אונגליק פלענען די צרות און די רדיפות אויך ביי די אידען ארויסרופען פּראָטעסט און עמפּערונג, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די מעהרערע און פערשיעדענע רעוואָלוציאָנערע אויפשטענדע. שפּעטער, ווען זיי האָבען איינגעזעהן די פרוכטלאָזיגקייט פון די דאָזיגע רעוואָלוציאָנערע פּראָטעסטען, זיינען זיי אריינגעפאַלען אין א גייסטיגען צושטאנד וואָס גרעניצט זיך מיט פערצווייפלונג. אָבער מענשען קענען ניט לעבען אין פערצווייפלונג, ווייל איינס שליסט אוים די אַנדערע. און אזוי ווי די תשוקה צום לעבען איז דאָס שטאַרקסטע אין לעבען, האָט דאָס לעבען גובר געווען. אַנשטאט פערצווייפלונג האָט זיך אויסגעבילדעט א טעאָריע פון פעראכטונג צום לעבען, וועלכע איז אָבער אין דער אמת'ען נאָר געווען א מיטעל ווייטער צו לעבען....

די וועלט האָט בעהאַנדעלט די אידען ווי א בייזע שטיף־מוטער בעהאַנדעלט א שטיף־קינד. האָבען זיך די אידען אַן עצה געגעבען: זיי האָבען מבטל געווען די וועלט מיט איהרע גליקען. וואָס האָבען זיי דען געקענט אַנדערש טהאָן? האָבען זיי דען געהאַט אַן אַנדער ברירה? „וואָס איז דען די גאַנצע וועלט? היינט ביזטו דאָ און מאָרגען ביזטו אין קבר; היינט געהסטו אין זיידענס און מאָרגען ביזטו צווישען ווערים; היינט עסטו שפּייז און מאָרגען ווערסטו אַליין זיסע שפּייז פאר די ווערים".

די וועלט איז אַלזאָ גאָר נישט און גאָר נישט, הבל הבלים. א ביסעל מעהר צרות, א ביסעל ווייניגער צרות, וואָס איז דער חלוק? דער עיקר איז דאָך סאַי ווי סאַי יענע וועלט. יסורים זיינען גאָר אַ מעלה. זיי פערפערטיגען דעם מענשען צו „דער וועלט וואָס איז דורכאויס גוט." מען דאַרף אַלזאָ שטרעבען צו „יענער וועלט". אייך מעג ניט געפעהלען די דאָזיגע פיליאָזאָפיע. זי מעג זיך זיין א פערצווייפלונגס־פילאָזאָפיע, אָבער זי האָט געדיענט איהר ציעל; זי האָט געגעבען אַן אינהאַלט צום אידישען לעבען און האָט אויף אזא אופן ערהאַלטען זיין נאַציאָנאַלען קיום. וועמען איז עס נויטיג געווען און צו וואָס דאַרף מען עס? קיינעם איז עס ניט

נויטיג און קיינער דארף עס ניט, אבער לעבעדיגע ווילען ניט שטארבען און זיי זוכען אונבעוואוסטערהייד פאר זיך גופא צו מאכען זייער לעבען ערטערגליך אויף אזא אדער אן אנדער אופן.

ניט די „פינסטערנים" אין זייערע מוחות, נאר דער פינסטערער אידישער לעבען האט בעשאפען דעם אידישען אסקעטיזם צוזאמען מיט דעם אידישען מיסטיציזם אין מי־טעל־אלטער, צווישען די פרעדיגער פון וועלכע ר' אלעזר פון ווארמס פערנעהמט א וויכטיגען פלאץ.

ר' אלעזר פון וואָרמס איז בשום אופן ניט געווען א „פינסטערלינג". פאר זיין צייט איז ער געווען א מענש פון גרויסער בילדונג און געלערענטקייט. ער איז געווען א גוטער מאטהעמאטיקער און אסטראנאם. ער האט אויך געהאט א ידיעה פון דער אידיש־אראבישער פילאזאפיע. ער איז געווען בעקאנט מיט דעם „האמונות והדעות" פון סעדיה גאון, וועמען ער ציטירט. ער בריינגט אויך אויסציגע פון דעם אידיש־איטאליענישען געלעהרטען שבתי דאנאלא'ס פירוש אויף דעם „ספר יצירה".

זיין בעגריעף פון גאט איז געווען ניט ווייניגער ריין ווי די דאזיגע פון די אידישע פילאזאפען. אין זיין ספר „שערי הסוד והיחוד והאמונה" פרעדיגט ער אן איין־איינ־ציגען, אונקערפערליכען, אונענדליכען, דורכאוים־רוחניות'־דיגען גאט, „וועלכער האט בעשאפען די וועלט מיט זיין וואָרט, מיט זיין ווילען און מיט זיין געדאנק. ער האט ניט דעם געשטאלט און דעם אויסזעהן פון זיינע שעפפונגען, אדער אירגענד וועלכען געשטאלט און אויסזעהן". דאס וואס די נביאים געברויכען אויסדריקע, וועלכע ריידען פון גאט אלס קערפער מיט גליעדער זיינען נאר סימבאלען. ניט דיא נביאים און ניט אפילו די מלאכים האבען ווען עס איז גע־זעהן אדער קענען זעהן גאט. גאט איז אונבעגרייפליך ניט בלויז פאר די מענשען נאר אויך פאר די מלאכים. זיי קענען בלויז זעהן זיין „כבוד", וואס איז אייגענטליך ניט מעהר ווי א מין אפשפיעגלונג דורך וועלכע ער ענטפלעקט זיך צו זיי.

ר׳ אלעזר פון ווארמס צוזאמען מיט ר׳ יהודה החסיד קענען בעטראכט ווערען אלס די גרינדער פון דער דייטשער קבלה, וועלכע שיידעט זיך אונטער פון דער שפאנישער קבלה הויפטזעכליך דערמיט, וואס זי, די ערשטע, גיט זיך מעהר אפ מיט דער פראקטישער זייט פון דער קבלה, מיט דער „קבלה מעשית": מיט השבעות, סגולות, לחשים, קמיעות און אלערליי וואונדער־מאכעריי. אין דעם זיינען זיי שטארק בעאיינפלוסט געווארען פון די דייטשע קריסטליכע מיסטיקער.

די קבלה, ווי עס איז בעקאנט, בעשטעהט פון צוויי אבטהיילונגען: פון פראקטישע און טעארעטישע קבלה. די טעארעטישע קבלה האט זיך אם שטארקסטען ענטוויקעלט. טאקע בערך אין דער זעלבער צייט, אין שפאניען, וואו זי איז אויסגעוואקסען אייגענטליך אלס א מין פראטעסט גענגען דעם אריסטאטעליאניזם פון דעם „ערשטען ראב"ד" און דעם רמב"ם. די שפאנישע קבלה, וועלכע איז אליין אזא מין פילאזאפיע, האט געוואלט פערטרייבען דעם אריסטאטעליא־ניזם און פערנעהמען זיין פלאץ. זי האט אריינגענומען אין זיך אזעלכע לעהרען, וואס זיינען שוין געווען בעקאנט צו די אידען און זיינען שוין מעהר ניט געווען אין ווידערשפרוך מיט די עלטערע אידישע לעהרען. זי איז בעשטאנען פון א געמישעכץ פון פילאזאפישע און טהעאסאפישע סיסטעמען: צוזאמען מיט די פיטהאגאראאישע, פלאטאנישע און נייע־פלאטאנישע לעהרען געפינט מען אויך אין דער קבלה גע־דאנקען פון די אריענטאלישע טהעאסאפיען. מען געפינט דארטען זאגאר שפורען פון די אלט־אינדישע און בראה־מישע לעהרען.

די פראקטישע קבלה איז דאגעגען אויסגעארבייט גע־ווארען ביי די אידישע מיסטיקער פון דייטשלאנד. ווי עס ווייזט אויס, האבען זיך שוין דאמאלסט די ביידערליי קבלות בעגעגענט און איינע פון די אנדערע בעאיינפלוסט געווארען. די דייטשע מקובלים האבען זיך בעקאנט מיט דער טעארע־טישער קבלה פון די שפאניער און די שפאנישע מקובלים מיט די פראקטישע קבלה פון די דייטשען. דער ר מ ב " ן

צום ביישפיעל, דערמאַנט ר׳ אלעזר פון וואָרמס און זיין ספר „שערי הסוד והיחוד והאמונה“.

א חוץ א מקובל איז ר׳ אלעזר אויך געווען א בעדייטענדער רעליגיאָנס־פּאָעט. צונץ רעכענט אויס פינף און פופציג פיוטים, וואָס ר׳ אלעזר האָט פערפאַסט און וועלכע געפינען זיך אין דיא מחזורים, סליחות און קנות.

דער וויכטיגסטער פון אלע זיינע ספרים איז דער „רוקח“, וואו עס געפינט זיך אן אבטהיילונג וועגען די דינים פון תשובה טאָהן. די דאָזיגע אבטהיילונג איז אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס אין איהר זעהט מען ארויס דעם גאַנצען אסקעטיזם, דעם גאַנצען ענטזאַגען זיך פון די פערגעניגענס פון דעם לעבען, פון דעם מחבר. דאָס איז א נאַטירליכער פּראָדוקט פון דער שרעקליכער צייט, וואָס די אידען האָבען דאַמאָלס דורכגעלעבט.

זיינע מאָראַלע לעהרען, וועלכע געפינען זיך אין דער הקדמה צום „רוקח“ טראָגען דעם זעלבען כאַראַקטער ווי די לעהרען פון דעם „ספר חסידים“. אין געוויסע הינזיכטען שטעהען זיי נאָך העכער:

„עס איז ניטאָ קיין שעהנערע קרוין ווי בעשיידענהייט: קיין שעהנערער אנדיינקען ווי א גוטער נאָמען; קיין בעסערער ריוח ווי צו טאָהן מצוות; קיין בעסערער קרבן ווי א צובראָכענע הארץ; קיין גרעסערע חכמה ווי די חכמה פון דער תורה; קיין בעסערע מדה ווי צו זיין שעהמעדיג. וואויל איז דעם וועמעס הארץ עס ציטערט פון לוסט צו זיין שעפּפער, וועלכער געדיינקט די ליעבע צו זיין גאָט, טראָגט דעם יאָך פון זיין מורא, פערמיאוסט די נארישקייטען פון די וועלטליכע פערגעניגענס, דריקט אונטער זיין „יצר־הרע“, האַלט גאָט פאר זיך שטענדיג, רעדט מיט יעדען בנעימות, פיהרט זיינע קינדער אין גלייכען וועג... ער פרייט זיך מיט׳ן צווייטענס גליק, האָט ליעב זיינע שכנים און פריינד, אנטלייט אן אָרעמאַן אין זיין נויט, גיט צדקה עהאָלטענערהייט, און טהוט אלץ פון גאָט׳ס וועגען“.

„אויב גאָט האָט דיר געגעבען רייכקייט און כבוד, שטאָלציר ניט געגען דיין אָרימען ברודער, וואָרים דו ווייסט ניט וואָס דער טאָג וועט ברייגגען. ביידע זייט איהר אַרויס גאקעט פון בויך, און אַז דו וועסט אַרויס פון דער וועלט וועסטו ווי ער ליגען אין דער ערד, צווישען ווערים".

בעשיידענהייט און אונטערטהעניגקייט, דאָס זיינען די יסודות פון זיין מאָראַל. בעשיידענהייט איז גרעסער ווי אפילו חסידות, ווייל דער פסוק זאָגט די „בעשיידענע" וועלען ערבען די וועלט און זאָגט ניט די חסידים וועלען ערבען די וועלט.

... „ער זאָל מוחל זיין דעם וואָס רעדט אויף איהם שלעכטס. זיינע רייד זאָלען זיין ווענעג און זיין שטימע ניעדריג. ווען מען בעליידיגט איהם און ער קען נעהמען נקמה, זאָל ער עס בעסער בעשיידען אריבערטראָגען און דולדען... זעהר און זעהר זיי בעשיידען און ניעדריג ביי זיך".

די לעהרען פון ר' יהודה החסיד און ר' אלעזר פון וואָרמס האָבען געהאַט אַ שטאַרקע און דויערנדע ווירקונג אויף דעם לעבען פון די אידען ניט בלויז אין דייטשלאַנד, נאָר אויך אין די אַנדערע לענדער, וואו די דייטשע אידען זיינען געצוואונגען געוואָרען אויסצואוואַנדערען צוליעב די רדיפות. דאָס זיינען געווען לעהרען, וועלכע האָבען זיך אָם בעסטען געפּאַסט פאַר דעם טרויעריגען צושטאַנד פון דעם אידישען פאָלק פון יענע לענדער.

וואָס פאַר אַ לעבען אַזאַ פילאָזאָפיע.

XV

ר׳ מאיר פון ראטהענבערג אלס ראציאנאליסט. זיינע גרויסע תלמודישע קענטניסע און זיין שטעלונג צו דער מיסטישער ריכטונג פון ר׳ יהודה החסיד. זיין ארעסט און זיין טויט אין געפענגניס. ר׳ מאיר ראטהענבערג אלס פאעט.

אין דער געשיכטע פון די גייסטיגע אדער קולטורעלע בעוועגונגען איז שטענדיג אנצומערקען צוויי שטרעמונגען, וועלכע געהען כמעט פאראלעל און גלייכצייטיג איינע מיט דער אנדערער: פון איין זייט א ראציאנאליסטישע און פון דער אנדערער זייט א מיסטישע. די געשיכטע פון די גייסטיגע בעוועגונגען ביים אידישען פאלק איז ניט קיין אויסנאהמע, א חוץ אפשר וואס די דאזיגע טענדענץ איז מעהר בולט.

די ראציאנאליסטישע שטרעמונג אדער שוהלע בעטראכט דעם מענשליכען שכל אלס דעם אויבערסטען און דעם העכסטען ריכטער. זיל וויל ניט וויסען און זוכט אויסצומיידען אזעלכע פראגען, וואס שטעהען אויסערהאלב און איבער די גרענצען פון דעם מענשליכען שכל, כאטש זי איז מודה, אז אזעלכע פראגען עקזיסטירען. „במופלא ממך אל תדרש ובמכוסה ממך אל תחקור״. — פארש ניט וואס איז פון דיר פערבארגען און גריבעל זיך ניט אין וואס עס איז פון דיר פערדעקט, דאס איז אייגענטליך איהר מאטטא. עס זיינען פאראנען אזעלכע אייביגע סודות־דיגע פראגען, וואס וועלען אימער בלייבען פערבארגען פון מענשליכען שכל, און דאס בעסטע איז זיי אויסצומיידען. פון די פיער וואס זיינען אריין

אין „פרדס“ איז בלויז איינעם געלונגען ארויסצוגעהן אונ־בעשעדיגט. פון די איבריגע איז איינער געשטארבען, דער צווייטער משוגע געווארען, און דער דריטער איז אראפּ פון וועג, געווארען אן „אנדערער“.

די מיסטישע ריכטונג דאגעגען פערווארפט לכתחילה דעם מענשליכען שכל אלס דעם העכסטען ריכטער. מיר זיינען ארום און ארום ארומגערינגעלט מיט די טיעפסטע סודות און די שווערסטע פּראבלעמען, וועלכע דער שכל קען ניט דורכ־דרינגען און קען ניט פערענטפערען. דאס גופא איז דער בעסטער בעוויין, אז ער, דער שכל, קען ניט און דארף ניט פערנעהמען דעם דאזיגען הויכען פּלאץ, וואס די ראציאנא־ליסטען האבען איהם אפּגעטיילט, אז ער קען ניט און דארף ניט בעטראכט ווערען אלס דער העכסטער ריכטער.

די פראגען און די סודות זיינען פאראנען. דער פערלאנג זיי צו פערענטפערען און זיי צו ענטדעקען איז אויך פאראנען. דער שכל איז אבער צו קליין און צו שוואך דאס צו טהאן. פאלגליך מוזען זיך געפינען ביים מענשען אנדערע פע־היגקייטען אדער אייגענשאפטען, וועלכע קענען עס טהאן בעסער ווי דער שכל. די לאגיק איז אפילו א שוואכליכע. ווארים דערפון וואס דער שכל קען ניט פערענטפערען די דאזיגע פראגען איז נאך ניט געדרונגען, אז דער מענש מוז בעזיצען אנדערע אייגענשאפטען וואס קענען עס יע טהאן. אבער די לאגיק איז דא ניט וויכטיג, ווייל זי גופא איז דאך ניט מעהר ווי א שכל'דיגער עניין. אנשטאדט די לאגיק האבען די מיסטיקער אויף זייער זייט די מענשליכע געפיהלען, וואס דריקען זיך אין דעם פאל אויס אין דעם מענשליכען וועלען צו וויסען דאס וואס ער קען ניט וויסען, אין זיין ווילען ניט צו וועלען וויסען, אז עס זיינען דא אזעלכע זאכען וואס ער קען ניט וויסען.

פערווארפען זיי, די מיסטיקער, דעם מענשליכען שכל און זוכען אריינצודרינגען אין די אייביגע טיעפע געהיימניסע דורך אנדערע וועגען. זיי בענוצען זיך מיט יענע נאך ניט־

אויפגעקלעהרטע און אונפערשטענדליכע כוחות פון אונזער נשמה, וועלכע ווערען בעצייכענט מיט אזעלכע כמעט גאר־נישט־ערקלעהרענדע ווערטער ווי „אינסטינקט“, „רעפלעקסיווע טעטיגקייט“, „הינטער־בעוואוסטזיין“ און דער גלייכען. דורך פערשיעדענע מיטלען און מעטאדען ברענגען זיי זיך אריין אין אזא מין עקסטאטישען צושטאנד, אין אזא מין התלהבות, ווען דער שכל פערלירט אין גאנצען זיין צוריק־האלטענדע איינפלוס, און זיי גלויבען דאן זיך צו קענען פעראייניגען מיט דעם אונבעוואוסטען. דאס א י נ ע ר ל י כ ע אונקלאהרע א ו אונפערשטענדליכע פעראייניגט זיך, אזוי צו זאגען, מיט דעם אונקלאהרען און אונפערשטענדליכען פון דעם א ו י ס ע ר ע ן. מאנכע פון די מיסטיקער זוכען צו דערגרייכען דעם דאזיגען צושטאנד דורך פייניגונג, דורך תעניתים און סיגופים; אנדערע דורך שמחה און פרעהליכקייט. די מעטאדען זיינען פערשיעדען, אבער דער ציעל איז דער זעלבער.

דער ראציאנאליזם, פונקט ווי דער מיסטיציזם איז ניט קיין בעשטימטע לעהרע, האט ניט קיין פארטיגען „שולחן ערוך“ פון דינים און כללים. זיי ביידע, דער ראציאנאליזם און דער מיסטיציזם, זיינען גיכער א געמיטהס־צושטאנד, אן ארט און ווייזע ווי צו בעטראכטען זיך און די וועלט. יעדער דור האט זיך דארום זיין מיסטיציזם און זיין ראציאנאליזם. וואס ווענדעט זיך אז דעם סכום פון וויסען וואס יענער דור בעזיצט און פון נאך אנדערע אורזאכען, ווי פאליטישע, סאציאלע און עקאנאמישע צושטענדע. מען קען זאגען, אז וואס פאר א ראציאנאליזם, אזא מיסטיציזם. איז דער ראציאנאליזם א ריין וויסענשאפטליכער, זוכט אויך דער מיסטיציזם זיך צו בעגרינדען אויף וויסענשאפטליכע יסודות; איז דער ראציאנאליזם א ספעקולאטיוו־פילאזאפישער, איז דער מיסטיציזם אויך אזא; פערקליידעט זיך דער ראציאנאליזם אין א רעליגיעזען מאנטעל, טהוט עס אויך דער מיסטיציזם. ווארים ביידע, סאי די ראציאנאליסטען און סאי די מיסטיקער, זיינען ניט מעהר ווי קינדער פון זייער צייט און זייער לאנד, און

ביידע קענען זיך בענוצען בלויז מיט דעם וויסען, וואס זייער צייט און לאנד פערמאגט.

דער מיסטיציזם פון ר' יהודה החסיד און זיינע תלמידים איז ניט געווען דער פילאזאפישער מיסטיציזם פון א „בחיי" אדער אנדערע אידיש־שפאנישע פילאזאפען. פונקט אזוי איז דער ראציאנאליזם פון די אידען אין צפון־פראנקרייך, ר"ש י און די בעלי התוספות, און פון די אידען אין דייטש־לאנד ניט געווען דער זעלבער ראציאנאליזם פון א ר"מ ב ם. דער אידיש ־ פראנצויזישער ראציאנאליזם האט זיך הויפטזעכליך אויסגעדריקט אין דעם, וואס ער האט זיך גע־האלטען שטרענג אן די לעהרען פון דער תורה און דעם תלמוד, אויסמיידענדיג אלע געהיימניסע און „סתרי־תורה".

דער גרויסער איינפלוס, וואס ר' יהודה החסיד און זיינע תלמידים האבען אויסגעאיבט אויף די אידען אין דייטשלאנד און דורך דעם אויך אויף די אידען פון די אנדערע לענדער, האט אבער בשום אופן ניט בעזייטיגט דעם איינפלוס פון דער ראציאנאליסטישער ריכטונג, וועלכע האט זיך, ווי עס איז שוין בעמערקט געווארען, אויסגעדריקט אין דעם שטודיום פון'ם תלמוד און אין האלטען זיך שטרענג אן איהם. דיביידע שטרעמונגען זיינען געגאנגען זייט ביי זייט, און האבען גע־וויסערמאסען איינע די אנדערע ערגענצט.

דער וויכטיגסטער פארשטעהער פון דער דאזיגער רא־ציאנאליסטישער ריכטונג אין דרייצעהנטען יאהרהונדערט, וועמעס איינפלוס עס האט זיך געפיהלט אם שטארקסטען, איז געווען ר' מ א י ר פ ו ן ר א ט ה ע נ ב ע ר ג. דאס ווארט „ראציאנאליסט" ווערט דא געברויכט אין גענענזאץ צום ווארט „מיסטיקער". דאס מיינט דארום ניט צו זאגען, אז ר' מאיר פון ראטהענבערג איז געווען א פילאזאף און א פריי־דענקער. עס מיינט בלויז, אז ער איז ניט געווען קיין מיסטי־קער, כאטש ער האט געמעגט זיין פרימער אפילו ווי ר' יהודה החסיד. אין דעם זעלבען זינן, למשל, קען מען זאגען, אז דער ווילנער גאון איז א ראציאנאליסט און דער בעש"ט—א מיסטי־קער.

ר׳ מאיר פון ראטהענבערג איז געווען א שטרענגער תלמודיסט, איינער פון די וויכ־טיגסטע זיילען פון דער תלמודישער וועלט אין פראנקרייך און אין דייטשלאנד. פון די אלע גרויסע תלמודיסטען אין פראנקרייך און אין דייטשלאנד האבען בלויז דריי מענשען געקראגען דעם טיטול „די ליכט פון גלות“. איינער פון זיי איז געווען ר׳ מאיר פון ראטהענבערג; די איבריגע צוויי זיינען געווען רבינו גרשום און רש״י.

עס איז ניט בעקאנט, אז ר׳ מאיר זאל האבען געפיהרט אן אקטיווען קאמפף געגען די לעהרען פון ר׳ יהודה החסיד און זיינע תלמידים, אבער אלס דער אנערקענטעסטער פאר־שטעהער פון דעם תלמודישען יודענטום אין פראנקרייך און אין דייטשלאנד איז זיין ביישפיעל געווען געננג. איהם צו פערדאנקען האט דער שטודיום פון תלמוד ווידער אויפגע־בליהט. ווי א שטרענגער תלמודיסט האט ער ניט געוואלט וויסען פון די אלע נייע אבערגלויבענס, וואס געפינען זיך ניט אין תלמוד. פאר זיין צייט איז אפילו דאס געווען זעהר פיעל, און זיינע צייט־גענאסען און שפעטערע נאכפאלגער האבען געפונען פאר נויטיג צו דערצעהלען פון זיינטוועגען, אז ער האט, למשל, „ערלויבט מענער צו קוקען אין א שפיעגעל“; אז „ער פלעגט שניידען זיינע נעגעל כסדר“; אז „ער האט ער־לויבט צו געהן אהן א היטעל“; אז „ער פלעגט זיך ניט שאקלען ביים דאווענען“; אז „מען האט איהם געפרעגט וועגען „חבוט־הקבר“, האט ער געענטפערט, איך וויים ניט“. פאר אונז הייגט קען עס אויסקוקען לעכערליך, אבער אין דריי־צעהנטען יאהרהונדערט אין דייטשלאנד האט עס געשמעקט מיט פריידענקעריי...

ר׳ מאיר פון ראטהענבערג איז געבארען געווארען אין וואָרמס בערך אין 1215 און איז געשטארבען אין געפענגנים אין דער פעסטונג ענסישהיים, עלזאס, אין דעם יאהר 1293. ער האט אפגעשטאמט פון א פאמיליע פון גרויסע תלמודיסטען. זיין פאטער איז אויך געווען א בעריהמטער תלמודיסט. צווישען זיינע תלמודישע רביים זיי־

נען געוועזן ר' י צ ח ק פון וויען, ר' י ח י א ל פון פאריז און ר' מ נ ח ם פון ווירצבורג.

ער איז געווען רב אין פערשיעדענע דייטשע שטעדט ווי ק א ז נ י ט ץ, ו ו י ר צ ב ו ר ג, ר א ט ה ע נ ב ו ר ג און מ א י נ ץ. ווי עס ווייזט אוס, איז ער פאר א געוויסע צייט זאגאר געווען דער רב הכולל פון אלע דייטשע אידישע קהלות מיט דער צושטימונג פון דער רעגיערונג.

די לאגע פון די אידען אין דייטשלאנד איז דאמאלס גע־ווען זעהר א טרויעריגע. מארד און רויב זיינען דארטען געווען געוועהנליכע, אלטעגליכע פאסירונגען. די אידען זיינען ניט געווען זיכער ניט מיט זייער לעבען און ניט מיט זייער פער־מעגען. פאר די פערשיעדענע קעניגע און פירסטען זיינען די אידען בלויז געווען אלס מקור פון וואנען געלד צו שעפען. וויסענדיג, אז ביי די אידען איז די מצוה פון „פדיון שבויים" זעהר גרויס, אז די אידען לאזען זיך בלוטען ביז'ן לעצטען גראשען אבי אויסצולייזען א ברודער פון גוי'אישע הענד און פון דער תפיסה, פלעגט די רעגיערונג גאנץ אפט לאזען ארע־סטירען די אנגעזעהענסטע מענשען פון די קהלות, כדי אויף אזא אופן אויסצוצאפען אויסלייז־געלד.

ר' מאיר פון ראטהענבערג איז געווען איינער פון די דאזיגע קרבנות. די רעגיערונג פון דעם קאיזער ר ו ד א ל ף האט שוין לאנג צוריק געווארפען אן אויג אויף ר' מאיר'ן. ווי־סענדיג גאנץ גוט מיט וואס פאר א עהרפורכט און דרך ארץ די אידען פון דייטשלאנד און פראנקרייך קוקען אויף דעם גרויסען רב, האט די רעגיערונג ניט מיט אונרעכט געגלויבט, אז ארעסטירענדיג איהם וועט זי קריגען א גרויסע סומע פאר זיין אויסלייזונג. זי האט דארום בלויז געווארט אויף א געלע־גענהייט. און די געלעגענהייט איז געקומען, ווען ר' מאיר און א טייל פון זיינע פריינד און תלמידים האבען בעשלאסען אויסצו־וואנדערען פון דייטשלאנד קיין ארץ ישראל.

וואס עס האט ר' מאיר'ן בעוועגט, אז ער זאל פערלאזען דייטשלאנד איז ניט איין גאנצען קלאהר. איינער פון זיינע תלמידים דערצעהלט, אז ער האט זיך דערוואוסט דאס די רע־

ציערונג וויל איהם אַרעסטירען. כדי צו קריגען אויסלייז־געלד. און אזוי ווי ר' מאיר האָט ניט געוואָלט, אז צוליעב איהם זאָל מען אַרויפלעגען אזא שווערע לאַסט אויף די אי־דישע קהלות, האָט ער בעשלאָסען זיך אַפּצוטראָגען בעציי־טענס. עס איז אָבער אויך מעגליך, אז ער האָט פּשוט גע־וואָלט פערלאָזען דייטשלאַנד, ווייל ער האָט זיך דאָרטען ניט געפיהלט זיכער, וועהרענד אין ארץ ישראל האָבען די אידען דאַמאָלס געלעבט מעהר אָדער וועניגער רוהיג און אונגע־שטערט. אנקומענדיג אין א שטאָדט אין איטאַליען, אויף'ן וועג קיין ארץ ישראל, האָט איהם א משומד, וועלכער האָט איהם דערקענט, פער'מוסר'ט. און ר' מאיר איז איבערגעלי־פערט געוואָרען צו דעם קאַיזער רודאָלף פון דייטשלאַנד.

דאָס האָט פּאַסירט אין יאָהר 1286, ווען ר' מאיר איז געווען א זקן פון אַריבער זיבעציג יאָהר. די רעגיערונג האָט איהם פערפּאַקט אין דער אויבענדערמאָנטער פעסטונג און האָט געהאָפט צו קריגען א גרויסע „פּותיקוי". דאָ האָט זי אָבער געהאַט א טעות אין איהר חשבון. די אידען זיינען גע־ווען פאַרטיג צו געבען די העכסט מעגליכע סומע פאַר זייער גרויסען רב'ס אויסלייזונג, אָבער ר' מאיר האָט זיי עס פער־באָטען. ער וועט בעסער אָפּלעבען זיינע לעצטע יאָהרען אין א געפענגניס איידער צו געבען א געלעגענהייט די רעגיערונג צו צאַפּען געלד פון די אידען; ער וועט בעסער שמאַכטען ווי א פערברעכער איידער צוליעב איהם זאָלען די אידישע קהלות פעראָרימט ווערען. אויב די אידען וועלען איצטער בעצאָהלען די גרויסע סומע, וואָס די רויבערישע רעגיערונג פאָדערט, וועט עס איהר בלויז אַריינגעבען מעהר חשק און מעהר מוטה ווייטער צו אַרעסטירען די אידישע רבנים. דער גרייז־גרויער זקן האָט אַלזאָ פערבראַכט זיינע לעצטע יאָהרען, זיבען יאָהר, אין דער פעסטונג.

ר' מאיר פון ראָטהענבערג ווערט בעטראַכט אַלס איינער פון די וויכטיגסטע בעלי התוספות אין דייטשלאַנד. זיינע „תוספות'ען" געפינען זיך אויף מעהרערע מסכתות. א חוץ דעם האָט ער אויך געשריבען „שאלות ותשובות" איבער פער־

שיעדענע ענינים צו פערשיעדענע רבנים, און פערשיע־דענע „הלכות“.

אין זיינע דינים האלט ער זיך שטרענג אן דעם תלמוד, און זיין כלל איז, אז „אזוי ווי מען טאר ניט ערלויבען דאס פערבאטענע, אזוי טאר מען ניט פערבאטען דאס ערלויבטע“. אין מאנכע פון זיינע „תשובות“ געפינען זיך ענטפערס, וועל־כע זיינען עפיגראמאטיש: „פערפלוכט איז די פרוי וואס האט א מאן און פוצט זיך ניט, און פערפלוכט איז די פרוי וואס האט ניט קיין מאן און פוצט זיך יא“.

ר׳ מאיר פון ראטהענבערג איז אויך געווען איינער פון די בעסטע „פיטנים“, וואס די דייטשע אידען האבען פון זיך ארויסגעגעבען. זיינע „פיוטים“ געפינען זיך אין די מחזורים און אין די קינות פון די אשכנזים. די בעסט בעקאנטע צווישען זיי איז זיין קלאג־ליעד אויף דער פערברענונג פון דעם תלמוד און אנדערע אידישע ספרים, וואס איז פארגעקומען אין פ א ר י ז אין יאהר 1244. זי פאנגט זיך אן מיט די ווער־טער „שאלי שרופה באש“ און איז א מין נאכאהמונג פון ר׳ יהודה הלוי׳ס בעריהמטע ציון־ליעד: „ציון, הלא תשאלי“. זיין שפראך און זיין ריטהם איז ניט אזוי רייך און אזוי שעהן ווי ר׳ יהודה הלוי׳ס, אבער זיין פיהלען איז ניט פיעל שוואַ־כער פון זיין גרויסען פארגענגער. די פאלגענדע אויסציגע פון דער דאזיגער קנה זיינען איבערזעצט געווארען פון א ב ר ה ם ר י י ז ע ן:

א, וועגד זיך און פרעג, דו פערברענטע אין פייער
אויף דיינע אבלים, וואס דו ביזט זיי טייער.
פרעג נאך וואס עס מאכען, פרעג נאך וואס עס טהוען
די יעניגע וואס גלוסטען אין הויף דיינעם רוהען.
וואס וואַרפען אין שטויב זיך מיט הערצער פול וואונדען
אויף דיינע עץ־חיים׳ס — אין פלאמען פערשוואונדען,
וואס וואנדלען ארום ווי די שאטענס, און זיינען
מיט האפנונג פול, אז די זונן וועט נאך שיינען.
און פרעג אויך אויף יענעם, געבוינען אין דרייען
וואס הערט גאר ניט אויף — אויף דיין אונגליק צו שרייען.
וואס קלאגט ווי א סאווע ביי נאכט אין דער מיטען,

וואס קיינער פון זיי האט זיין שטראף ניט געליטען
ווען דו ביזט אין פייער געווארען געטריבען
און זיי זיינען גאנץ, אונבעשעדיגט געבליבען.

האט גאט דען מיט דיר זיך געדארפט צו אונז ווענדען
ער זאל דיך דערנאכדעם אין פייער פערלענדען?
בארג סיני, האט גאט דיך דערפאר אויסגעקליבען
ער זאל דיך דערהויבען און נאכדעם בעטריעבען?

כ'וועל לאנג אזוי וויינען און גיסען די טרערען
ביז וואנען א טייך פון די טרעהרען וועט ווערען,
און וועלען דערגרייכען צו דיינע צוויי הארען,
וואס ליגען אין הור־ההר — משה ואהרון.
און איך וועל זיי פרעגען, די ליעבע, די טרייע,
צו האבען זיי גרייך דען א תורה, א נייע?
צו ביזטו אין גאנצען שוין איבריג געווארען
און גאט האט דערפאר דיך פערברענט מיט גרויס צארן?

ווי קען דאס עסען זיין זיס צו מיין גומען
ווען איך האב געזעהן ווי מען האט דיך פערנומען.
אין ערגעץ א געסעל, דורך פינסטערע וועגען
און האבען פערשעהמט דיך, פערברענט גאט'ס פערמעגען.

און ווי די אמאליגע אידישע נביאים ענדיגט ר' מאיר פון ראטהענבערג זיין קלאג־ליעד מיט טרויסט־ווערטער:

עס וועט דיר נאך טרייסטען, דער שעפער פון אויבען,
די שבטים אויפקלויבען, געפאלענע — דערהויבען.
דו וועסט זיך פערציערען, אין זיידענס בעקליידען,
א פויק וועסטו נעהמען און טאנצען אין פריידען.
און שטאלץ וועל איך ווערען ווען גאט וועט אנצינדען
זיין ליכט אויף דאס נייע, און די נאכט וועט פערשווינדען.

די אידען אין ענגלאַנד.

XVI

די אידען אין ענגלאנד. זייער פאליטישע און עקאנאמישע לאגע. די פאגראמען און די שחיטות, וועלכע האבען זיך געענדיגט מיט דעם ארויס־טרייען פון די אידען פון ענגלאנד, ווארום די ענגלישע אידען אין מיטעל־אלטער זיינען געשטאנען קולטורעל נידריגער ווי די אידען פון די אנדערע לענדער. ר׳ ברכיה בר נטרונאי הנקדן. זיין „משלי שועלים" און זיינע אנדערע ספרים.

ווען אייגענטליך די אידען האבען זיך אנגעפאנגען צו בעזעצען אין ענגלאַנד, איז ניט אין גאַנצען קלאַר. עס איז אַבער בעוואוסט, אז אין יאהר 1070 האַט וויליאם דער זיעגער אריבערגעבראַכט אין לאַנדאָן אַ געוויסע צאהל אידען פון פראַנקרייך. עס איז זעהר מעגליך, אַז די דאַזיגע אריבערגעבראכטע אידען האַבען עס מיט זיך געבילדעט די ערשטע אידישע קאַלאָניע איז ענג־לאנד, פון וואנען זיי האַבען זיך שפּעטער אויך פערשפּרייט איבער די אַנדערע שטעדט פון לאַנד. עס איז אַבער אויך מעגליך, אַז איינצעלנע אידישע משפחות האַבען זיך שוין גע־האט פון פריהער בעזעצט אין ענגלאַנד, ווייל אידישע סוחרים פון פראנקרייך, הויפּטזעכליך די שקלאַפען־הענדלער, האַבען שוין געהאט פערבינדונגען מיט ענגלאַנד, וואו זיי פלעגען ברענגען זייערע סחורות.

וואס „וויליאם דער זיעגער" האַט בעצוועקט מיט זיין ברענגען די אידען אין לאַנדאָן איז ניט בעשטימט. עס איז די מיינונג פון מאַנכע היסטאָריקער, אַז ער איז ניט אַזוי אוי־

סען געווען די אידען ווי זייער געלד. ער האט זיך גענויטיגט אין א קלאסע מענשען, וואס בעזיצען „פליסענדען קאפיטאל“ כדי ער זאל דורך זיי קענען קריגען די אבצאהלונגען און די צינזען, וואס ער פלעגט קריגען פון די באראנען ניט אין סחורה — ניט אין תבואות, וויינען, פיה, וואלל און אזוי כסדר, ווי עס איז פריהער געווען דער מנהג — נור אין בארען געלד. אין די אידען האט ער געפונען אזא קלאסע מענשען; זיי זיינען אויף אזא אופן געווארען ווי א מין צינזען־זאמלער פון'ם קעניג. דער קעניג האט די אידען געגעבען א פרייע האנד אין זייערע פינאנציעלע אונטערנעהמונגען. ער האט זיי ערלויבט צו נעהמען הויכע פראצענטען אויף זייער געלד, ווייל פריהער אדער שפעטער האט ער דאס געלד אויף אזא אדער אן אנדער אופן אריינגעקראגען צו זיך אין די אוצרות.

די אידען זיינען געווארען דעם „קעניג'ס מענשען“. זיי זיינען געווארען זיין אייגענטהום. דאס איז אין תוך גענומען געווען ניט מעהר ווי א מין „פאנשציזנע“, אויב ניט שקלא־פעריי. אבער די אידען זיינען וועניגסטענס געווען זיכער מיט זייער לעבען. זייענדיג דעם „קעניג'ס מענשען“ און דעם קע־ניג'ס אייגענטהום, זיינען זיי געשטאנען אונטער דער ספע־ציעלער השגחה פון קעניג, וועלכער האט זיי געהאט צו שיצען סאי פון דער בעפעלקערונג און סאי פון די באראנען. זייער עקאנאמישע און פאליטישע לאגע איז דורך דעם געווען א פיעל בעסערע ווי די לאגע פון די פעלד־ארבייטער ביי די באראנען אדער אפילו ווי די לאגע פון די שטאדט־מענשען. אין געוויסע הינזיכטען איז זייער לאגע ניט געווען פיעל ערגער ווי די לאגע פון די באראנען גופא, וועלכע זיינען אויך בלויז געווען דעם קעניג'ס מענשען.

לאנג האט אבער די דאזיגע „גליקליכע“ לאגע ניט גע־דויערט. די אידען אלס צינזען־זאמלער און פראצענטניקעס, בעשעפטיגונגען צו וועלכע מען האט זיי געצוואונגען זיך צו נעהמען, האבען געגען זיך ערוועקט דעם צארן סאי פון די באראנען און סאי פון דער שטעדטישער בעפעלקערונג. פטור

ווערען פון די אידען האט פאר זיי געהייסען פטור ווערען פון די וועקסלען, פון די חובות וואס זיי האבען צו בעצאהלען. די גייסטליכע פון זייער זייט האבען אויך ניט געשוויגען. זיי האבען זיך געהאט זייערע אלטע טענות: די אידען האבען געקרייציגט דעם „ערלייזער" און דערפאר זיינען זיי פעראורטהיילט צו אייביגען ליידען און צו אייביגער שקלאפעריי. די קעניגע, וועלכע בעהאנדלען די אידען ווי מענשען, גאנץ גלייך וועלכע מאטיווען זיי האבען דערביי, בעגעהן דערמיט א זינד געגען גאט.

דער שטורם האט זיך געקליבען פון אלע זייטען, און עס האט ניט לאנג גענומען ווי ער האט אויסגעבראכען מיט ווילדער מאכט. עס האבען זיך אנגעפאנגען א רייהע פון פאגראמען און שחיטות, וועלכע קענען זיך פערגלייכען מיט זייער ברוטאליטעט און אכזריות מיט די ערגסטע אין דער אידישער געשיכטע. די ערשטע שחיטה, ווארום א שחיטה איז עס געווען, איז פארגעקומען אין סעפטעמבער 1189. אויף דער קאראנאציע פון ר י ט ש א ר ד דעם ערשטען האבען די ענגלישע אידען געשיקט א דעלעגאציע צו בעגריסען דעם קעניג ביי דער געלעגענהייט. די דעלעגאציע איז ניט עמפפאנגען געווארען, מסתמא דערפאר וואס די מערדער פון י ע ז ו ס 'ע ן קענען ניט האבען די זכיה צו זיין אנוועזענד ביי אזא הייליגע צערעמאניע. באלד האט זיך פערשפרייט א קלאנג, אז דער קעניג האט בעפוילען צו אויסשלאכטען די אידען. מעהר האט מען ניט בעדארפט. די מאסע אזי בעפאלען דעם אידישען קווארטאל, און ניט קענענדיג איינברעכען אין די שטיינערנע הייזער, וואס די אידען האבען אויסגעבויט אלס שוץ, האט די צווישעטע באנדע אונטערגעצונדען די הייזער, טויטענדיג אלעמען, ווער עס האט גערוכט צו אנטלויפען.

דאס איז געווען ווי א סיגנאל. באלד האבען זיך אנגעפאנגען פאגראמען אין אנדערע ענגלישע שטעדט. אין דעם יאהר 1190 איז פארגעקומען די שחיטה אין י א ר ק. בעלאגערט פון אלע זייטען און ניט זעהענדיג קיין רעטונג פאר זיך,

האבען זיך די אידען איינע די אנדערע אויסגעקוילעט, אבי ניט אריינצופאלען אין די הענד פון זייערע פיינינער. דער רב האט מיט זיינע אייגענע הענד געקוילעט זיין ווייב און צוויי קינדער, דעם שעהנסטען בעל הבית פון שטאדט און דאן זיך אליין. די יעניגע וועלכע האבען ניט געהאט דעם מוטה זיך אליין דעם לעבען צו נעהמען, האפענדיג אז זיי וועלען זיך רעטען דערמיט, וואס זיי וועלען אננעהמען דעם קריסטענטהום, זיינען אלע ערמארדעט געווארען.

די פּאגראמען, און די שחיטות זיינען געווארען א מין בראנישע קראנקהייט. אויף א געוויסע צייט, אויף א פּאר צעהנדליג יאהר, פלעגען זיי אפּלאזען און דאן פלעגען זיי אויסברעכען מיט נייע כוחות און מיט מעהר פרישקייט. די קלענסטע קלייניגקייט האט ארויסגערופען א שחיטה. אין אויגוסט, 1255, האט זיך פערשפּרייט א קלאנג, אז די אידען האבען ערמארדעט א קריסטליכען קינד. קיינע בעווייזע זיי־נען ניט געווען, אבער אייו און נײנציג אידען האט מען אריינגעזעצט אין „טהורם פון לאנדאן“, אכטצעהן האט מען הינגעריכטעט און די איבריגע האט מען געלאזען פוילען אין פערשיעדענע געפענגנגיסע.

די אלע פּאגראמען און שחיטות האבען זיך געענדיגט אויס־געלאזען מיט אן אלגעמיינעם גירוש. אין יאהר 1290 איז ארויסגעגעבען געווארען א גזרה, אז אלע אידען מוזען פער־לאזען ענגלאנד. די אידען איז ערלויבט געווארען צו נעהמען מיט זיך בלויז זייערע „בעוועגליכע רייכטהימער“. נאר ווע־ניגע האבען געקראגען די ערלויבנים צו פערקויפען זייערע הייזער. די אונגליקליכע פערטריבענע זיינען אויפ'ן וועג בערויבט געווארען פון די שיפס־קאפּיטאנען און גאר פיעלע פון זיי זיינען דערטרונקען געווארען אין ים אויף זייער וועג קיין פראנקרייך.

אט אזוי האט זיך געענדיגט דער אויפהאלט פון די אי־דען אין ענגלאנד אין מיטעל־אלטער. קורץ איז געווען זייער אויפהאלט אין ענגלאנד, פון 1070 ביז 1290, און דער לעצ־טער יאהרהונדערט פון זייער זיין דארטען, האט זיך אויסגע־

צייכענט מיט פאגראמען און שחיטות. ערשט אין די לעצטע העלפט פון דעם זיבעצעהנטען יאהרהונדערט האבען די אידען געקראגען ערלויבנים זיך פון דאס נייע צו בעזעצען אין ענג־לאנד, צו פארדאנקען די אונערמידליכע ארבייט פון מ נ ש ה ב ן י ש ר א ל. אינטערעסאנט איז, אז איינער פון די ארגו־מענטען, וואס מנשה בן ישראל האט אנגעגעבען ק ר א מ־ו ו ע ל ע ן צו "ונסטען דער צוריק־אריינלאזונג פון די אידען אין ענגלאנד איז בעשטאנען אין דעם, וואס אזוי ווי משיח דארף סאי ווי סאי באלד קומען (עס איז געווען די צייטען פון ש ב ת י צ ב י און ביי די אידען ווי ביי די קריסטען איז געווען פערשפרייט דער גלויבען, אז משיח קומט), וועלען דאך די אידען ממילא גהען קיין ארץ ישראל.

עס פערשטעהט זיך, אז אונטער אזעלכע שרעקליכע אומשטענדען האט זיך ביי די אידען אין ענגלאנד ניט גע־קענט אויסארבייטען קיין קולטורעלע טהעטיגקייט און קיין קולטורעלען לעבען. דאס ענגלישע יודענטהום אין מיטעל־אלטער איז געבליבען ווי א ניט־בעארבייטע פעלד, וואס האט פון זיך גאר ניט ארויסגעגעבען. אין דעם גאנצען מי־טעל־אלטער האבען די אידען פון ענגלאנד פון זיך ניט ארויסגעגעבען קיין איינציגען ווירקליך גרויסען מענשען, ניט אין דער פילאזאפיע, ניט אין דער וויסענשאפט און ניט אפילו אויף דעם תלמודישען געביעט. עס זיינען געווען רבנים, עס זיינען מסתמא אויך געווען געבילדעטע מענשען, אבער קיינער פון זיי האט ניט געלאזען זיין חתימה אויף זיין צייט.

סמנים פון א קולטורעלען לעבען האבען זיך אנגעפאנגען ארויסצוצייגען ביי די אידען אין ענגלאנד אין צוועלפטען יאהרהונדערט ווען זייער עקאנאמישע און פאליטישע לאגע איז געווען אם בעסטען. מיט דעם אנקומען פון די פאגרא־מען און די שחיטות איז דער דאזיגער לעבען צושטערט גע־ווארען. אין צוועלפטען יאהרהונדערט איז אין לאנדאן גע־קומען צו בעזוך דער וואנדערענדער פאעט א ב ר ה ם א ב ן ע ז ר א, וועלכער האט זיך דארטען אויפגעהאלטען בערך צוויי

יאהר און האָט דאָרטען געשריבען מאַנכע פון זיינע ווערק. דאָרטען האָבען זיך אויך אויפגעהאַלטען א פּאָאר געלערנטע פראַנצויזישע אידען ווי סער יהודה ליאָן, אָבער דאָס זיינען אלץ געווען גרים, פרעמדע געסט.

דער איין איינציגער איד פון בעדייטונג, וואָס האָט גע־לעבט און געשאַפען אין ענגלאַנד איז געווען ר' ברכיה בר נטרונאי הנקדן. ווען און וואו ער איז געבאָרען גע־וואָרען איז ניט בעוואוסט. מאַנכע היסטאָריקער זיינען מיט דער מיינונג, אז ער איז געקומען קיין ענגלאַנד פון דרום־פראַנקרייך. ער איז אַלזאָ אויך ניט געווען קיין געבאָרענער פון ענגלאַנד. ווי די מעשה זאָל ניט זיין, איז עס אָבער איצטער פעסטגעשטעלט געוואָרען, אז ביין ענדע פון צוועלפ־טען יאהרהונדערט האָט ער זיך אויפגעהאַלטען אין ענגלאַנד, וואו ער האָט וואהרשיינליך פערפאַסט זיין בעריהמטען „משלי־שועלים“ (די פאַבלען פון די פוקסען).

דער אויסדרוק „משלי שועלים“, וואָס איז געלעגט אויף פאַבלען פון אלע חיות, געפינט זיך שוין אין תלמוד. דער תלמוד וויים צו דערצעהלען פון דריי הונדערט פוקס־פאַבלען, כאָטש אין תלמוד גופא געפינען זיך וועניג פון זיי. דער תנא רבי מאיר איז געווען א בעריהמטער פערפאַסער פון פאַ־בלען. דער תלמוד זאָגט וועגען איהם, אז „מיט זיין טוידט זיינען געשטאָרבען די פאַבלען־מאַכער“. אלערליי פאַבע־לען און משלים זיינען געווען זעהר פערשפרייט צווישען די אידישע דרשנים, וועלכע פלעגען זיי אָפט געברויכען אום קלעהרער צו מאַכען א געדאַנק און ארויסצודרינגען א מוסר השכל. א חוץ זייערע אייגענע משלים זיינען די אידישע דרשנים געווען בעקאַנט אויך מיט די משלים פון די אנדערע אָריענטאַלישע פעלקער און מיט די גריכישע פאַבלען פון עזאָפּ.

אין דער העברעאישער ליטעראַטור פון מיטעל־אַלטער זיינען געווען מעהרערע פאַבלען־שרייבער, אָבער דער וויכ־טיגסטער און דער אָריגינעלסטער צווישען זיי איז געווען ברכיה בר נטרונאי הנקדן. מען קען זאָגען, אז ער איז נאָך

ביז היינטיגען טאג דער בעסטער פאבעלען־שרייבער אין העברעאיש.

די מעהרסטע פאבעלען וואס געפינען זיך אין „משלי־שועלים“, זיינען איבערזעצונגען. דער מחבר גיט ניט אן די נעמען פון די שרייבער, אבער ער לייקענט ניט, אז זיי זיינען איבערזעצונגען. ער זאגט אין זיין הקדמה: „דאס זיינען פאַבעלען וואס זיינען בעקאנט פאר דער גאנצער וועלט און זיי געפינען זיך שוין אין ספרים פון אלע שפראכען“. אין דעם איז ער שוין פיעל עהרליכער ווי דער רוסישער פאבעלען־שרייבער קרילאוו. ער בעהויפטעט אבער, אז ער האט זיי „פערגרעסערט און פערבעסערט“. אין דער אמת'ען זיינען זיינע פאבעלען פיעל מעהר ווי איבערזעצונגען, זיי זיינען בעארבייטונגען. דער מחבר נעהמט בלויז דעם תוכן, דעם ספור המעשה, אבער ער שרייבט זיי אן אויף זיין אייגענעם שטייגער און ציהט פון זיי זיין אייגענעם מוסר־השכל. דא און דארטען געפינען זיך ביי איהם אויך אריגינעלע פאבעלען אדער גענומען פון תלמוד, ווי צום ביישפיעל, די מעשה מיט דעם פוקס און די פיש, וואס ווערט אין תלמוד דערצעהלט אלס אן ענטפער פון ר' עקיבא צו פפוס בן יהודה. די פאַבעלען זיינען געשריבען אין גראמען, אין א לייכטע און רייכע שפראך.

ברכיה הנקדן'ס פאבעלען זיינען ניט בלויז פון גרוים בעדייטונג פאר דער העברעאישער ליטעראטור, נאר אויך פאר דער פאבלען־ליטעראטור פון די אייראפעאישע פעלקער. זיינע פאבעלען, הונדערט און זיעבען אין צאהל*), זיינען איבערזעצט געווארען אין לאטיין. דער העברעאישער טעקסט מיט א לאטיינישער איבערזעצונג געדרוקט אין יאהר 1661 געפינט זיך אין דער היגער שטאדטישער ביבליאטעק. „אין דייטש זיינען זיי איבערזעצט געווארען פון לעססינג“ (קארפעלעס). די אידען, וועלכע האבען געשפיעלט די ראלע

*) אין דער ווארשעווער אויסגאבע פון 1874 געפינען זיך בלויז דריי און נייצניג.

פון פערמיטלער צווישען דער אַלטער און דער נייער וועלט בנוגע דער פילאָזאָפיע און די וויסענשאַפטען. האָבען אויך געשפּיעלט די זעלבע ראָלע בנוגע דער פאַבעלען־ליטעראַטור. זיי האָבען איבערזעצט די אַראַבישע און די משלים פון די אַנדערע אָריענטאַלע פעלקער אין העברעאיש, און פון דאָר־טען זיינען זיי איבערזעצט געוואָרען אין לאַטייניש און שפּע־טער אויך אין די לעבעדיגע אייראָפּעאישע שפּראַכען.

דאָ וועלען געבראַכט ווערען איינינגע פון זיינע קירצערע פאַבעלען אין אַ פרייער איבערזעצונג.

דער הונט מיט דעם קעז.

א הונד האָט ערגעץ געכאַפּט אַ שטיקעל קעז. האַלטענדיג דעם קעז צווישען די ציינער איז ער אַרומגעלאָפען איבער די גאַסען. און אַט איז ער אַרויף אויף אַ בריק, האָט אַ קוק געטהאָן אין וואַ־סער און דערזעהן אַ צווייטע שטיקעל קעז. „גוט“, האָט ער געטראַכט. „צוויי איז בעסער ווי איינס.“ ער האָט אַ שפּרונג געטהאָן אין וואַסער און גע־וואָלט איינשלינגען דעם צווייטען קעז. אָבער עפענענדיג דעם מויל איז די שטיקעל קעז, וואָס ער האָט געהאַלטען, אויך אַרויסגעפאַלען.

דער מוסר־השכל: ווער עס פערלאַנגט צו־פיעל, פערליערט אויך דאָס וואָס ער האָט.

און אַט איז אַ צווייטע פאַבעל, וועלכער איז אויך אַזוי גוט בעקאַנט ווי דער ערשטער:

דער וואָלף און דער שעפּס.

א דורשטיגער וואָלף איז אַרוים ביין טייך טרינקען. פון וויטען האָט ער דערזעהן אַ יונגען שעפּסיל. „גזלן, רוצח!“ האָט דער וואָלף גע־שטורעמט. „דער טייך בעלאַנגט צו מיר. ווי האָסטו עס געהאָט די חוצפּה מיין טייך צו בעשמו־צען?“ צושראָקען האָט דער שעפּסיל געענטפערט: „איך... איך האָב ניט געוואוסט. וועל עס מעהר

ניט טהאן. וועל זיין דיין טרייער שקלאף פון איצ־טער אן. „חצוף, דו רעדסט נאך, געגען מיר דעם וואלף, רעדסטו? איך קען נאך דיין טאטען, אויך געוועזן א חצוף, האט זיך פערזינדיגט געגען מיר נאך מיט פיער יאהר צוריק". „וואס בין איך שולדיג, בין נאך דאמאלס ניט געבארען גע־ווען, בין קוים א יאהר אלט". האט זיך דער שעפ־סיל געבעטען. מעהר האט דער וואלף ניט געוואלט הערען, און פערצוקט האט ער דעם שעפסיל.

דער מוסר־השכל: יעדער געהט נאך זיין רויב, דער שטארקער פערשלינגט דעם שוואכען.

די צוויי הירשען.

צוויי הירשען זיינען געשטאנען נאהענט איינע נעבען די אנדערע, איינעמ׳ס אויערען נעבען דעם צווייטענ׳ס. איז פערבייגעגאנגען א מענש און האט זיי געפרעגט: „וואס שושקעט איהר זיך אזוי אין דער שטיל, וואס פאר א סודות האט איהר עס צווישען זיך? פאר וועמען האט איהר דען מורא, עס איז דאך סאי ווי סאי קיינער ניטא דערביי?" „סודות", האבען געענטפערט די הירשען, „וועלכע סודות האבען מיר דען? מיר האבען זיך אנגעשפארט איינע אן די אנדערע פשוט פון פוילקייט."

דער מוסר־השכל: א נאר וואס טראגט זיך ארום געהיימניספול ווערט מאנכעס מאל בע־טראכט פאר א חכם. פאנגט איהר אבער אן מיט איהם צו ריידען, זעהט איהר באלד ארוים זיין נא־רישקייט.

דער אקס, דער לייב און דער באק.

אן אקס האט א ברומענדען לייב געטראפען, און איז נאטירליך באלד אנטלאפען. ער האט זיך פערשטעקט ערגעץ צווישען די קוסטעס אין וואלד,

וואו ער האט פּלוצלינג פאר זיך א באק דערזעהן.
„וואס ציטערסטו אזוי, מיין פריינד?“ האט דער
באק איהם געפרעגט. „שטאמען מיר דען ניט פון
איין שטאל?“ „זינט איך האב דעם לייב געזעהן
און זיין ברום געהערט“, האט דער אקס געענט־
פערט, „ווייזען מיר אוים אלע בהמות ווי לייבען“.

מוסר־השכל: ביין שרעק זיינען די אויגען גרוים.

* * *

א חוץ זיינע משלים האט ברכיה אויך געשריבען און איבערזעצט פערשיעדענע ספרים. אין יאהר 1902 האט דר. הערמאן גאלאנץ צום ערשטען מאל אפגעדרוקט פון אן אלטען מאנוסקריפּט זיין ווערק: „ספר החבור וספר המצרף“ מיט אן ענגלישער איבערזעצונג. דארטען בעהאנ־דעלט ער פערשיעדענע פילאזאפישע און עטהישע פראגען, ווי אונשטערבליכקייט, די נשמה, האפנונג, עהרע, ארעמ־קייט, גערעכטיגקייט און אזוי ווייטער. ער ציטירט דארטען דעם אידיש־שפּאנישען פילאזאף אברהם אבן־דאוד. וואס דאס בעווייזט, אז ער איז געווען בעקאנט מיט דער אי־דיש־שפּאנישער פילאזאפיע און ליטעראטור.

די פאָלעמישע ליטעראַטור.

XVII

שפורען פון פאָלעמישער ליטעראטור אין דער ביבעל. פאָלעמישע ליטעראטור אין דער גריכישער עפּאָכע. אריסטאבולוס, פילא דער איד און יאָזעפוס פלאוויאוס. דאס געבורט פון קריסטענטום און די נייע ווענדונג פון דער פאָלעמישער ליטעראטור. די ויכוחים מיט די „מינים" אין תלמוד און אין די מדרשים. די פאָלעמיק מיט די משומדים. „ספר מלחמות ל"ה, פון יעקב בן ראובן. „וכוח" פון רמב"ן.

די פאָלעמישע ליטעראטור ביי די אידען איז זעהר אַלט, כמעט אזוי אַלט ווי דאָס אידישע פאָלק גופא. אזוי שנעל ווי די אידישע רעליגיאָן און די אידישע קולטור האָבען געקראָגען זייערע כאַראַקטעריסטישע אייגענטהימליכקייטען, מיט וואָס זיי האָבען זיך אונטערשיידעט פון די רעליגיאָנען און די קולטורען פון די ארומיגע פעלקער, האָבען די אידען זיך געפונען געצוואונגען, פון איין זייט צו פערטיידיגען מינדליך און שריפטליך זייערע אייגענע לעהרען און פון דער אַנדערער זייט צו אַטאַקירען די רעליגיאָנען פון די פרעמדע פעלקער.

שפורען פון דער דאָזיגער פאָלעמישער ליטעראטור קען מען נאָך געפינען אפילו אין יענע טהיילען פון דער ביבעל, וואָס זיינען נאָך געשריבען געוואָרען איידער דער ערשטער גלות, איידער דער גלות פון בבל. אַלס ביישפיעל קען דיענען דער צעהנטער קאַפּיטעל פון ירמיה, וועלכער איז א

שארפע אטאקע געגען די רעליגיאָנען און די געטער פון די היידנישע פעלקער. אין א שפּראך פון א מייסטער, מיט אַן איראָניע וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט, שילדערט דער נביא, ווי אזוי די געטער פון די פעלקער ווערען געמאכט: א בוים פון וואַלד ווערט אויסגעהאקט, און א סטאָליאר נעהמט זיך צו איהם מיט א הובעל. מיט גאָלד און זילבער ווערט ער בעפּוצט, מיט צוועקעס און מיט האמערען ווערט ער שטארק געמאכט. מען טראָגט איהם, ווייל ער קען ניט געהן. ניטאָ פאר זיי וואָס זיך צו שרעקען, — זיי קענען קיין שלעכטס ניט טהאָן, פונקט ווי זיי קענען ניט טהאָן קיין גוטס! דעם פּאָלעמישען כאראקטער פון דעם דאָזיגען קאפּיטעל קען מען זעהן דערפון, וואָס אין דעם העברעאישען טעקסט גע־פינט זיך פלוצלונג א פּסוק געשריבען אין כאַלדעאיש, וועל־כער פאנגט זיך אַן „כדנא תאמרון להום“ — אזוי זאָלט איהר זיי זאָגען.

מיט דער זעלבער איראָניע און כמעט אין די זעלביגע ווערטער האָט מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר שפּעטער גע־שילדערט דער צווייטער ישעיה די געטער פון די ארומיגע פעלקער. דאַמאָלס זיינען שוין די אידען געווען אין גלות. זייענדיג אין דער פרעמדע, קומענדיג אין נאָהענטער בעריה־רונג און אין צוזאמענשטויס מיט פרעמדע פעלקער, האָט זיך שוין דאַמאָלס געפיהלט א שטארקערע בעדירפנים אין אזא מין פּאָלעמישער ליטעראטור. עס איז שוין געווען א געפאהר, אז דאָס אידישע פאָלק זאָל זיך אויסמישען מיט די אנדערע פעלקער און פערשווינדען צווישען זיי. מען האָט געדארפט מונטערען דעם עולם, געבען איהם האָפנונג, טרייסטען איהם מיט א באַלדיגער ערלייזונג און אין דער זעלבער צייט אויך איבערצייגען איהם, אז זיין רעליגיאָן און זיין קולטור איז אונפערגלייכבאר העכער. ישעיה לאָכט: „דעם בילד האָט דער מעטאַל־גיסער אויסגעגאָסען, און דער גאָלדשמיעד האָט איהם מיט גאָלד איבערגעצויגען און מיט זילבערנע קייטע־לעך. און דער וואָס איז אָרעם קלייבט זיך אויס א האָלץ וואָס פוילט ניט, ברענגט איהם צו א גוטען בעל מלאכה און לאָזט

איהם אין א שטאַרקען גאָט מאַכען" (ישעיה, מ"). נאָך מעהר סאַרקאַסטיש איז ער אין אַן אַנדער פּלאַץ: "א העלפט פון איהם (פון דעם בוים) האָט ער אין א פייער פערברענט; אויף א העלפט פון איהם עסט ער פלייש, בראָט א בראַטען און זעטיגט זיך; ער וואַרעמט זיך דערביי און רופט מיט ענט־ציקען אויס: עס איז מיר וואַרעם, עס איז מיר ליכטיג. און דעם רעשט מאַכט ער זיך צום גאָט, קניעט זיך צו איהם, בוקט זיך און בעט צו איהם: רעטע מיך, דען דו ביסט מיין גאָט. (ישעיה, מ"ד).

דער גלות פון בבל האָט ניט לאַנג געדויערט. די אידען האָבען זיך באַלד צוריק בעזעצט אין זייער לאַנד און האָבען אָנגעפאַנגען צו פיהרען א מעהר אָדער וועניגער זעלבסט־שטענדיגען נאַציאָנאַלען לעבען. דער געפאַהר פון נאַציאָנאַלער אונטערגאַנג האָט מעהר ניט געשוועבט פאַר די אויגען. צוזאַמען דערמיט איז אויך פערשוואונדען די נויטווענדיגקייט פון א פּאָלעמישער ליטעראַטור. די אידישע פיהרער האָבען געזוכט פון דאָס נייע אויפצובויען דעם חרוב'ען לאַנד, צו בעפעסטיגען דעם נאַציאָנאַלען לעבען אויף די יסודות פון דער נאַציאָנאַלער רעליגיאָן און קולטור. זיי האָבען פערטריבען די פרעמדע ווייבער, איינגעפיהרט די נאַציאָנאַלע שפּראַך (העברעאיש), געעפענט שוהלען און אזוי ווייטער. מיט ויכוחים און פּאָלעמיקס האָבען זיי זיך ניט אָפּגעגעבען. זיי האָבען געהאַט צו טהאָן פיעל וויכטיגערע אַרבייט, וואָס איז מעהר נויטיג געווען.

מיט א פּאָר הונדערט יאָהר שפּעטער, ווען די אידען זיי־נען געקומען אין בעריהרונג מיט די גריכען און מיט דער גריכישער קולטור, האָט זיך ווידער אָנגעפאַנגען צו ענט־וויקלען א פּאָלעמישע ליטעראַטור. די גריכען האָט מען ניט געקענט אזוי לייכט אַרונטערמאַכען מיט דער האַנד. די גריכען האָבען אַליין געהאַט א גרויסאַרטיגע און רייכע קול־טור. א חוץ זייער קונסט, וואָס מען האָט נאָך געקענט ווי־עס־איז איגנאָרירען אַלס געצען־מאַכעריי, האָבען זיי אָבער

אויך געהאַט אַ גרויסע פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט. עס איז אויפגעשטאַנען אַווירקליכע געפאַהר, אַז די גריכישע קולטור זאָל אין גאַנצען ניט פערשלינגען די אידישע.

די אידישע אַריסטאָקראַטיע, די רייכע און די מעכטיגע קלאַסען, האָט גלייך אָהן שום שהיות פערראַטהען דעם אייגענעם פאָלק און זיין אייגענע קולטור. די אידישע אַריסטאָקראַטיע איז אין דעם ניט געווען בעסער ווי אַלע אַנדערע אַריסטאָקראַטיען, וועלכע זיינען די ערשטע איבערצונעהמען די קולטור פון דעם הערשענדען פאָלק. און ווי אַלע אַנדערע אַריסטאָקראַטיען, האָט אויך די אידישע בלויז איבערגענומען די אויסערליכע זייט, דעם שאָלעכץ, ניט דעם תוך, ניט די יאָדרע פון דער גריכישער קולטור. זי האָט איבערגענומען די גריכישע שפּראַך, די גריכישע מאַניערען און מנהגים, די גריכישע שפּיעלען און די גריכישע קליידער, אָבער ניט די גריכישע פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט. דער פערראַטה פון דער אידישער אַריסטאָקראַטיע האָט געפיהרט דערצו, וואָס די גריכען האָבען געזוכט מיט געוואַלד ארויפצוצווינגען זייער קולטור אויף דעם אידישען פאָלק, וואָס עס איז ווידער געווען די אורזאַכע פון דער בעפרייאונגס־מלחמה פון די מאַקאַביער.

די געפאַהר פון אַ געוואַלדזאַמער ארויפצווינגונג פון דער גריכישער קולטור אויף דעם אידישען פאָלק איז פערשוואונדען, אָבער די געפאַהר פון דער גריכישער פילאָזאָפיע און די גריכישע וויסענשאַפט, וועלכע קען אונטערגראָבען די יסודות פון דער אידישער אמונה, איז נאָך געבליבען. די פרומע האָבען זיך געהאַט זייער עצה: צו פערבאָטען „חכמת יונית“. עס האָבען זיך אָבער אויך געפונען אַנדערע, וואָס האָבען געהאַט אַ בעסערען מיטעל: זיי האָבען געזוכט צו פעראידישען די גריכישע קולטור. זיי האָבען געזוכט צו מאַכען שלום צווישען די דאָזיגעביידע קולטורען. אָפּלאַכענדיג פון דער גריכישער רעליגיאָן, פון זייער פיעל־געטעריי, האָבען זיי אין דער זעלבער צייט צוגעגעבען, אַז די גריכישע פילאָזאָפען מיט זייער בעגריעף פון גאָט זיינען אויף דעם אמת'ען וועג.

מאנכע פון זיי האבען זאגאר בעהויפטעט, אז די גריכישע פי־לאזאפען האבען געקראגען זייערע לעהרען פון אידישע קוועלען. זיי האבען געזוכט צו בעווייזען, אז די אידישע רעליגיאן און די גריכישע פילאזאפיען זיינען ניט אנטאגאניסטיש איינע צו די אנדערע. זייער ארבייט איז גיכער געווען אן אפאלעגעטישע ווי א פאלעמישע. זיי האבען ניט אטאקירט די גריכישע פילאזאפיע, נאר זיי האבען פ ע ר ע נ ט פ ע ר ט די אידישע תורה, הויפטזעכליך יענע אויסדריקע וועגען גאט, וואס זיינען ניט אין איינקלאנג מיט דעם גאטעס־בעגריף פון דער גריכישער פילאזאפיע.

איינער פון די עלטסטע פון די דאזיגע פערטהיידיגער איז געווען א ר י ס ט א ב ו ל ו ס, וועלכער האט געלעבט אין צווייטען, צי אין דריטען יאהרהונדערט פאר ק ר י ס ט ו ס. פראגמענטען פון זיינע שריפטען ווערען ציטירט פון אלטע קריסטליכע שרייבער. אריסטאבולוס זוכט אויסצוטייטשען מאנכע אויסדריקע פון דער ביבעל, וואס קענען פארשטאנען ווערען, אז גאט איז א קערפער. אזוי, צום ביישפיעל, טייטשט ער אויס, אז „גאט'ס האנד" מיינט „גאט'ס מאכט" און אזוי ווייטער. ער איז דער ערשטער צווישען די אידישע פילאזאפען, וואס האט געמאכט די בעהויפטונג, אז די גריכישע פילאזאפען האבען נעקראגען זייערע לעהרען פון אידישע קוועלען.

פיעל מעהר ווי אריסטאבולוס האט אויף דעם דאזיגען געביעט אויפגעטהאן דער בעריהמטער איד־גריכישער פילאזאף „ פ י ל א ד ע ר א י ד" פון אלעקסאנדריען, וועלכער איז געווען אן עטוואס עלטערער צייט־גענאסע פון קריסטוס. ער קען מיט רעכט בעטראכט ווערען אלס דער פאטער פון די אלע אידישע אללעגאריסטען. ער איז איינער פון די גלענצענדסטע פערטהיידיגער פון די אידען און פון יודענטהום. ער איז מיט דער מיינונג, אז די תורה איז בשום אופן ניט געגען דער גריכישער פילאזאפיע, ווי ער האט איהר פערשטאנען.

צווישען די בעדייטענדע פּאָלעמישע ווערק מוז אויך דערמאָנט ווערען דער בוך „געגען אפּיאָן“ פון דעם בעריהמ־טען אידישען היסטאָריקער י אָ ז ע פ ו ס פ ל אַ ו י אַ ו ס.

* * *

די פּאָלעמישע ליטעראַטור האָט געקראָגען אַ נייע ווענדונג מיט דעם געבורט פון קריסטענטהום. די פּאָלעמיק, גאַנץ אָפט אַ פערביטערטע, איז געפיהרט געוואָרען פוןביידע צדדים, פון די אידען און די קריסטען. זייענדיג פון אָנפאַנג בלויז אַ מין אידישע סעקטע, וואָס זוכט זיך צו בעגרינדען אויף די אַלטע „הייליגע שריפטען“, האָט דאָס קריסטענטהום געזוכט אויסצוטייטשען געוויסע שטעלען פון דער ביבעל אין איינקלאַנג מיט די קריסטליכע לעהרען און דאָגמען. די אידישע בעקעמפּפער פון קריסטענטהום האָבען דאַרום געהאַט אַ דאָפּעלטע אויפגאַבע: פון איין זייט צו בעשטרייטען די קריסטליכע לעהרען און דאָגמען גופא און פון דער אַנדערער זייט צו בעווייזען, אַז די קריסטליכע אויסטייטשונגען פון די ביבלישע שטעלען זיינען פאַלשע. עס זיינען געפאַלען בע־שולדיגונגען פון ביידע זייטען איינע אויף די אַנדערע, אַז זיי האָבען געפעלשט די ביבעל. נאָך אַ וויכטיגער פּונקט, וועגען וועלכער די פּאָלעמיקס זיינען געפיהרט געוואָרען, איז געווען די פראַגע וועגען דעם, צו איז שוין משיח געקומען אָדער ער דאַרף נאָך ערשט קומען. די קריסטען האָבען גע'טענה'עט, אַז י ע ז ו ס איז דער פערשפּראָכענער משיח און אַלע נביאות פון די נביאים וועגען משיח'ס צייטען זיינען שוין מקוים געוואָרען. די אידען האָבען עס, נאַטירליך, אָפּגע־לייקענט.

פון דער קריסטליכער זייט זיינען געבליבען מאַנכע פּאָ־לעמישע ווערק פון יענער צייט. די וויכטיגסטע פון וועלכע איז דער ויכוח צווישען י ו ס ט י ן מ אַ ר ט י ר און דער איד ט ר י פ אַ ן (וואַהרשיינליך דער תנא ט ר פ ו ן). פון דער אידישער זייט זיינען ניט געבליבען קיינע ספרים וועגען דעם פון יענער צייט. דאָ און דאָרטען געפינען זיך אין

תלמוד און אין די מדרשים פראגמענטען פון ויכוחים, וואס די אידישע געלעהרטע האבען געהאט מיט די „מינים“ אדער „פילוספים“, אבער זיי זיינען פערהעלטניסמעסיג זעהר ווע־ניג. דאס קען ערקלערט ווערען דערמיט, וואס דער תלמוד איז פריהער פאר אליץ א בוך פון פראקטישער געזעצגעבונג. עס איז אבער אויך אנצונעהמען, אז די צענזארען האבען פון תלמוד ארויסגעווארפען די דאזיגע אלע ויכוחים און טענות געגען דעם קריסטענטהום. דאס ביסעלע וואס איז געבליבען איז אויך פערביטען און געענדערט געווארען. דער נאמען „נוצרי“ איז אפט פערביטען געווארען אויף דעםווארט „מין“ אדער „פילוסוף“ (שטיינשניידער).

צווישען די תנאים וואס האבען פאלעמיזירט מיט די קריסטען געפינען זיך ר׳ יוחנן בן זכאי, ר׳ יהושע בן חנניא און רבי עקיבא.

די בעקאנטסטע פאלעמיקער צווישען די אמוראים זיי־נען ר׳ שמלאי און ר׳ אבהו. ר׳ שמלאי בע־קעמפפט הויפטזעכליך די קריסטליכע לעהרע פון דריי־איי־ניגקייט. ר׳ אבהו בעקעמפפט אויך די אנדערע קריסטליכע דאגמען, ווי דער „הימעל־ארויפגאנג“, „גאט׳ס פערקערפע־רונג“ און אזוי ווייטער. די פאלעמיק ווערט געפיהרט, ווי עס איז דאמאלס געווען די מאדע, אויף א מגידישען שטיי־גער מיט דרשות און ראיות פון פסוקים. אט איז א ביישפיעל: „איך בין גאט דיין גאט, זאגט רבי אבהו, א קעניג א בשר ודם הערשט און קען האבען א פאטער, אדער א ברודער, אדער א זוהן. גאט זאגט: איך בין ניט אזוי. איך בין דער ערש־טער, — איך האב ניט קיין פאטער; איך בין דער לעצטער — איך האב ניט קיין ברודער; און א חוץ מיר איז ניטא קיין גאט, — איך האב ניט קיין זוהן.“

א מעהר וויסענשאפטליכען כאראקטער האבען אנגע־פאנגען צו קריגען די פאלעמיקס פון די שפעטערע שרייבער, צווישען וועלכע עס קען אויך ארייננערעכענט ווערען רב סעדיה גאון. אין דער זעלבער צייט האט אויך געלעבט א קאראאימישער שרייבער, וועלכער האט ארויסגעזאגט דעם

געדאנק, אז „די קריסטליכע רעליגיאָן, ווי זי ווערט איצטער פּראַקטיצירט, האָט קיין שייכות ניט מיט די לעהרען פון יעזוס'ען. זי איז די ארבייט פון פּאוליען."

ספרים וואס זאלען זיך אָבגעבען ספּעציעל און בלויז מיט פּאָלעמיק האָבען זיך אין דער אידישער ליטעראטור אָנ־געפאנגען צו בעווייזען אין צוועלפטען יאהרהונדערט. כאָטש פערשיעדענע עפענטליכע דעבאַטען און ויכוחים צווישען אי־דישע און קריסטליכע פאָרשטעהער זיינען שוין פריהער פאָר־געקומען. די דאָזיגע ספרים זיינען געווען אַ ענטפער אויף די אנפאלען און די אטאקען, וואס מאנכע משומדים האָבען געמאכט געגען זייערע פריהערדיגע גלויבענס־גענאָסען.

* * *

יעקב בן ראובן'ס ספר „מלחמות ל'ה" איז אייגענטליך געווען אַן ענטפער אויף אַן אַטאַקע אויף דער אידישער אמונה, וואס איז געמאַכט געוואָרען פון דעם משומד מ ש ה ה ס פ ר ד י, א אידישער געלעהרטער און דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך געטויפט אין יאָהר 1106 און האָט אָנגענומען דעם נאָמען פ ע ט ר ו ס א ל פ א נ ז י. אזעלכע אטאקעס פון משומדים זיינען ניט געווען קיין זעלטענע ערשיינונג, אזוי אז דיא אידישע געלעהרטע האָבען זיך געפונען געצוואונגען צו שרייבען פּאָלעמישע טעקסט־ביכלאך געגען קריסטענטהום, כדי דער אידישער עולם זאָל האָבען וואס צו ענטפערען אויף דיא קריסטליכע טענות און ארגומענטען.

דער ספר „מלחמות ל'ה" איז איינגעטהיילט אין צוועלף קאפּיטלען און דאָרטען ווערען ניט בלויז פערוואָרפען דיא קריסטליכע ארגומענטען און אָנגעוויעזען זייערע פעלשונגען אין דער ביבעל, נאָר עס געפינט זיך דאָרטען אויך אַ קריטיק איבער געוויסע שטעלען פון די „עוואנגעליאומס" און די „אַפּאָסטאָלען".

פיעל אינטערעסאנטער און קלעהרער איז דער „וכוח" פון ר מ ב "ן, וואו ער אליין דערצעהלט און גיט איבער דעם וכוח וואס ער האָט געהאַט אין ב א ר צ ע ל א נ א,

אין דער אנוועזענהייט פון דעם קעניג, די הויף־לייטע און בי־
שאפען, מיט דעם משומד פ ר א פ א ו ל א („פראי
פול") אדער פ א ב ל א ק ר י ס ט י א נ י.

רבי מ ש ה ב ן נ ח מ ן (דער רמב"ן) אויך בע־
קאנט מיט דעם נאמען נ א כ מ א נ י ד ו ס און ב א־
נ א ס ט ר ו ק ד א פ א ר ט א איז געווען איינער פון די
בעדייטענדסטע און גרעסטע מענשען, וואס דאס שפאנישע
יודענטהום האט פון זיך ארויסגעגעבען אין דער עפאכע וואס
פאנגט זיך אן פון ר מ ב ם"ם טוידט ביז וואנען דיא אי־
דען זיינען אין גאנצען פערטריעבען געווארען פון שפאניען.

ער איז געווען א גרויסער תלמודיסט, איינער פון דיא
גרעסטע פון זיין צייט, א גרויסער ביבעל־קאמענטאטאר און
איינער פון דיא ערשטע מקובלים אין דער נייער שפאנישער
קבלה. דערצו איז ער אויך גאנץ גוט געווען בעקאנט מיט דיא
וויסענשאפטען און דיא פילאזאפיע פון זיין צייט, און האט
זיך בעשעפטיגט מיט מעדיצין אלס זיין פראפעסיע. ער איז
געבארען געווארען אין ג ע ר א נ א אין יאהר 1194 און
איז געשטארבען אין ארץ ישראל אין יאהר 1270.

ער האט אנגעשריעבען פיעל ספרים איבער תלמודישע
ענינים און אויך קאמענטארען אויף דעם חומש. מען שרייבט
איהם צו געוויסע ספרים איבער קבלה, אבער זייער עכטקייט
קען ניט בעוויעזען ווערען. מאנכע פון די פארשער זיינען מיט
דער מיינונג, אז זיי שטאמען פון שפעטערע שרייבער, וועלכע
האבען זיך בענוצט מיט זיין נאמען. פון זיינע קאמענטארען
אויף'ן חומש איז אבער ארויסצוזעהן, אז ער איז געווען בע־
קאנט מיט דער קבלה און איהרער זאן אנהיינגער.

אין דעם ערשטען קריעג וואס האט אויסגעבראכען וועגען רמב"ם און זיינע ספרים גלייך נאך זיין טוידט, האבען זיך
ביידע צדדים געווענדעט צום רמב"ן. ער האט אויסגעדריקט
דעם גרעסטען רעספעקט צום רמב"ם פאר זיינע גרויסע
תלמודישע קענטניססע, אבער ער איז געווען זעהר
שטארק נעגען איהם פאר זיין פילאזאפיע. דער
רמב"ן איז געווען א שטארקער געגנער פון דעם אריסטאטע־

ליאניזם. ער האָט געזוכט צו מאַכען אַ פּשרה צווישען דיא
קריעג־פיהרענדע צדדים כדי אויסצומיידען מחלוקות און חלול
השם, אָבער דאָס איז איהם ניט געלונגען. ביידע צדדים זיי־
נען געבליעבען אונצופריעדען מיט איהם. פאר דעם רמב"ם'ס
חסידים איז ער געווען צו קאָנסערוואטיוו און פאר זיינע, דעם
רמב"ם'ס, געגנער צו ראדיקאַל.

אין דעם יאָהר 1263, ווען דער **רמב"ן** איז געווען קרוב
פון זיעבעציג יאָהר אַלט, איז ער געצוואונגען געוואָרען צו
פיהרען אן עפענטליכען וכוח מיט דעם אויבענדערמאָנטען
משומד און מוסר.

פּאבלא קריסטיאני איז געווען איינער פון
די שווארצעסטע און שעדליכסטע מוסרים־משומדים, איי־
נער פון דיא ערגסטע און ניעדערטרעכטיגסטע פעררעטהער.
וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט פון זיך ארויסגעגעבען. אַ גע־
באָרענער אין **מאָנפּעליע**, פראנקרייך, איז ער ארי־
בערגעגאנגען צום קריסטענטהום און איז געוואָרען אַ מאָנאך
אין דעם דאמיניקאנער ארדען. וואָס דיא אורזאכע פון זיין
שמד'ען זיך איז געווען, אז ניט בעוואוסט, אָבער ער איז גע־
וואָרען אַ פערביטערטער שונא פון זיינע פריהערדיגע גלוי־
בענס־גענאָסען, זוכענדיג זיי צו שעדיגען אין אלערליי מעג־
ליכע וועגען. אויף זיין מסירה האָט דער פּאבסט **קלע־
מענט** דער פיערטער צוזאמענגערופען אַ קאָמיטעט פון
דאָמיניקאָנער און פראנציסקאנער, צווישען וועלכע **פּאב־
לא** איז אויך געווען, צו רעווידירען און איבערצוקוקען דעם
תלמוד. אלץ וואָס האָט געקענט אויסגעלייגט ווערען געגען
דעם קריסטענטהום איז פון תלמוד ארויסגעוואָרפען געוואָרען.

ער איז אָנגעקומען קיין בארצעלאנא און דורך די גרויסע
רעקאָמענדאציאָנען וואָס ער האָט געקראָגען האָט ער געפּועלט
ביים קעניג פון אראגאָן, אז ער זאָל צווינגען דעם רמב"ן צו
האָבען מיט איהם אַ וכוח. פּאבלא איז געווען זיכער מיט זיין
זיעג איבער רמב"ן, ווייל ער האָט געוואוסט, אז דער לעצטער
וועט ניט קענען זאָגען אלץ וואָס ער וויל און ווי ער וויל. ער
האָט געוואוסט אז דער רמב"ן וועט מוזען זיין צוריקגעהאלטען,

וועהרענד ער פאבלא, וועט קענען ריידען פריי און אונגע־שטערט. ער האט געהאפט, אז דורך א זיעג איבער דעם רמב"ן, דעם גרויסען און בעריהמטען אידישען געלעהרטען. וועט זיין אייגענע דעפוטאציע שטייגען, און דורך דעם וועט איהם אויך געלינגען צו זיין מעהר ערפאלגרייך אין זיין מיס־כיאנערסקער ארבייט.

דער רמב"ן איז אויפגעפאדערט געווארען פון קעניג צו האבען דיא דעבאטע מיט פ א ב ל א ' ן. דער רמב"ן האט זיך ניט געקענט העלפען, און האט אנגענומען די אויפ־פאדערונג. ער האט אבער געשטעלט א בעדינגונג, אז מען זאל איהם לאזען ריידען פריי, ווי ער וויל *).

„די ערלויבניס ווערט דיר געגעבען, אבער דו זאלסט זיך ניט אויסדריקען גראב", האט איהם דער בישאף געזאגט.

„איך וויל ניט זיין פערפליכטעט צו אייך. איך וויל קע־נען זאגען וועגען דעם ויכוח אלץ וואס איך וויל פונקט וויא איהר זאגט אלץ וואס איהר ווילט. איך האב גענוג שכל און אנשטענדיגקייט צו ריידען מיט דרך ארץ, אבער דאס וועל איך טהאן פון מיין אייגענעם ווילען **), האט דער רמב"ן גע־ענטפערט.

פאבלא האט געוואלט ריידען וועגען קלייניגקייטען, וועגען געוויסע נארישע מנהגים און דינים וואס געפינען זיך ביי אי־דען, מיינענדיג אז דערמיט וועט ער צווינגען דעם רמב"ן זיך צו שטעלען אין דער פאזיציע פון א פערטהיידיגער, וואס דאס גופא וואלט שוין געווען א געווינס פאר פאבלאן. דער רמב"ן האט עס פערשטאנען און האט געזאגט: וועגען קלייניגקייטען וויל איך ניט ריידען. אין יעדער אמונה קען מען געפינען פיע־

*) צוה אותי אדוננו המלך להתוכח עם פ ר א י פ ו ל בהיכלו בפניו ובפני יועציו בברצלונה, ואען ואומר, אעשה כמצות אדוני המלך א ם ת ת נ ו ל י ר ש ו ת ל ד ב ר כ ר צ ו נ י.

**) אמרתי להם אינני רוצה להיות בדינכם על זה. אבל שאומר כל רצוני בעניין הויכוח כאשר אתם אומרים כל רצונכם. ואני יש לי דעת לדבר בדרך המוסר (בעניין הויכוח כאשר אתם אומרים), אבל ברצון נפשי יהיה.

לע אזעלכע זאכען, וואָס עס קענען ניט געפעהלען ווערען. איך וויל ריידען פון די סאמע וויכטיגסטע ענינים, אן וואָס אלץ הייננט אָפּ (אלא בדברים שכל הדין תלוי בהם). אנשטאדט זיך צו פערטהיידיגען האָט דערמיט דער רמב"ן איבערגענו־מען דיא אטטאַקע.

עס איז געבליעבען אז מען זאָל דעבאַטירען וועגען דריי פונקטען: 1) צו איז שוין משיח געקומען וויא דיא קריסטען גלויבען אָדער ער דאַרף נאָך קומען וויא דיא אידען גלויבען; 2) צו משיח איז עס גאָט אליין אָדער א מענש געבוירען פון עלטערען; 3) צו דיא אידען אָדער די קריסטען האלטען זיך אן דער אמת'ער תורה*). פיער טעג האָט זיך דער ויכוח געצויגען, און געענדיגט האָט ער זיך מיט א זיעג פאר דעם רמב"ן, וועמען דער קעניג האָט בעדאנקט און נאָך געגעבען א מתנה דריי הונדערט „דינרים".

דאָ איז ניט דער פּלאַטץ איבערצוגעבען דיא גאנצע דע־באַטע. דאָ וועלען בלויז איבערגעגעבען ווערען אייניגע פונק־טען. דער משומד פאבלא האָט זיך אונטערגענומען צו בעוויי־זען פון דעם תלמוד און די מדרשים גופא, אז משיח איז שוין געקומען. ער האָט געבראכט א געוויסען „מדרש איכה", וואו עס ווערט דערצעהלט, אז אין דעם טאָג פון חורבן איז משיח געבאָרען געוואָרען און ער געפינט זיך אין רוים. דער רמב"ן האָט געענטפערט: אויב דאָס איז אזוי, דאן בעווייזט דאָך עס, אז יעזוס איז ניט משיח, ווייל ער איז געבאָרען געוואָרען פריהער. א חוץ דעם האָט דער רמב"ן ווייטער געזאָגט, מיר אידען גלויבען פריהער פאר אלץ אין דער תורה, דאן קומט דער תלמוד אויף וויפיעל ער ערקלעהרט די דינים. די „אגדות" פון תלמוד זיינען ניט מעהר ווי דרשות, און קיינער איז אין זיי ניט מחוייב צו גלויבען.

---

*) ובכן הסכמנו לדבר תחילה בענין המשיח אם בא כפי אמונת הנוצרים או אם הוא עתיד לבוא כאמונת היהודים. אם המשיח הוא האלוה ממש או אם הוא איש גמור נולד מאיש ואשה. ואח"כ נדבר אם היהודים מחזיקים בתורה האמתית או הנוצרים עושים אותה.

אויף דער קריסטליכער בעהויפטונג, אז מיט יעזוס'עס טוידט איז אפגעשאפט געווארען די זינד פון אדם הראשון און עס איז ארפגענומען געווארען פון איהם די קללה, אזוי אז ער האט געקענט ארויס פון גהינום, בעמערקט דעם רמב"ן פארקאסטיש: וואס אין גהינום איז פארגעקומען איז שווער צו וויסען (הרוצה לשקר ירחיק עדותו), אבער צוליעב אדם'ס זינד איז פערשאלטען געווארען די ערד, אז זי זאל שפראצען דערנער און אז דער מענש זאל עסען ברויט מיט מאטערנים. אויך די פרוי איז פערשאלטען געווארען צו ליידען פון וועהע־ניסען ביים געבוירען קינדער, — פאר וואס זיינען די דאזיגע קללות ניט אפגעשאפט געווארען ?

וועגען דעם, צי איז שוין משיח געקומען, זאגט דער רמב"ן: אויף משיח איז געזאגט געווארען, אז ער וועט גע־וועלטיגען איבער דער גאנצער וועלט. יעזוס האט קיין מלוכה ניט געהאט, ער האט זיך געמוזט בעהאלטען פון זיינע שונאים... אויך נאך זיין טוידט האט ער ניט געהאט קיין מלוכה, דיא מלוכה פון די רוימער איז ניט געווען פאר איהם. און אפילו איצטער האבען דיא מאהאמעדאנער א גרעסערע מלוכה.

ווייטער טענה'ט דער רמב"ן: „דער נביא זאגט, אז אין משיח'ס צייטען וועט איינער דעם אנדערען ניט לערנען קיין מלחמה, ווייל די גאנצע וועלט וועט פול ווערען מיט וויסען ווי דער ים איז מיט וואסער פערדעקט, און זיי וועלען צוקלא־פען זייערע שווערדען אין אקער־אייזענס. זינט יעזוס איז גע־בארען געווארען ביז היינטיגען טאג איז די גאנצע וועלט פול מיט אונרעכט און רויב. און די קריסטען פער־גיסען מעהר בלוט ווי די אנדערע אומות**).

**) הנביא אומר שבזמן המשיח לא ילמדו איש את רעהו מלחמה, כי מלאה הארץ דעה כמים לים מכסים, וכתתו חרבותם לאתים.... ומימי ישו ועד הנה כל העולם מלא חמס ושוד, והנוצרים שופכים דמים יותר משאר האומות.

ער לאָזט זיך דאָרטען אויף אריין אין א דיסקוסיע וועגען דעם קריסטליכען גלויבען אין א דריי־אייניגקייט. ער טענה'ט, אויב מען זאָל אפילו אָננעהמען די ערקלעהרונג פון די קריסטליכע טעאָלאָגען, אז זיי מיינען דערמיט בלויז די דריי זייטען פון דער געטליכער נאַטור : חכמה, ווילען און קענען, בלייבט אלץ די פראַגע וואָס זיי מיינען דערמיט. אויב זיי מיינען, אז דאָס זיינען בלויז געטליכע אייגענשאַפטען, טאָ וואָס האָבען זיי פאר א שייכות מיט יעזוס'ען ? אויב זיי בעטראַכטען זיי ווידער אלס דריי בעזונדערע פּערזענליכקייטען, דאַן איז עס ניט אַנדערש ווי פיעל־געטעריי.

די דאָמיניקאַנער האָבען פערשפּרייט דעם קלאַנג, אז פּ א ב ל א איז ארויס דער זיעגער. דער רמב"ן האָט געפונען פאר נויטהיג אָנצושרייבען דעם ויכוח און איהם צו פערשפּרייטען צווישען דעם אידישען עולם. ווען די דאָמיניקאַנער האָבען זיך דערפון דערוואוסט, האָט מען איהם געבראַכט צום געריכט אויף דער בעשולדיגונג, אז ער האָט בעליידיגט די קריסטליכע רעליגיאָן.

דער רמב"ן האָט עס ניט אָפּגעלייקענט. ער האָט אָבער געטענה'ט, אז ער האָט אין זיין „ויכוח" ניט אָנגעשריעבען קיין נייע זאַך, וואָס ער האָט ניט געזאָגט דער עפענטליכער דעבאַטע. און אזוי ווי ער האָט דאַמאָלסט געקראָגען דיא ערלויבניס צו ריידען וואָס ער וויל, זעהט ער ניט איין פאר וואָס מען זאָל איהם בעשטראָפען.

די טענה איז געווען א שטאַרקע, אָבער זיינע ריכטער האָבען איהם בעשטראָפט, אז ער מוז פערלאָזען דאָס לאַנד אויף צוויי יאָהר. דיא דאָמיניקאַנער האָבען געפונען, אז די שטראָף איז א צו לייכטע און זיי האָבען געפּועלט, אז ער זאָל מעהר קיינמאָל ניט טאָרען קומען צוריק אין א ר א ג א ן. א יאָהר דריי האָט זיך דער רמב"ן אויפגעהאַלטען אין דרום פראַנקרייך. אין יאָהר 1267 האָט ער אויסגעוואַנדערט אין ארץ ישראל און האָט ער זיך בעזעצט אין ע כ ו. דאָרטען האָט ער באַלד געקראָגען תלמידים און אָנהייננער, פאר וועגען

מען ער האָט געזאָגט א „שיעור". אין ארץ ישראל האָט ער אויך אָנגעשריעבען זיין פירוש אויף חומש.

זייענדיג אין ארץ ישראל האָט ער געביינקט נאָך שפּאַניען, וואו ער האָט איבערגעלאָזען זיינע קינדער, זיהן און טעכטער. „איך האָב דאָרטען געלאָזען מיין נשמה. מיין הארץ און מיינע אויגען וועלען אייביג זיין מיט זיי".

אין יאָהר 1270 איז ער געשטאָרבען אין ארץ ישראל, וואו ער איז געבראכט געוואָרען צו דער קבורה.

XVIII.

די אידען־פערפאלגונגען אין שפאניען אין פיערצעהנטען יאהרהונדערט. די „אנוסים". פ א ו ל ד ע ס א נ ט א מ א ר י א. זיין שנאה צו אידען און יודענטהום. ר' יהושע בן יוסף א ל ־ ל ו ר ק י און זיין בריעף צו פאול'ען. פ ר א פ י א ט ד ו ר א ן און זיין בעריהמטער „אל תהי כאבותיך". זיין „כלמת הגויים" און זיינע אנדערע ספרים.

גרויסע פאסירונגען, זאגט מען, ווארפען זייערע שאַ־טענס פאראויס. דאס איז אויך אמת בנוגע דעם שרעקליכען גירוש פון די שפאנישע אידען אין יאהר 1492. ער איז געקו־מען ניט אונערווארטעט. די לאגע פון די אידען אין שפאניען איז געווארען ערגער און אונערטרעגליכער כמעט מיט יעדען יאהר זינט די קריסטען האבען דארטען געקראגען די אויבער־האנד איבער די מאהאמעדאנישע מורינען. אם שלימסטען און ערגסטען האט אנגעפאנגען זייער לאגע צו ווערען ביים ענדע פון פיערצעהנטען יאהרהונדערט. עס איז געווען דער אנ־פאנג פון דער ענדע. צו די פערפאלגונגען, צו די הריגות און צו די שחיטות איז גאר ניט געווען קיין גרענעץ.

פיעלע אידען זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם. זיי האבען זיך בעסער געלאזט טויטען מיט אלערליי מיתות משונות, אבי ניט צו פערראטהען זייער גאט, זייער רעליגיאן און זייער פאלק. עס האבען זיך אבער אויך געפונען פיעלע, וואס האבען ניט געקענט ביישטעהן דעם שווערען נסיון און זיינען אריבער צום קריסטענטהום. ניט אויס ליעבע, נאך ווע־ניגער אויס איבערצייגונג, נאר אויס מורא האבען זיי אנגע־

נומען דעם גלויבען פון זייערע פייניגער. מיט א געבראכענעם געמיטה און מיט א שווערער הארץ האבען זיי פערלאזען זייערע גלויבענס גענאָסען און זייערע ליידענס־ברידער און זיינען אריבער איז דעם לאגער פון שונא. דער שונא, זייערע נייע קריסטליכע ברידער, האט זיי קיין צוטרויען ניט געשאנקען. די קריסטען האבען גאנץ גוט געוואוסט און פערשטאנען, אז ניט אויס איבערצייגונג זיינען זיי באקעהרט געווארען צום נייעם גלויבען, און זיי זיינען פערהאסט און פעראכטעט געווארען נאך מעהר ווי די אידען. זייערע נייע קריסטליכע ברידער האבען זיי בעטיטעלט מיט דעם נאמען מאראנאס (פערפלוכטע). די אידען האבען זיך די ערשטע צייט געהאלטען פון ווייטען פון די דאזיגע משומדים אבער ביסלעכווייז זיינען זיי געווארען פריינדליכער צו זיי, בעטראכטענדיג זיי אלס „אנוסים" (געצוואונגענע).

די מעהרסטע פון די דאזיגע אנוסים האבען זיך געהאלטען ביי זייער נייעם גלויבען נאר אזוי לאנג, ווי זיי האבען געמוזט. ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט וואס האט זיך זיי געמאכט, האבען זיי פערלאזען זייער געבורטס־לאנד און אויסגעוואנדערט אין פרייערע לענדער, וואו זיי האבען אפען און אונגעשטערט געקענט לעבען אלס אידען. צווישען די אנוסים האבען זיך אבער אויך געפונען א רעכט ביסעל, וואס האבען זיך מיט דער צייט איינגעוואהנט מיט דער נייער אמונה און מיט דעם נייעם ארט לעבען. זיי זיינען געווארען עכטע שפאניער און האבען אנגעפאנגען שפיעלען ניט קיין קליינע ראלע אין דעם פאליטישען, קולטורעלען און ליטעראַרישען לעבען פון לאנד. זיי זיינען פערלארען געגאנגען פאר דעם אידישען פאלק אין גאנצען. אבער קיין משומדים־להכעיס, קיין אידישע שונאים, זיינען זיי ניט געווארען.

א חוץ די „אנוסים" האבען זיך אבער אויך געפונען פרייוויליגע משומדים, וואס זיינען אריבער אין פיינד'ס לאגער צוליעב פערזענליכע נוצען און צוועקען. זיי זיינען געווארען פערביטערטע שונאים פון זייער פאלק און האבען אנ־

געווענדעט זייער גאנצע ענערגיע, זייערע גאנצע פעהיגקייטען, זייער גאנצען קענען און וויסען צו בעקעמפּפען זייער פּאָלק און זייער פריהערדיגע רעליגיאָן. זיי האָבען ניט געקליבען קיין מיטלען. אלץ איז רעכט געווען. מסירות, בלבולים, בעשמו־צונגען און פערלוימדונגען דאס זיינען געווען זייערע וואפען. זיי פלעגען פער׳ מוסר׳ען דאס אידישע פאָלק און די אידישע אמונה. זיי זיינען געוואָרען הייסערע קריסטען, ווי די קריס־טען גופא. ווי אלע רענעגאטען, צי דאָס איז א פּאסיפיסט, וואס ווערט א מיליטאריסט, צי דאס איז א סאציאליסט וואס ווערט א קאפּיטאליסט, זיינען זיי געוואָרען ווילדערע פערפאָל־גער פון זייערע פריהעריגע גלויבענס־גענאָסען ווי די קריסטען גופא. טהיילווייז איז עס געווען, ווייל זיי האָבען דערמיט געוואָלט ארויסווייזען זייער טרייהייט און איבערגעבענהייט צו דער נייער רעליגיאָן און טהיילווייז צוליעב דעם, וואס זיי האָבען געוואָלט פערשטיקען און פערשרייען זייער אייגענעם געוויסען. זיך אליין איינריידען אז זיי מיינען ערנסט.

איינער פון די וויכטיגסטע פון די דאזיגע להכעיס־משומדים איז געווען פּ א ו ל ד ע ס א נ ט א מ א ר י א, אדער פּ א ו ל ד ע ב ו ר ג א ס. זיין פאטער ר׳ יצחק הלוי איז געווען א גרויסער למדן, א גרויסער יחסן און א רייכער מאַן. ער אליין, מיט זיין אידישען נאָמען ר׳ של מ ה ה ל ו י, איז געווען א געלעהרטער און איינער פון די בעדייטענדסטע תלמודיסטען פון זיין צייט. ער איז אויך געווען רייך און פאר א לאנגע צייט רב אָדער דיין אין בורגאס. דער בעריהמטער תלמודיסט ר י ב ״ ש האָט זיך מיט איהם אי־בערגעשריבען וועגען תלמודישע פראגען. ער איז דערצו גע־ווען זעהר פרום. זיין טויפען זיך אין יאָהר 1390 איז דארום געקומען ווי א דונער אין א מיטען העלען טאָג. קיינער האָט עס ניט געקענט ערוואַרטען.

נאָך זיין טויפען זיך איז פּאול דע סאנטא מאריא גע־פאהרען קיין פּאריז, וואו ער האָט געשטודירט און אין פערלויף פון א פּאָר יאָהר געקראָגען דעם טיטעל דאָקטאר פון טעאָלאָגיע. ער איז שפּעטער געוואָרען אַן ערץ־בישאָף און

האט זיך ארומגעטראגען מיט אמביציעזע געדאנקען צו ווע־
רען קארדינאל און זאגאר פאבסט.

די אורזאכע פון זיין שמד'ען זיך איז ניט אין גאנצען
קלאהר. ער האט בעהויפטעט, אז ער איז בעקהערט געווארען
צום קריסטענטהום דורך די שריפטען פון דעם בעקאנטען
קריסטליכען פילאזאף טהאמאס אקווינא. די אי־
דען, איבערהויפט די וואס האבען איהם געקענט נעהענטער,
האבען עס ערקלעהרט צוליעב זיין עהרגייציגקייט און יאגענים
נאך הערשאפט. אין דער קריסטליכער קירכע האט ער גע־
קענט געפינען מעהר געלעגענהייטען זיך ארויפצוארבייטען
און צו געווינען מאכט און אנזעהן. ווי די מעשה זאל ניט זיין,
דער אמאליגער רב שלמה הלוי איז געווארען איינער פון די
פערביטערטסטע געגנער פון די אידען און פון יודענטהום.
זייענדיג אז איינגעהער אין פאבסטליכען פאלאסט, האט ער
אנגעווענדעט אלע זיינע מעגליכקייטען צו פארערגערען די
לאגע פון די אידען דורך אלערליי מסירות. געגען דער אידי־
שער אמונה איז ער ארויסגעטראטען אפען מיט מעהרערע
פאמפלעטען.

ער איז געווען דער וויכטיגסטער פון די דאזיגע משומדים־
להכעים, אבער בשום אופן ניט דער איינציגער. עס האבען
זיך אויך געפונען אנדערע משומדים, וואס האבען זיך גענומען
צו שרייבען בימערע אטאקעס געגען דעם יודענטהום. די
אידען פון זייער זייט האבען אויך ניט געשוויגען און זיינען
ארויס מיט אטאקעס און פערטהיידיגונגען, אזוי אז דער
פיערצעהנטער און א טהייל פון דעם פופצעהנטען יאהר־הונ־
דערט זיינען געווען די רייכסטע אין דער פאלעמישער
ליטעראטור.

ר' יהושע בן יוסף אל־לורקי, א נאהענ־
טער בעקאנטער און בעוואונדערער פון פאול דע סאנטא
מאריא, ווען ער, דער לעצטער, איז נאך געווען א איד, האט
זיך צו איהם געווענדעט מיט א לאנגען בריעף, אין וועלכען
ער האט דעם משומד אויפגעפאדערט, אז ער זאל איהם ער־
קלעהרען זיין טהאט.

דער בריעף לויטעט בקצור אזוי: „איך גלויב ניט, אז דו ביזט בעקעהרט געוואָרען צוליעב וועלטליכער גדולה און עשירות, ווייל איך געדענק נאָך, ווי דו ביזט געווען אונצופריעדען מיט דיין רייכקייט, ווי דו האָסט געביינקט נאָך אן ארימען לעבען, כדי דו זאָלסט זיך בעסער קענען אפּגעבען מיט'ן לערנען און מיט שטודירען. איך גלויב אויך ניט, אז דו האָסט אנגעפאַנגען צווייפלען אין דער אידישער אמונה צוליעב דער פילאָזאָפיע, וואָס האָט אונטערגעגראָבען איהרע יסודות, ווייל איך ווייס, אז די אמת'ען פון דער פילאָזאָפיע זיינען ביי דיר ניט געווען אין ווידערשפּרוך מיט די אמת'ן פון דער רעליגיאָן. ביזט געווען פרום ביז דעם לעצטען טאָג פון דיין טויפען זיך. צי איז עס מעגליך, אז די פערפאָלגונגען פון די אידען האָבען דיך געבראַכט צום געדאַנק, אז דאָס אידישע פאָלק מוז אונטערגעהן און האָט מעהר קיין האָפנונג ניט? האָסטו דאָך געמעגט ווייסען, אז דער גרעסטער טהייל פון דעם אידישען פאָלק לעבט ניט אונטער דער קריסטליכער הערשאַפט, און ווען אפילו עס איז גאָט'ס גזרה, אז די אידען פון אַלע קריסטליכע לענדער זאָלען פערניכטעט ווערען, וועט נאָך אַלץ דאָס אידישע פאָלק בלייבען.

„מען מוז דארום אננעהמען", שרייבט אל־לורקי סאַרקאַסטיש ווייטער. „אז דו ביזט בעקעהרט געוואָרען צום קריסטענטהום אויס ריינער איבערצייגונג, ווייל דו האָסט איינגעזעהען, אז די קריסטליכע דאָגמען זיינען אמת. איך וואָלט דיר דארום בעטען, אז דו זאָלסט אזוי פריינדליך זיין און מיר אויפקלעהרען איינינע פונקטען:

1) די אויפגאַבע פון משיח'ן, לויט ווי די נביאים האָבען פאָראויסגעזאָגט, איז צו בעפרייען דעם אידישען פאָלק. האָט עס י ע ז ו ס געטהאָן?

2) דער קומענדער משיח דאַרף צוזאַמענקלייבען די אידען פון גלות, ווי אזוי קען עס זיין י ע ז ו ס, ווען די אידען זיינען נאָך דאַמאָלס ניט געווען אין גלות?

3) מיט דעם אנקומען פון משיח, שטעהט געשריבען, וועט ארץ ישראל פון דאָס ניי אויפגעבויט ווערען און די אי־

דען וועלען זיך דארטען אויפהאלטען. די דאזיגע נבואה איז נאך ניט מקוים געווארען, ווייל די אידען זיינען צוזעעט און צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט און די היילינע לאנד איז נאך קיינמאל ניט געווען אזוי חרוב ווי זי איז איצט.

4) נאך משיח'ס קומען, האבען דיא נביאים געזאגט, וועט גאט אנערקענט ווערען פון אללע פעלקער. איז דאס שוין מקוים געווארען?

5) וואו איז דער אייביגער שלום, וואס איז פערשפרא־כען געווארען פאר דער משיח'ס־צייט?

„דאס זיינען בלויז אייניגע פון מיינע צווייפלען בנוגע דער קריסטליכער אמונה", ענדיגט אל־לורקי זיין בריעף „איך וויל דא ניט שרייבען וועגען מיינע צווייפלען בנוגע יעזוס'עס געבורט, זיין טויט, זיין תחית־המתים, זיינע גע־שפרעכען מיט דיא תלמידים און אנדערע פערזאנען, זיינע ניסים און דער גלייבען. דאס וועלען מיר בעשפרעכען מינדליך".

איינער פון די גייסטרייכסטע פערטהיידיגער פון יודענ־טהום און אטאקירער פון קריסטענטהום איז געווען פראפיאט דוראן (דער אפודי). ער איז געבארען געווארען אין לעצטען העלפט פון פערצעהנטען יאהר־הונדערט אין דרום־פראנקרייך. אין זיינע יונגע יאהרען האט ער געלעהרענט תלמוד אין איינע פון דיא דייטשע ישיבות. אחוץ תלמוד האט ער שפעטער אויך שטודירט דיא אנדערע וויססענשאפ־טען, און איז בעריהמט אלס גרויסער העברייאישער גראמא־טיקער און בעדייטענדער פילאזאף. צווישען זיינע מעהרערע ספרים איז זיין העברייאישע גראמאטיק „מעשה אפוד" און זיין פירוש אויף דעם „מורה נבוכים" אם בעסטען בעקאנט.

אין יאהר 1391 איז ער צוליעב דיא שרעקליכע פערפאל־גונגען געצוואונגען געווארען אנצונעהמען דעם קריסטענטהום. ער האט שפעטער זיין גאנצען לעבען זיך ניט געקענט פער־געבען דיא דאזיגע זינד, ווארום ער איז בעסער ניט אומגעקומ־מען אויף קדוש השם. דיא „טבילה־וואסער" האט ער אנגע־רופען די „מיים הזדונים". לאנג האט ער זיך מיט דער

נייער אמונה ניט געהאלטען. ער האט אפגעמאכט מיט זיינעם א פריינד, אז זיי זאלען פערלאזען אייראפא און זיך בע־זעטצען אין ארץ ישראל. ער האט זיך בעדארפט טרעפען מיט זיין פריינד אויף א בעשטימטען פלאטץ. אבער צו זיין איבערראשונג האט ער דארטען זיין פריינד ניט געטראפען. אנשטאט דעם האט ער געקראגען פון איהם א בריעף, וואו דער פריינד זיינער ערקלעהרט איהם, אז ער האט בעשלאסען צו בלייבען ביי דער קריסטליכער אמונה. ער דערצעהלט איהם, אז ער האט זיך געטראפען מיט פאול־דע סאנטא־מאריע, וועלכע האט איהם געעפענט זיינע אויגען און איהם איבערצייגט אין דער אמת׳קייט פון קריסטענטהום. אין דעם דאזיגען בריעף דערצעהלט ער אויך פון דיא גרויסע אמבי־ציעס פון פאול דע־סאנטע מאריע, וועלכער וועט מסתמא ווערען א קארדינאל אדער דער פאבסט אליין.

פ ר פ י א ט ד ו ר א ן האט בעשלאסען צו ענטפערען זיין פריינד איז א לאנגען בריעף, אין וועלכען יעדער פאראַ־גראף פאנגט זיך אן מיט די ווערטער : „אל תהי כאבותיך“ (דוא זאלסט ניט זיין וויא דיינע עלטערען). אין דעם בריעף אטאקירט דוראן אללע קריסטליכע דאגמאן, אבער ער טהוט עס מיט אזא עדעלער און פיינער איראניע, אז פאר א היבשע צייט האבען דיא קריסטליכע פריסטער דאס אנגענומען פאר א פראפאגאנדא פאר דעם קריסטענטהום. זיי האבען דארום דעם דאזיגען בריעף פערשפרייט אלס פראפאגאנדא ליטעראַ־טור אונטער דעם נאמען: „אלטעקא־באטעקא“. ערשט שפע־טער האבען זיי זיך געכאפט, אז ער איז פול מיט לצנות און חוזק פון דיא קריסטליכע דאגמען און האבען איהם, דעם דאזיגען בריעף, פערווארטהיילט צום פערברענען. דיא אידען דאגעגען האבען געטאהן זייער בעסטענס צו פערברייטען דעם „אל תהי כאבותיך“. י ו ס ף ב ן ש ם ־ ט ו ב, א געלעהר־טער און פילאזאף, האט זאגאר אנגעשריעבען א פירוש אויף איהם.

דא וועט בלויז געגעבען ווערען איינינע אויסציגע פון דעם דאזיגען בריעף :

אל תהי כאבותיך. וואס האבען געגלויבט אין אן איין־איינציגען גאט און האבען פון איהם בערויבט איר־גענד וועלכע מערהייט. זיי זיינען פערפיהרט געוועז, ווען זיי האבען געזאגט: הער ישראל, גאט אונזער גאט איז איינער. זיי האבען געמיינט, אז איינער מיינט איינער, ניט קיין צו־זאמענגעשטעלטער אדער מעהרער וויא איינער. דוא ביזט ניט אזוי: גלויבסט אין איינס און דריי, אין איינעם וואס איז דריי און אין דריי וואס איז איינס. ניט דריי איינע נאך דיא אנדערע, נאר דריי צוזאמענגעשטעלטע און פעראייניגט גוף צו גוף. דאס מויל קען פון דעם ניט ריידען און דער אויער קען עס ניט בעגרייפען.

אל תהי כאבותיך. וואס האבען געגלויבט אין א גאט וואס קען ניט געענדערט ווערען אין קיין שום אופן. זיי זיינען פערפיהרט געוועז, ווען זיי האבען געזאגט: איך גאט קען ניט געענדערט ווערען. זיי האבען איהם בערויבט פון אירגענד וועלכער קערפערליכקייט און האבען איהם גע־מאכט צום פשוטען, ריינעם שכל. זיי האבען אויסגעטייטשט דיא פסוקים פון דער תורה, אז זיי זאלען שטימען מיט'ן שכל. ניין, דוא ביסט ניט אזוי. דוא בערויבסט איהם ניט פון קערפערליכקייט, חס ושלום. דוא גלויבסט, אז ער האט זיך אין איינע פון זיינע געשטאלטען פערקליידט אין פלייש, ניט אין גאנצען ער, נאר בלויז א דריטעל פון איהם. ער האט געלאזען פערגיסען זיין בלוט ווי וואסער, כדי זיין פאלק פון זינד אויסצולייזען. דאנק איהם און לויב איהם פאר דעם חסד, וואס ער האט דיר געטאהן דיר צו העלפען און דיר צו רעטען. ער האט געביך אלץ געליטען פון דיינטוועגען, קיין אנדער וועג האט זיין חכמה ניט געפונען, וויא אזוי דיר צו רעטען. גלויב, אז דיא ריינע יונגפרוי איז געבליבען יונגפרוי אויך נאכדעם וויא זיא האט פערשוואנגערט, אויך נאכדעם וויא זיא האט געבוירען אהן יסורים און אהן וועהעניסען. פרעג ניט קיין קשיות, וויא אזוי קען א קערפער ארוים און אריין און אלץ זאל בלייבען וויא געוועז.

אל תהי כאבותיך, וואס האבען זיך פערטיעפט

אין דיא ספורים פון דער וועלט־שעפפונג און האבען דאר־טען געזוכט אויסצוגעפינען דיא סודות, וועלכע זאלען זיין אין איינפערשטענדניס מיט דער פילאזאפיע; וואס האבען דערקלעהרט דעם גן־עדן און דעם גהינום, דיא טייכען, דעם בוים פון וויסען, וועגען אדם און חוה, וועגען דעם שלאנג און דיא פעלענע העמדער. ניין, דוא דארפסט עס ניט. דוא דארפסט זיך ניט גריבלען און זוכען, פאר דיר איז אלץ קלאהר און פשוט. דוא נעהמסט אלץ וויא עס שטעהט געשריבען. נאר דוא לייגסט צו עטוואס וואס שטעהט ניט געשריבען. דוא לייגסט צו, אז פאר זיין זינד איז אדם הראשון איבער־געגעבען געווארען אין דיא הענד פון שטן, ביז וואנען דער ערלייזער האט איהם מיט זיין טויט אויסגעלייזט... ער האט איהם אויסגעלייזט פון א שטראף, וואס איז אין פסוק ניט דערמאנט און האט איהם ניט אויסגעלייזט פון דיא קללות וואס ווערען אין פסוק יע דערמאנט...

אל תהי כאבותיך. וואס האבען זיך פערלאזען אויפן שכל און האבען זיך אפגעגעבען מיט וויססענשאפטען און פילאזאפיע; זיי האבען אויסגעבויט גאנצע פאלאסטען אויף דיא נארישקייטען פון שכל. זיי זיינען פערפיהרט און פערנארישט געווען, ברודער. געה ניט אין זייערע וועגען. דוא דארפסט עס ניט. גלויב אין א טאטען. וואס איז זיך א זוהן און אין א זוהן, וואס איז זיך א טאטען...

אל תהי כאבותיך וואס האלטען זיך אן משה'ס תורה, זיי היטען אפ דיא פערבאטען און דיא פערזאגען... דוא דארפסט עס ניט, דאס קען דיר נאך ברייגען צו שאנדע. זיי ניט מל דיינע קינדער, עס טרפות, טהו וואס דיין הארץ געלוסט און לעב א טאג.

אל תהי כאבותיך. וואס האבען געזאגט, אז דיא ביינער פון אן עזעל זיינען ריין און דיא ביינער פון כהן־גדול זיינען אונריין. ניין, דוא ביסט ניט אזוי. געה אויפן „מא־הילניק“ און נעהם זיך מענשליכע ביינער און מאך דיר דערפון הייליגטהימער... זוך דיא טויטע און וואס בלייבט פון זיי.

נעהם דיר אַ ביינדיל וויא אַ גערשט דיא גרויס און שעטץ עס וויא אַן אבן־טוב, פערהייליג עס און קוס עס.

* * *

א חוץ דעם „אל תהי כאבותיך“ האָט פּראָפּיאָט דוראַן אויך אַנגעשריבען דעם ספר „כלמת הגויים“, וואו די קריסט־ליכע דאָגמען ווערען בעקעמפפט און בעהאַנדעלט אין אַ מעהר ערנסטען טאָן.

XIX.

ר' חסדאי קרשקש. זיין קאמפף נעגען דעם אריסטאטעליאניזם, אייפּט־זעכליך נעגען די אידישע אריסטאטעליאנער ווי דער רמב"ם און דער רלב"ג. זיין קאמפף געגען די דאגמען פון קריסטענטהום און זיין „בטול עקרי הנוצרים". זיין איינפלוס אויף שפינאזא'ן.

ר' חסדאי בר' אברהם קרשקש (קרעש־קאש) איז געבארען געווארן אין בארצעלאנא, שפא־ניען, אין יאהר 1340 און איז געשטארבען אין 1410. ער האט אפגעשטאמט פון א פאמיליע פון גרויסע תלמודיסטען און רייכע מענשען. ער אליין איז אויך געוועזן א גרויסער תלמודיסט און רייכער מאן. זיין רבי אין תלמוד איז געוועזן דער בעריהמטער תלמודיסט און אויך פילאזאף ר' ניסים פון גיראנדי (דער ר"ן). צווישען זיינע נאהענטע פריינד און חברים זיינען געוועזן דער עלטערער ריב"ש און דער אינגערער "אפודי". אין דער וויענער אויסגאבע פון זיין ווערק „אור ה'" געפינען זיך אויף'ן שער די ווערטער „שחיה רב בסרגוסא בשעת השמד" (וועלכער איז געוועזן דער רב אין סאראגאסא אין דער צייט פון דעם שמד). אבער עס איז א צווייפעל צי ער איז איבערהויפט ווען עס איז געוועזן דער אפי־ציעלער רב פון סאראגאסא. די דאזיגע שטעלע איז דאמאלס פערנומען געווארען פון דעם ריב"ש.

אזוי צי אזוי, זיין נאמען און בעדייטונג אלס תלמודיסט איז געוועזן זעהר שטארק פערשפרייט און צו איהם ווי צו דעם

ריב"ש פלעגען זיך די רבנים פון די נעהענטערע און ווייטערע אידישע קהלות ווענדען מיט אלערליי שאלות ותשובות.

זיין רייכקייט און זיין אנזעהן אלס געלעהרטער אפילו צווישען ניט־אידען האט איהם ניט גערעטעט פון די פערפאלגונגען און די ערנידרונגען, וואס די שפאנישע אידען האבען געהאט אויסצושטעהן. צוליעב א בלבול האט מען איהם אין יאהר 1378 אריינגעזעצט אין תפיסה. אין 1391 איז זיין איינציגער זוהן אומגעקומען אויף קדוש השם, ווייל ער האט זיך ענטזאגט אנצונעהמען דעם קריסטענטהום.

די אלע צרות און ליידען האבען אבער ניט אפגעשוואכט זיין איבערגעבענהייט צו דער אמונה פון זיינע עלטערן, וועלכע ער האט געזוכט צו פערטהיידיגען מיט אלע זיינע אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען. די געפאהר פאר דעם יודענטהום איז געווען א דאפעלטע. פון איין זייט זיינען די יסודות פון דער אידישער אמונה אונטערגעגראבען געווארען פון דער אריסטאטעלשער פילאזאפיע, פון די עקסטרעמע תלמידים פון דעם רמב"ם און דעם רלב"ג; פון דעם צווייטען זייט איז זי געשטעלט געווארען אין געפאהר דורך די משומדים און די מוסרים, וואס האבען זיך דאן פארמעהרט. ר' חסדאי קרשקש האט זיך אריינגעווארפען אין קאמפף געגען די ביידע געפאהרען. פון איין זייט פיהרענדיג א פאלעמיק געגען דעם רמב"ם, רלב"ג און דעם גאנצען אריסטאטעליאניזם און פון דעם אנדערען זייט געגען דער מכה פון די משומדים. געגען דעם אריסטאטעליאניזם איז ער ארויסגעטראטען מיט זיין ספר „אור ה'" (גאט'ס ליכט), וועלכען ער האט אנגעשריבען אין א קורצען, קלאהרען העברעאיש. געגען דער משומדים־מכה און די טענות פון די משומדים איז ער ארוים מיט זיין ספר „בטול עקרי הנוצרים" (די צושטערונג פון די קריסטליכע דאגמען), וועלכען ער האט אנגעשריבען אין שפאניש און וועלכער איז איבערזעצט געווארען פון ר' י ו ס ף ב ן ש ם ־ ט ו ב.

ר' חסדאי קרשקש בעקעמפּפט דעם אריסטאָטעליאַניזם ווי א גלויביגער, פרומער איד, אָבער ער בענוצט זיך דערביי מיט די וואפען פון די פילאָזאָפען גופא. ניט דערפאר טויג ניט דער אריסטאָטעליאַניזם, ווייל ער שטימט ניט איין מיט אידישקייט; ניט דערפאר טויג ער ניט, ווייל ער קען אראָפּפיהרען די אידישע יונגע לייט פון דעם רעכטען וועג, ווי דאס איז געווען די טענה פון דעם רשב"א און די אנדערע געגנער פון דער פילאָזאָפיע. לויט קרשקש טויג דער אריסטאָטעליאַניזם ניט דערפאר, ווייל ער איז עצם ניט דער אמת, ווייל זיינע בעווייזע זיינען קיינע בעווייזע ניט, ווייל זיינע הנחות זיינען ניט בעגרינדעט. דער מאָטיוו פון קרשקש'עס קאמפף געגען דעם אריסטאטעליאניזם איז אהן ספק געווען זיין גרויסע איבערגעבענהייט און זיין טיעפער גלויבען אין דעם יודענטהום, אָבער די מעטהאָדען און די מיטלען וועלכע ער געברויכט זיינען פון א פילאָזאָף. ער בעקעמפּפט דעם אריסטאָטעליאַניזם מיט זיין אייגענער וואפע, מיט דער לאָגיק. ער בעווייזט מיט דער הילף פון לאָגיק, אז די מענשליכע לאָגיק איז גאר ניט ווערטה, ווען עס קומט צו אזעלכע פראגען. ער זוכט צו בעווייזען, אז די אלע לאָגישע בעווייזע וואס די אריסטאָטעליאַנער ברענגען צו בעגרינדען די עקזיסטענץ פון גאָט, זיין איינהייט און אזוי ווייטער, זיינען גאַר ניט ווערטה: זיי בעווייזען קיין זאך ניט.

דער רמב"ם אין זיין „מורה נבוכים" ברענגט זעקס און צוואנציג „הקדמות" אדער הנחות „פון די פילאָזאָפען". צו די דאזיגע זעקס און דרייסיג „הקדמות" ברענגט דער רמב"ם נאך זעקס אייגענע „מופתים" אדער בעווייזע. אויף דעם גרונד פון די דאָזיגע צוויי און דרייסיג „הקדמות", אקסיאָמען און טהעאָרעמען, בויט דער רמב"ם אויף זיין גאנצען בנין. איינציגווייז צוגלידערט קרשקש די דאזיגע הקדמות, און מיט א אהן־רחמנות'דיגער און שארפער קריטיק בעווייזט ער ווי גרונדלאָז און אונבעגרינדעט דעם רמב"ם'ס יסודות זיינען. „דער רמב"ם און אפילו זיינע שיחות חולין זיינען אונז טייער

און ליעב, אבער דער אמת איז אונז ליעבער". זאגט קרשקש וועגען דעם רמב"ם.*)

דעם רמב"ם'ס בעוויז, דער אריסטאטעליאנישער בעוויז, פון גאטס עקזיסטענץ ווערט בעגרינדעט אויף דער אונמעגליכקייט פון אן אונענדליכקייט. יעדע זאך וואס איז אין בעוועגונג מוז האבען א בעוועגער. דער בעוועגער א צווייטען,ד ער צוויי־טער א דריטען ביז דער אונענדליכקייט. אבער אזוי ווי קיין אונענדליכקייט עקזיסטירט ניט אין דער ווירקליכקייט, מוזען מיר סוף כל סוף קומען צו אן ערסטען בעוועגער, וואס איז אליין בעוועגלאז. דער דאזיגער בעוועגלאזער בעוועגער איז גאט. קרשקש טענה'ט, אז אן אונענדליכקייט קען יא עקזיסטי־רען, און אז ממילא איז דער גאנצער בעוויז צוזאמען מיט די שליסע פון איהם גאר ניט ווערטה. אויף דעם זעלבען וועג צו־שטערט קרשקש דעם רמב"ם'ס בעוויז וועגען גאט'ס איינ־הייט. אונענדליכקייט אין חלל (רוים) קען עקזיסטירען און עקזיסטירט. גם איז דארום מעגליך די עקזיסטענץ פון אן אונענדליכע צאהל וועלטען, וועלכע מוזען ניט על פי לאגיק דוקא זיין בעשאפען פון איין איינציגען גאט.

דער מענשליכער שכל און די מענשליכע לאגיק איז ניט אונפעהלבאר. דער מענשליכער שכל איז ניט אימשטאנד צו פארענטפערען די דאזיגע פראגען, אבער דאס וואס דער מענש־ליכער שכל קען אונז ניט געבען, גיט אונז די אמונה. זי, די אמונה, לערנט אונז ניט אזעלכע זאכען, וואס זיינען געגען דעם שכל. מען קען ניט און מען דארף ניט גלויבען אין זאכען, וואס זיינען געגען שכל, אבער דאס מיינט נאך ניט, אז מען קען ניט גלויבען אין זאכען, וואס דער שכל איז ניט ביכולת צו בעווייזען.

קרשקש בעקעמפפט אין אלגעמיין דעם אינטעלעקטוא־ליזם פון די אריסטאטעליאנער, לויט וועלכען גאט אליין איז דורכאויס ריינער שכל, און אז דאס העכסטע אין מענשען

*) דברי הרב רבינו ושיחות חולין שלו חביבים עלינו ואהובים אצלנו, הנה האמת אהוב יותר (הקדמה, אור ה').

איז זיין שכל, וועלכער קען זיך ערווערבען אונשטערב־ליכקייט בלויז דורך דעם, וואָס זיין שכל פעראייניגט זיך מיט דעם אלגעמיינעם וועלט־שכל. בעגרינדענדיג זיך אויף דעם איז דער רמב״ם מיט אלע אנדערע אריסטאָטעליאַנער געקומען צום שלוס, אז בלויז דער דאָזיגער מענש איז זוכה צו אונשטערבליכקייט, וועלכער האָט ענטוויקעלט זיין שכל. וואָס מעהר איינעמס שכל איז ענטוויקעלט און פערפאל־קאָמט, אלץ מעהר ווערט ער פאראייניגט מיט דעם וועלט־שכל, אלץ א העכערע מדרגה פון „השארת הנפש״ דערגרייכט ער. לויט דעם קומט אויס, אז דער מענש, וואָס גיט זיך אָפּ מיט מאטהעמאטיק, למשל, איז גיכער זוכה צו אונ־שטערבליכקייט ווי דער פרומער און דער גוטער. קרשקש איז ניט צופריעדען מיט דער דאָזיגער לעהרע, וואָס די פילאָזאָפען האָבען זיך אויסגעטראַכט. גאָט אליין, מיינט קרשקש, איז ניט בלויז ריינער שכל אין זיין נאַטור. ער איז דערצו אויך גוטסקייט און ליעבע, וואָס עס פיהרט דערצו, אז ער זאָל וועל־לען טהאָן גוטס צו די ברואים. גאָט'ס גרעסטע הנאה בע־שטעהט ניט אין דעם, ווי די אריסטאָטעליאַנער ווילען האָ־בען, וואָס ער איז זיך בעוואוסט אין זיין אונבעגרעניצטע אלל־ווייסען, נאָר אויך אין זיין אונענדליכער ליעבע און גוטס־קייט. ליעבע און ניט וויסען איז דער בונד צווישען גאָט און מענשען.

קרשקש בעקעמפּפט דעם רמב״ם אין אלע וויכטיגע פונקטען. ער באַקעמפּפט דעם רמב״ם'ס לעהרע וועגען גאָט'ס אטריבוטען. דער רמב״ם בעהויפּטעט, אז מען קען וועגען גאָט ניט זאָגען קיין זאך פּאָזיטיוועס, נור בלויז נעגאַטיוועס. מען קען ניט, למשל, זאָגען, אז גאָט איז עקזיסטירענד, נאָר מען דאַרף זאָגען, אז ער איז ניט ניט־עקזיסטירענד. קרשקש רופט עס אַן א שפּיעל אין ווערטער, ווארים אז מען זאָגט, אז גאָט איז ניט ניט־עקזיסטירענד מיינט דאָך עס סאַי ווי סאַי, אז ער עקזיסטירט. טאָ פאַר וואָס זאָל מען ניט זאָגען, אז גאָט עקזיסטירט? וואו איז דער חילוק? אויך איז קרשקש ניט איינפערשטאַנען מיט'ן רמב״ם, אז גאָט'ס אטריבוטען זיינען

ניט בלויז אנדערש אין דער מדרגה, נאָר אויך אַנדערש אין מין. גאָט'ס קענען, גאָט'ס וויסען און אזוי ווייטער זיינען אין גאַנצען אנדערש ווי אונזער קענען און וויסען. קרשקש האַלט דאָ מיט'ן רלב"ג. אז זיי זיינען בלויז אנדערש אין מדרגה, אָבער ניט אנדערש אין מין. גאָט'ס וויסען איז אונענדליך העכער און קלערער ווי אונזערער אָבער ניט קיין אנדערער, ווארים אז ניט קען דאָך זיין, אז גאָט'ס וויסען איז גאָר דאס וואס מיר רופען אונוויסען.

דאָ איז ניט דער פּלאַץ מאריך צו זיין וועגען קרשקש'ס פילאָזאָפיע אין אַלע איהרע איינצעלהייטען. זיין גרעסטע בעדייטונג בעשטעהט אין דעם. וואס ער איז געווען דער ערשטער צווישען אידען. וועלכער האָט זיך ערלויבט ארונטערצורייסען דעם גאנצען אריסטאָטעליאניזם, וואס האָט פאר גאנצע יאָהר־הונדערטע פערשקלאַפט די מוחות פון אלע דענקער, סאַי פון די אידישע און סאַי פון די ניט־אידישע. ער איז דער אידישער ג י א ר ד א נ א ב ר ו נ א.

זיין איינפלוס אויף דער אלגעמיינער פילאָזאָפיע איז פיעל וועניגער ווי מען האָט געקענט ערווארטען. פיעלע פון די אידישע פילאָזאָפען נאָך איהם האָבען בעטראַכט זיין ארויסטרעטען געגען אריסטאָטעלם און געגען די אריסטאָטעליאנער אלם א חוצפה. מאַנכע פון דעם רמב"ם'ס חסידים האָבען איהם אַנגערופען נאַר און פאנטאזיאָר. עס איז אָבער איצטער פעסטגעשטעלט געוואָרען פון י א ע ל'ען, אז ש פּ י־נ אָ ז א איז זעהר שטאַרק בעאיינפלוסט געוואָרען פון קרשקש און זיינע לעהרען וועגען די אטריבוטען און וועגען פרייען ווי־לען. שפּינאָזא ווי קרשקש זיינען מעהר נוטה צום געדאנק. אז דער מענש בעזיצט ניט קיין פאָלשטענדיגען פרייען ווילען. אז דעם מענשען'ס טהאטען זיינען אונטערוואָרפען דעם געזעץ פון אורזאכען און פאָלגען. און שפּינאָזא ווי קרשקש זוכען אויף דעם זעלבען וועג צו פערענטפערען די סתירה צווישען גאָט'ס וויסען און דעם מענשליכען פרייען ווילען.

קרשקש טרעט אויך ארויס געגען דעם רמב"ם'ס דריי־

צעהן „עיקרים". וועגען מאגכע פון די דאזיגע עיקרים זאגט קרשקש, אז כאטש זיי זיינען אזעלכע זאכען, וואס יעדער איד דארף אין זיי גלויבען, אבער דער וואס גלויבט אין זיי ניט קען ניט אנגערופען ווערען קיין אפיקורס.

*　*　*

מיט דעם זעלבען טאן פון געלעהרטען און פילאזאף ווי קרשקש בעקעמפפט דעם אריסטאטעליאניזם בעקעמפפט ער אויך די דאגמען פון קריסטענטהום. ער לאכט ניט און חוזק'ט ניט. ער בעהאנדעלט די פראגען ערנסט. זיין אפ־האנדלונג איז מעהר א פערטהיידיגונג פון יודענטהום ווי אן אטאקע אויף דעם קריסטענטהום. זיין „בטול עקרי הנוצרים" איז איינגעטהיילט אין צעהן שערים אדער קאפיטלען און יע־דער קאפיטל בעהאנדעלט א בעזונדערע דאגמע.

דער ערשטער קאפיטעל רעדט וועגען דער זינד פון אדם הראשון און זיין בעשטראפונג. אין צווייטען קאפיטעל ווערט גערעדט וועגען יעזוס'עס טוידט אלס ערלייזונג פון דער זינד. דער דריטער קאפיטעל רעדט וועגען דער דריי־אייניג־קייט. דער פיערטער וועגען יעזוס'עס פערקערפערונג. דאן וועגען מאריע, וואס איז געבליבען א בתולה; וועגען דער בע־דייטונג פון דער טבילה־וואסער; וועגען משיח'ן און וועגען דער נייער תורה וואס איז געגעבען געווארען.

XX.

די פאלעמישע ליטעראטור אין די דייטשע און די סלאווישע לענדער. ליפמאן מילהויזען און זיין „ספר הנצחון“. דער קאראאים יצחק בן אברהם טראקי. זיין קלאסישע ווערק „חזוק אמונה“. זיין קריטיק פון דעם „ברית חדשה“ און זיין איינפלוס אויף די קריסטליכע פריידענקער ווי וואלטער און דייוויד פרידריך שטרויס.

די פאלעמישע ליטעראטור ביי די אידען אין די דייטשע און די סלאווישע לענדער האט זיך אנגעפאנגען צו ענטוויקלען פיעל שפעטער ווי צווישען די אידען פון שפאניען און דרום־פראנקרייך. דאס איז צו ערקלעהרען דערמיט וואס זייער פאליטישע און עקאנאמישע לאגע איז געווען אזוי שלעכט, אז זיי האבען ניט געהאט דעם מוטה און דעם נויטיגען גערולד ארויסצוטרעטען געגען די אלע פערלוימדער און די בעשמוצער פון יודענטהום, וועלכע האבען זיך דארטען. איבערהויפט אין דייטשלאנד, שטארק פארמעהרט. דערצו איז זייער קולטורעלער צושטאנד בכלל געווען אויף א ניעדריגערע מדרגה. זיי זיינען ווייניג געווען בעקאנט מיט דער פילאזאפיע פון יענער צייט און בלויז יחידי סגולה זיינען געווען בעקאנט מיט דער דאמאלסדיגער וויסענשאפטליכער שפראך, מיט לאטייניש. זיי האבען פשוט ניט בעזעסען די נויטהיגע וואפען צו אזא קאמפף. עס האט זיי געפעהלט דער נויטהיגער וויסען.

דער ערשטער פאלעמישער שרייבער פון דייטשלאנד, וועמעס שריפטען עס זיינען געבליבען, איז געווען ליפמאן

מ י ל ה ו י ז ע ן. ער איז געווען אַ עסטרייכער. ער האָט געלעבט אין ענדע פערצעהנטען און אין אנפאנג פופצעהנטען יאהרהונדערט אין ק ר א ק א און אין פּ ר א ג. אין יאהר 1399 איז ער מיט פיעלע אנדערע אידען אריינגעווארפען געווארען אין תפיסה צוליעב א מסירה פון א געוויסען משומד פּ ע ט ע ר. אַז זיי האָבען בעליידיגט דעם קריסטענטהום. עטליכע און זיעבציג אידען זיינען צוליעב דער דאָזיגער מסירה ערמאָרדעט געוואָרען דורך פערברענען. מילהויזען איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט זיך גערעטעט פון טויט.

ל י פּ מ א ן מ י ל ה ו י ז ע ן איז דער פערפאסער פון „ספר הנצחון" (דער בוך פון זיעג). אין דעם דאָזיגען ספר פּאָלעמיזירט מילהויזען ניט בלויז געגען דעם קריסטענטהום און די קריסטליכע דאָגמען, נאָר אויך געגען די קאראאימען און די אטהעאיסטען. זיין אַרט שרייבען און די גאַנצע צוזאַמענשטעלונג פון דעם „ספר הנצחון" שמעקט גאַנץ שטאַרק מיט מגידות און א היבש ביסעל בטלנות. דאס איז א מין דרוש אויף יעדען טאָג, און יעדער דרוש פאַנגט זיך אַן מיט א פּסוק.

ווי עס ווייזט אויס איז ער אָבער געווען גוט בעקאַנט ניט בלויז מיט דעם „ברית חדשה", וואָס דאָס איז געווען א זעלטענהייט צווישען די דייטשע תלמודיסטען, נאָר אויך מיט דער אידיש-שפּאַנישער פילאָזאָפיע. און ער ציטירט אָפט דעם רמב"ם, אבן עזרא, סעדיה גאון און אנדערע.

זיינע אַרגומענטען געגען קריסטענטהום זיינען גאַנץ שטאַרקע, אָבער זיי זיינען צו־וואָרפען אָהן א סדר און א סיסטעם. זיין אַרגומענט געגען יעזוס'עס געטליכקייט לויטעט: „אויב גאָט וואָלט ווירקליך וועלען אראָפּלאָזען זיך אויף דער ערד אין דעם געשטאַלט פון א מענשען, וואָלט ער אין זיין אַל־קענען געקענט געפינען אַן אַנדער וועג און ניט דאַרפען געבוירען ווערען דורך א פרוי". וועגען דער קריסטליכער בעהויפּטונג, אַז י ע ז ו ס האָט מיט זיין טויט אויסגעלייזט פון אייביגער פערדאַמונג די צדיקים פון די דורות וואָס האָבען געלעבט פאַר איהם, פרעגט מילהויזען: „פאַר

וואס האט גאט אין זיין גוטסקייט ניט געמאכט, אז יעזוס זאל געבארען ווערען פריהער און פערשפארען די ליידען פון די פרומע פון יענע פיעלע דורות פאר א זינד, וואס זיי זיינען ניט בעגאנגען?"

דער „ספר הנצחון" איז איבערזעצט געווארען אין לאטיין און ער האט ארויסגערופען געגען זיך א גאנצע ליטעראטור. קריסטליכע בישאפען און קריסטליכע געלעהרטע האבען גע־פונען פאר נויטיג צו פערענטפערען זיינע קשיות און ווידער־לעגען זיינע ארגומענטען.

דער וויכטיגסטער און דער בעדייטענדסטער פאלעמי־שער ספר געגען קריסטענטהום אין דער גאנצער העברעאישער ליטעראטור איז פערפאסט געווארען פון א קאראאים, י צ ח ק ב ן א ב ר ה ם ט ר א ק י.

יצחק בן אברהם איז געבארען געווארען אין ט ר א ק י, ווילנער גובערניע, אין יאהר 1533, און איז דארטען גע־שטארבען אין יאהר 1594. זיין רבי אין תנ"ך און אין דער העברעאישער ליטעראטור איז געווען דער געלעהרטער קא־ראאים צ פ נ י ה ב ן מ ר ד כ י. די לאטיינישע און די פוילישע שפראכען מיט זייערע ליטעראטורען האט ער געלע־רענט פון קריסטליכע לעהרער. ער האט אויך געהאט א היב־שע ידיעה אין דער פילאזאפיע און איז געווען גוט בעקאנט ניט בלויז מיט דעם „ברית חדשה", נאר אויך מיט דער קריסטליכער טעאלאגיע און מיט די לעהרען פון די אלע פער־שיעדענע קריסטליכע סעקטען.

קומענדיג אין נאהענטער בעריהרונג מיט דער קריסטלי־כער אריסטאקראטיע, מיט זייערע געלעהרטע און גייסטליכע, דערצעהלט ער אין זיין הקדמה, איז איהם אפט אויסגעקומען צו הערען, ווי זיי פלעגען מאכען חוזק פון דער אידישער אמונה. איהם פלעגט אויסקומען צו הערען זייערע טענות גע־גען דעם יודענטהום און ווי זיי פלעגען זיך דערביי נאך שטי־צען אויף פסוקים פון דער אידישער תורה און פון די אידישע נביאים גופא. דאס האט איהם בעוואוגען צו שרייבען זיין

ספר, וועלכען ער האט א נאמען געגעבען „חזוק אמונה“ (די פערשטארקונג פון גלויבען).

דער „חזוק אמונה“ בעשטעהט פון הונדערט קאפּיטלען און איז איינגעטהיילט אין צוויי טהייל. אין די ערשטע דריי און פערציג קאפּיטלען זוכט דער מחבר צו פארענטפערן די אלע טענות, וואס די קריסטען האבען געגען דעם יודענטהום. פון דעם פיער און פערציגסטען ביז דעם פופציגסטען קאפּי־טעל שטעלט ער ארויס זיינע טענות געגען דעם קריסטענטהום. די לעצטע ניין און פערציג קאפּיטלען זיינען א קריטיק איבער דעם ברית ה׳׳שה׳ וואו דער מחבר פון דעם „חזוק אמונה“ זוכט צו בעוויזען, אז די צוזאמענשטעלער פון דעם „ברית חדשה“ זיינען געווען גרויסע פּראסטאקעס און האבען פאלש ציטירט די פסוקים פון דער תורה און פון די נביאים. א חוץ דעם זוכט ער צו בעווייזען, אז זיי זיינען זיך איינע די אנדערע סותר און ווייסען אליין ניט וואס זיי ווילען.

דער „חזוק אמונה“ איז א מייסטער־ווערק. די שפּראך איז קורץ און לייכט. זיין קריטיק פון דעם ברית חדשה איז במעט מאדערנע וויסענשאפטליך. דער איינציגער פעהלער זיינער איז, וואס ער וויעדערהאלט זיך צו אפט.

דער „חזוק אמונה“ איז איבערזעצט געווארען אין לאטייניש, דייטש, ענגליש און אין אנדערע שפּראכען און איז געווארען אן אונערשעפּליכער קוואל פאר די קריסטליכע פריידענקער. וואלטער אין זיינע אטאקען געגען דעם קריסטענטהום האט זיך בענוצט מיט די ארגומענטען און די קריטיק פון דעם מחבר פון „חזוק אמונה“, וועמען ער ציטירט. דער קריסטליכער געלעהרטער און פארשער דייוויד פריעדריך שטרויס האט זיך מיט איהם בענוצט אין זיין ווערק „דאס לעבען פון יעזוס“. דער „חזוק אמונה“ האט דורך דעם געקראגען אן אלגעמיינע וועלט־בעדייטונג.

די תלמודישע אידען האבען גאר פארגעסען, אז דער מחבר איז א קאראאים, און האבען זיך אויף איהם ארויפ־געווארפען ווי אויף אן אבן טוב. דער „חזוק אמונה“ איז גע־

ווארען א מיז טעקסט־בוד פון פאלעמיקס געגען קריסטענ־טהום. אין מאנכע אויסגאבען איז אויסגעלאזען געווארען דער פאקט, אז דער מחבר איז געווען א קאראאים. אין דער לייפציגער אויסגאבע פון 1857 שטעהט אויפ'ן שער מ ר ד כ י י צ ח ק ב ן א ב ר ה ם, און אנשטאט „איש טראקי" האט מען אוועקגעשטעלט „איש קראקא". א תלמודישער שרייבער האט זאגאר אריינגעשמוגעלט אין טעקסט אויסציגע פון די תלמודישע שרייבער.

די ארגומענטען, וואס דער מחבר פון „חזוק אמונה" גע־ברויכט געגען די משיחות פון יעזוס'ען זיינען ניט קיין נייע. זיי זיינען אונז שוין בעקאנט פון די פריהערדיגע פאלעמישע שרייבער. די הויפט טענה בעשטעהט אין דעם, וואס מיט דעם אנקומען פון משיח'ן דארפען, לויט די הבטחות פון די נביאים, אלע מלחמות פערשווינדען. מיט דעם אנקומען פון יעזוס'ען זיינען די מלחמות און די בלוט־פערגיסונגען ניט נאך מעהר, נאך אפטער און נאך ברוטאלער. אויב מען זאל גלויבען אין די נביאים, און די קריסטען בעהויפטען דאך אז פערשוואונדען געווארען, נאר, אדרבא, זיי זיינען געווארען זיי גלויבען, דאן קען י ע ז ו ס ניט זיין דער ערווארטעטער משיח. נאך מעהר, יעזוס זאגט אויף זיך: „מיינט ניט, אז איך בין געקומען ברייגנען פריעדען אויף דער וועלט. איך ברייגג דעם שווערד, וואס וועט פערנאנדערטהיילען א זוהן פון א פאטער, א טאכטער פון איהר פאטער און א שנור פון איהר שוויגער."

ווייטער פרעגט דער מחבר, „וואס פאר א שייכות האט יעזוס מיט דער פאמיליע פון דוד? שוין אפגערעדט דערפון, וואס זיין יחוס־צעטעל ווי עס ווערט אנגעגעבען פון מ א ט־ה י א ו ס, שטימט ניט מיט דעם יחוס־צעטעל, וואס ל ו ק ו ס גיט אן, שוין אפגעזעהן דערפון, איז דאך דער דאזיגער יחוס־צעטעל דער יחוס פון י ו ס ף'ען, וועלכער איז אבער ניט דער פאטער פון יעזוס'ען. יעזוס איז דאך געבארען געווארען פון היילינגען גייסט, ווען מרים איז נאך געווען א בתולה, טא וואס פאר א שייכות האט דער יחוס פון יוסף'ען, וועלכער איז ניט

דער פאטער פון יעזוס'ן, מיט יעזוס'ן? (לפי זה אין יחוס יוסף מועיל לישו כלום). אויב מען זאָל גלויבען אין די נביאים, און די קריסטען בעהויפּטען דאָך, אז זיי גלויבען, דאַן קען יעזוס ניט זיין דער משיח, ווייל ער שטאַמט ניט פון דער פאַמיליע דוד.

די אידען ווערען בעשולדיגט, אַז זיי האָבען געפּייניגט און געקרייציגט יעזוס'ען. פרעגט זיך: האָבען זיי עס געטהאָן מיט יעזוס'עס ווילען אָדער געגען זיין ווילען? אויב זיי האָבען עס געטהאָן מיט זיין ווילען, הייסט דאָס עס, אז זיי האָבען געטהאָן דעם ווילען פון גאָט, וואָרום איהר קריסטען בעהויפּטעט דאָך, אַז יעזוס איז גאָט. דערפאַר קומט דאָך זיי ניט צו בעשטראָפען, נאָר פאַרקעהרט, צו בעלוינען. אגב, אויב זיי האָ־ען עס געטהאָן מיט זיין ווילען, טאָ פאַר וואָס איז ער געווען אזוי טרויעריג און האָט געבעטען, אז דעם דאָזיגען כוס זאָל מען איהם ניט געבען? פאַר וואָס האָט ער אויסגעשריען „גאָט, מיין גאָט, וואָרום האָסטו מיר פערלאָזען?“ ווי קען גאָט פערלאָזען גאָט? אויב ווידער די פּייניגונגען און די קרייטציגונג איז געטהאָן געוואָרען געגען זיין ווילען, און ער האָט די אלע יסורים געליטען איבער געוואַלט, טאָ וואָס איז ער פאַר א גאָט, וואָס קען זיך אליין ניט העלפען? (חזוק אמונה, פרק מ"ז).

מען קען פרעגען די קריסטען: איהר גלויבט זעהר שטאַרק אין יעזוסען, אָבער איהר גלויבט ניט אין די ווערטער פון איהם און פון זיינע שלוחים און איהר פאָלגט ניט, וואָס ער און זיי האָבען אייך געלערענט. ערסטענס, ער רופט זיך אין ערגעץ ניט גאָט. ער רופט זיך „מענשען־קינד“, און איהר רופט איהם גאָט, וואָס ער האָט אייך אין ערגעץ ניט בעפוילען. צווייטענס, יעזוס זאָגט: מיינט ניט, אז איך בין געקומען צושטערען די תורה און די נביאים. איך בין געקומען זיי ערהאַלטען. הימעל און ערד וועלען בטל ווערען און אפילו איין אות פון דער תורה וועט ניט בטל ווערן“. און איהר גלויבט, אז משה'ס תורה איז בטל געוואָרען. דריטענס, ווען דער רייכער מאַן האָט געפרעגט יעזוס'ען, וואָס דאַרף איך

טהאן כדי איך זאל זוכה זיין צום אייביגען לעבען. האט ער געענטפערט: היט די מצוות: מארד ניט, זיי ניט מזנה, זאג ניט קיין פאלשע עדות, גיב כבוד דיין פאטער און מוטער און ליעב דיין חבר ווי זיך זעלבסט. דערפון איז צו זעהן, אז יעזוס האט געפאדערט צו טהאן די מצוות אום זוכה צו זיין צום אייביגען לעבען, וועהרענד איהר גלויבט, אז נאר דורך גלויבען אין יעזוס'ען קען מען דאס עררייכען. יעזוס האט געלערענט, אז מען גיט דיר א פאטש אין איין באק, זאלסטו איהם דערלאנגען די צווייטע באק, אז מען נעהמט ביי דיר דעם אויבער־ראק, גיב איהם אויך די העמד. איך האב נאך ניט געטראפען קיין קריסט, וואס זאל עס טהאן. (חזוק אמונה, פרק מ"ט).

אין דעם פופציגסטען קאפיטעל פערברייטעט זיך דער מחבר פון „חזוק אמונה" וועגען די דאזיגע פונקטען און זוכט צו בעווייזען, אז דער קריסטענטהום פון היינט איז אין גאנצען ניט דער קריסטענטהום פון יעזוס'ען. יעזוס האט קיינמאל ניט געהייסען גלויבען אין א דריי־אייניגקייט. יעזוס האט זיך אין ערגעץ ניט גערופען גאט. יעזוס האט אויסדריקליך פערבאטען צו מאכען געטצען. יעזוס האט קיינמאל ניט געזאגט, אז מען זאל פיינט האבען און נעהמען נקמה אן די אידען. פערקעהרט, ער האט פאר זיי תפלה געטהאן און האט געזאגט: פארגיב זיי, פאטער, זיי ווייסען ניט וואס זיי טהוען. יעזוס האט געהייסען זיינע נאכפאלגער צו פערקויפען זייערע נחלות און צוטהיילען צווישען ארעמע לייט. יעזוס האט געהייסען ליעב האבען די שונאים, בענשען די, וואס שילטען אייך. איך האב נאך ניט געטראפען א קריסט, וואס זאל עס טהאן."

פיעל אינטערעסאנטער איז זיין קריטיק פון דעם „ברית־חדשה", וועלכע האט נאך ביז היינטיגען טאג ניט פערלארען איהר ווערטה.

„דער „ברית חדשה" איז געשריבען געווארען בערך דריי הונדערט יאהר נאך יעזוס'עס טוידט. מארקוס און לוקוס האבען געשריבען זאכען, וואס זיי האבען געהערט פון

אנדערע און ניט וואס זיי האבען אליין געזעהן אדער גע־הערט. ווי קען מען זיך דען אויף זיי פערלאזען? אין פיעלע פּלעטצער זיינען זיך די שרייבער סותר איינע די אנדערע, וואס דאס בעווייזט אויך, אז זיי האבען זייערע ידיעות ניט געקראגען פון דעם זעלבען קוואל. גאנץ אפט ברייינגען זיי פּסוקים פון דער תורה און די נביאים אנדערש ווי זיי זיינען געשריבען אין דער אמת'ען. וואס דאס בעווייזט, אז דער ברית־חדשה איז צוזאמענגעשטעלט געווארען פון פראס־טאקעס."

נאך דער דאזיגער הקדמה אדער ווי ער רופט עס „הצעה", גיט דער מחבר א טיעפע און אויספיהרליכע קריטיק פון די פיער עוואנגעליאומס, פון „די ווערק פון די שליחים", פון פּאול'ס עפּיסטלען און פון „יוחנן'ס זעהונג". ווי עס איז שוין בעמערקט געווארען, האבען זיך מאנכע פון די נייעסטע פאר־שער בענוצט מיט פיעלע פּונקטען פון זיין קריטיק.